STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 04097

ZIKHROYNES FUN A YIDISHN ARBETER

Joel Nowikow

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

יואל נאָוויקאָוו

✶

זכרונות
פון אַ יידישן אַרבעטער

יואל נאָוויקאָוו

יואל נאוויקאוו

זכרונות
פון
א יידישן ארבעטער

פאַרלאַג „קולטור־ליגע“ תל־אביב

J O E L   N O W I K O W

ZICHRONOT FUN A IDISZIN ARBETER

י. נאָוויקאָוו / זכרונות פון אַ יידישן אַרבעטער

©

נדפס בישראל תשכ"ז 1967

Printed in Israel 1967

נדפס בקואופרטיב הדפוס הכללי בע"מ, רח' השוק 26, תל־אביב

הקדמה

יואל נאָוויקאָוו איז נישט קיין פּראָפעסיאָנעלער שרייבער און זיין בוך איז געשריבן געוואָרן אָן ליטעראַרישע פּרעטענסיעס, דאָס איז אַ בוך זכרונות פון אַן אַלטן געזעלשאַפטלעכן טוער, פון איינעם פון די וועטעראַנען פון דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג. דאָס בוך איז געשריבן אין אַ קלאָרער, פּשוטער שפּראַך פון אַ מענטש, וואָס וויל דערציילן וועגן זיין דורכגעמאַכטן לעבנס־וועג. און דער מחבר פון בוך האָט וואָס צו דערציילן.

יואל נאָוויקאָוו האָט הינטער זיך אַ רייכע און פאַרביקע פאַרגאַנגענהייט. פון אַן אָרעמען אַרבעטער־ייִנגל איז ער אויסגעוואַקסן צו אַן אַקטיוון טוער אין דער יידישער ארבעטער־באַוועגונג, מיט וועלכער ער איז פאַרבונדן זינט זיינע יינגסטע יאָרן.

אינעם בוך זעען מיר די הייס פון וועלכער ער שטאַמט, זיינע וואַנדערונגען איבער שטעט און לענדער, זיין פאַרבינדן זיך מיט דעם „בונד" און זיין אַקטיווע ראָל אין דער בונדישער באַוועגונג. פאַר זיין בונדישער טעטיקייט האָט ער אַדורכגעמאַכט תפיסות און פייניקונגען אין צאַרישן רוסלאַנד און אויך אין אומאָפּהענגיקן פּוילן. אַפילו די, וואָס האָבן געלייענט די אַלע דערשיינענע ביז איצט ביכער וועגן דער בונדישער פאַרגאַנגענהייט וועלן אין נאָוויקאָווס בוך געפינען אַ סך אינטערעסאַנטע און ווייניק־באַקאַנטע קאַפּיטלען און עפּיזאָדן פון אַמאָליקן בונדישן לעבן און געראַנגל.

עס זענען אינטערעסאַנט די קאַפּיטלען אין וועלכע נאָוויקאָוו באַשרייבט זיינע פאַרבינדונגען מיט דעם „קאָמבונד", מיט דעם טייל „בונד" אין רוסלאַנד, וועלכער האָט אין דער באָלשעוויסטישער רעוואָלוציע געוואָלט זען די פאַר־ווירקלעכונג פון די ...בונדישע אידעאַלן און גערופן צו פאַראייניקן זיך אין דער קאָמוניסטישער באַוועגונג. נאָוויקאָוו האָט אַליין איבערגעלעבט די דאָזיקע אי־לוזיעס, ער האָט זיך באַטייליקט אין די קאָנפערענצן פון רוסלענדישן „בונד", ווו ס'איז באַהאַנדלט געוואָרן די דאָזיקע פראַגע. ער שילדערט אונדז די ספקות און אינערלעכע געראַנגלען, וועלכע האָבן אים געמאַטערט און וועלכע האָבן אים לסוף צוריקגעבראַכט צום „בונד".

אינטערעסאַנט זענען אויך די קאַפּיטלען אין וועלכע נאָוויקאָוו פאַראייביקט דעם אָנדענק פון זיינע חברים, די בונדישע זעלנער, וועלכע האָבן געאָפּפערט זייער לעבן פאַרן „בונד" און וועלכע זענען אין לויף פון די יאָרן ווי פאַרגעסן געוואָרן. אמת, מען קאָן קיינעם נישט באַשולדיקן אין דעם, ווייל טויזנטער זענען זיי געווען די „אומבאַקאַנטע" בונדישע קדושים, די פּשוטע אַרבעטער און פאַלקס־מענטשן, וועלכע זענען אומגעבראַכט געוואָרן דורך די צאַרישע און שפּע־טער דורך די באָלשעוויסטישע סאַטראַפּן. ס'איז אָבער גוט, וואָס נאָוויקאָוו

באַקענט אונדז מיט עטלעכע פון די דאָזיקע מענטשן און מיר האָבן נאָכאַמאָל די מעגלעכקייט אַריינצולעבן זיך אין יענער צייט, ווען די אָנגעהעריקייט צום „בונד" איז געווען פאַרבונדן מיט אמתן מסירת־נפש.

אין משך פון אַ רייע יאָרן איז נאָוויקאָוו געווען אַן אינסטרוקטאָר אין די „אָרט"־שולן און אויך דאָ פירט ער אונדז אַריין אין יענער סביבה פון די אידעאַליסטישע „אָרט"־טוער, וועלכע זענען געווען איבערגעגעבן דער זאַך פון פּראָדוקטיוויזירן די יידישע יוגנט.

מיר האָבן אויך קאַפּיטלען וועגן דרום־אַפריקע, ווו נאָוויקאָוו האָט פאַרברענגט 19 יאָר, פון וואַנען ער איז אין 1949 אָנגעקומען קיין ישראל.

דער מחבר האָט געהאַלטן פאַר נויטיק נישט צו באַגרענעצן זיך בלויז מיט זכרונות; אין עטלעכע קאַפּיטלען פאָרמולירט ער אויך זיין פּאָליטישן „אני מאמין" און גיט זיינע אָפּשאַצונגען וועגן די וויכטיקסטע היסטאָרישע געשעענישן אין אונדזער יאָרהונדערט, ווי די באַציאונג צו דער רוסלענדישער רעוואָלוציע, צו דער היטלערישער תקופה און צו מדינת ישראל.

מען קאָן זיין מחולק צי די דאָזיקע קאַפּיטלען האָבן געדאַרפט אַריין אין דעם בוך, און אויך וועגן דער ריכטיקייט פון זיין אָפּשאַצן די באַהאַנדלטע פּראָבלעמען. מיר לאָזן דאָס איבער פאַרן לייענער צו מאַכן זיינע אויספירן. דאָס פאַרקלענערט אָבער נישט דעם אַלגעמיינעם ווערט פונעם בוך, ווי אַ בוך זכרונות פון אַ צייט און פון אַ סביבה, וועלכע עקזיסטירט נישט מער.

נאָוויקאָוו לעבט אין ישראל שוין כמעט 20 יאָר. אויך דאָ איז ער געבליבן געטריי דער בונדישער באַוועגונג און נישט געקוקט אויף זיין עלטער איז ער אויך דאָ אַקטיוו אין דער בונדישער אָרגאַניזאַציע. אינעם קאַפּיטל „אני מאמין" פון בוך באַגרינדעט ער פאַרוואָס אויך אין מדינת ישראל איז ער געבליבן אַ קעגנער פון דער ציוניסטישער אידעאָלאָגיע און אַן אָנהענגער פון די בונדישע אידעאַלן.

נאָוויקאָווס דורכגעמאַכטער לעבנס־וועג קאָן דינען ווי אַ מוסטער און אַ ביישפּיל פאַר דעם יינגערן דור. ס'וואָלט כדאי געווען, אַז די יוגנט זאָל זיך לערנען פון די וועטעראַנען פון דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג, פון זייער אידעאַליזם און טרייהייט צו דער זאַך פון אַלמענטשלעכער און יידישער באַפרייאונג. אין דער ביבליאָגראַפיע פון אידעאַליזם וועט אויך נאָוויקאָווס בוך פאַרנעמען אַ חשוב אָרט.

נאָוויקאָווס בוך איז סיי אַ מענטשלעכער דאָקומענט, סיי אַ באַשטייער צו דער געשיכטע פון דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג.

י. אייכנבוים

מיין שטעטעלע האָרקי

כ׳בין געבוירן געוואָרן אין יאָר 1887. מיין יוגנט איז פאַרביי אין גרויס נויט. אַ היפּש ביסל פון מיינע יונגע יאָרן בין איך אַרומגעגאַנגען באָרוועס, אָן שיך. אין מיינע עלטערנס הויז האָט אָפט פאַרפעלט ברויט צו דער זעט. אַחוץ נויט און קראַנקייטן לרוב, איז אין דעם הויז גאָרניט ניט געווען. פונדעסטוועגן וועל איך מיין שטעטל קיינמאָל ניט פאַרגעסן. דאָרט האָט זיך אָנגעהויבן מיין באַוווּסטזיניק לעבן ווי אַ מענטש, ווי אַן אַרבעטער.

* * *

דער אויפקום פון דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג — דער אויפקום פון „בונד״, וועלכער האָט אַריינגעבלאָזן אַ רוח־חיים אין יידישן אַרבעטער און אויך געגעבן זין און אינהאַלט מיין אָרעם, האָפענונגסלאָז לעבן, איז פאַרבונדן מיטן שטעטל. דאָרט, אינעם שטעטל, האָב איך צום ערשטן מאָל דערהערט די ווערטער פ ר יי ה יי ט, ס אָ צ י אַ ל י ז ם. דאָרט האָב איך צום ערשטן מאָל געזונגען די שבועה. שוין פאַרביי עטלעכע און זעכציק יאָר, שוין אויסגעוועזן אַ וועלט, דורכגעמאַכט „קאַלטס און וואַרעמס״, אָבער דו, מיין שטעטל, ביסט פאַרבליבן אין מיין האַרצן און זכרון ווי דאָס אָרט, וואָס האָט מיר אומגעקערט מיין מענטשלעכע ווירדע, מיין שטאָלץ, ווי דאָס אָרט פון מיין גייסטיקער דערוואַכונג...

אין יענער צייט, מיט קנאַפּע צוויי יאָרצענדליק פאַר דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע, ווען רוסלאַנד איז געווען אינדוסטריעל שוואַך אַנטוויקלט, איז ווייסרוסלאַנד אינגאַנצן געווען אָפּגעשטאַנען, כמעט אָן אינדוסטריע. אויך די לאַנדווירטשאַפט האָט זיך געפונען אין אַ קלאָגעדיקן מצב, מיט אָפּטע אומגערעטענישן פאַר אַ צולאָג. אין מיין היימשטאָט האָרקי (מאָהי־לעווער גובערניע) האָבן דעמאָלט געלעבט עטלעכע טויזנט יידישע משפחות, יידן פּשוטע: סטאָליאַרעס, שמידן, שניידער, שוסטער און קליינהענדלער. די יידן האָבן דאָרט געלעבט אין אָרעמקייט. ניט געווען דאָרט קיין לומדים,

קיין ישיבות, ווי אין אַנדערע יידישע שטעט. מיין חינוך האָב איך באַקומען ביי מלמדים, אַליין ניט קיין גרויסע לומדים... און ניט פאַראַן פון יענע גרויע טעג וואָס צו דערציילן. דאַקעגן האָבן זיך איינגעקריצט אין מיין זכרון די ערשטע שריט מיינע אין דער באַוועגונג: די ערשטע אומלעגאַלע פאַרזאַמלונגען; די ערשטע מאַניפעסטאַציעס; דעמאָנסטראַציעס; די ערשטע אַרעסטן; דער דאָרטיקער אָסטראָג, אין וועלכן כ׳בין געזעסן אַ צעשלאָגענער דורך פּאָליציי און סאָלדאַטן.

האַרקי האָט פאַרמאָגט אַ זעלטן שיינעם פּאַרק, מיט ביימער נאָך פון פאַר בראשית. הויכע און שלאַנקע — פלעגן זיי פאַרשטעלן די הימלען. דערפאַר אָבער איז דאָרט אין די הייסע זומער־טעג מחיהדיק־קיל. דער פּאַרק איז געווען דאָס אָפּרו־אָרט פון דער יוגנט אין דער פרייער צייט. אין פּאַרק פלעגן אויך פאָרקומען אַלע פאַרטיי־פאַרזאַמלונגען. אין די געציילטע טעג פון פרייהייט, בעת דער ערשטער רוסישער רעוואָלוציע פון אָקטאָבער 1905, גייט פון יענעם פּאַרק אַרויס די גרויסע דעמאָנסטראַציע, וועלכע טראָגט זיך צו דער טורמע באַפרייען די פּאָליטישע אַרעסטאַנטן. אינעם פּאַרק געפינען זיך עטלעכע שטאָטישע שולעס: די אַגראָנאָם־שול; די ערד־מעסטער שול; אַ האַנטווערקער־שול. דער פּאַרק איז די „היים", דער „קלוב" אויך פון דער קריסטלעכער שטודירנדיקער יוגנט. פון דאַנען דער שטאַרקער סענטימענט צום שטעטל — ס׳איז דער סענטימענט צום דורכגעגאַנגענעם וועג אין דער באַוועגונג, אין וועלכער כ׳האָב זיך אַליין אָפּגעפונען, וועלכע האָט געגעבן אַ תיקון מיין באַוווסטזיניקן לעבן, ווענעמס אָנהייב ס׳איז געווען אין שטעטל.

* * *

דער פאַרשטאָרבענער אייב קאַהאַן דערציילט אין זיינע זכרונות: ער האָט אַמאָל, נאָך לאַנגע יאָרן, זיך אומגעקערט אין זיין היימשטאָט, ווילנע, כדי נאָך איין מאָל אַ קוק צו טאָן אויף דעם הויז, אין וועלכן ער איז געבוירן געוואָרן. ווען ער איז אַריין אין שטוב אויף דער אַנטאָקאָל־גאַס אין ווילנע, אין וועלכער זיין וויגעלע איז געשטאַנען, האָבן פון די אויגן פונעם שטרענגן פאַרהאַרטעוועטן אייב קאַהאַן זיך געגאָסן טרערן...

מײַן אָפּשטאַם

אַ סטאָליער בן סטאָליער. אָנהויבנדיק פון מײַן עלטער־זיידן פון טאַטנס צד, ציט זיך אַ קייט פון סטאָליאַרעס: זין; קינדער; אייניקלעך. אַלע האָבן זיי געוווינט אין האָרקי. כמעט אַלע אָרעמעלײַט מיט גרויסע משפּחות. קראַנקע, האַלבע סוכאָטניקעס, פלעגן זיי שטאַרבן אין יונגן עלטער. בשלום צווישן זיך האָט מען אויך ניט געלעבט. יעדן פלעגט זיך אויסדוכטן, אַז דער אַנדערער נעמט בײַ אים אָפּ די פּרנסה. זומער־צײַט פלעגן פּויערים פון די אַרומיקע דערפער קומען באַשטעלן פענצטער פאַר זייערע נײַ־געבויטע הײַזער. פון קיין מאָסן, צו פאַרשרײַבן די גרויס פון די פענצטער האָט מען נאָך דעמלט ניט געוווסט, פלעגן די פּויערים ברענגען מיט זיך לאַנגע שטעקנס, אויף וועלכע ס'איז געווען אָנגעצייכנט די לענג און די ברייט — די מאָס פון די פענצטער. אין אַ מאַרקטאָג איז מען געשטאַנען אין דרויסן און אָפּגעוואַרט די פּויערים. פלעגט ווערן אַ רייסעניש, אַ מלחמה: יעדער האָט געוואָלט אַרײַנציִען דעם פּויער צו זיך אין שטוב.

אונדזער שטוב האָט געהאַלטן אַכט אויף אַכט אַרשין און געלעבט האָבן אין איר, אַחוץ טאַטע־מאַמע — אַכט קינדער: פיר זין און פיר טעכטער. אין שטוב איז נאָך געשטאַנען דער סטאָליער־וואַרשטאַט, אויף וועלכן דער פאָטער האָט געאַרבעט. אָט אין דער וווינונג האָבן זיך געהאָדעוועט אַכט קינדער. אין ווינקל בײַם אויוון איז געשטאַנען דער מאַמעס בעטל, אין וועלכן זי פלעגט שלאָפן שטענדיק מיט די צוויי ייִנגסטע קינדער. איין קינד פלעגט שלאָפן מיטן טאַטן. אין אַ צווייטן ווינקל פלעגן שלאָפן די עלטערע קינדער. אַ קישעלע האָט נאָר געהאַט די מאַמע. מיר, די עלטערע קינדער פלעגן שלאָפן אויף שמאַטעס און ווינטער זיך צודעקן אויך מיט שמאַטעס. ס'איז געווען אַ טרויעריק לעבן.

עטלעכע יאָר נאָך זײַן חתונה איז מײַן פאָטער קראַנק געוואָרן אויף די פיס, ער האָט ניט געקאָנט אַרבעטן. מײַן באָבע פון דער מאַמעס צד, זײַן שוויגער, האָט זיך אונטערגענומען צו פירן דעם טאַטן אינעם קוראָרט לימאַן, בײַ אָדעס, ער זאָל זיך היילן מיט ים־בעדער. קיין געלט מיטלען אויף צו היילן דעם טאַטן זײַנען ניט געווען, האָט די באָבע געזאַמלט געלט פון די יידן אין די שטעטלעך. נאָכן אָפּזיצן אַ פּאָר חדשים אין קוראָרט, נאָכן

נעמען די ים־בעדער, האָט זיך אָבער די קראַנקייט פאַרשאַרפט און דער טאַטע איז געבליבן זיצן אויף אַ שטול, ניט קענענדיק באַוועגן מיט די פיס. אַזוי זיצנדיק פלעגט ער אַרבעטן סטאָליעריי.

אין שטוב האָט געהערשט הונגער. מיינע צוויי שוועסטערלעך פון זיבן און אַכט יאָר פלעגן גיין אַרבעטן אין אַ קליין פאַבריקל פון צוקער־קעס. זיי פלעגן די צוקערקעס וויקלען אין פאַפירלעך. דאָס פאַרדינסט — עטלעכע קאָפּיקעס אַ וואָך — פלעגן זיי אַהיימברענגען און עס אָפּגעבן דער מוטער. שפּעטער אַ ביסל, האָבן די יינגלעך געהאָלפן אין דער סטאָ־ליעריי. מיין פאָטער, שלום, איז שטענדיק געווען אַ פאַרצאָרנטער, אַ פאַר־דאגהטער, האָט קיינמאָל נישט קיין שמייכל געטאָן. מיין מוטער, רחל, האָט געטראָגן די שווערע לאַסט פון דער „פאַמיליע זאַלבעצענט״. זי האָט אַליין באַדאַרפט אויסבאַקן צוויי פּוד ברויט אַ וואָך. ווו נעמט מען דאָס? פון צער, צוזעענדיק ווי די קינדער הונגערן, צי פון אייגענער אָפּגעשוואַכטקייט, פלעגט זי אָפט פאַרשלאָפט ווערן, פאַלן אין חלשות. ווי זינגט אברהם רייזען: „אַ משפחה זאַלבעצענט און אַ בעטל נאָר איינס״.

ביי מיין זיידן אין ליאַדי

ווען איך בין אַלט געוואָרן אַ יאָר 7—8, האָט מען מיך געשיקט צו מיין זיידן אין ליאַדי. מיין זיידע, דער פאָטער פון מיין מוטער האָט געהייסן ניסן בן יואל. געווען איז ער אַ שניידער. זיין פאָטער — מיין עלטער־זיידע — איז געווען אַ למדן און ראש־ישיבה אין ליאַדי. ער, דער זיידע, איז אָבער קינדוויז געבליבן אַ יתום, האָט ער געמוזט זיך לערנען אַ פאַך. ער איז געווען שטרענג רעליגיעז. אַ הייסער חסיד פון רבין שניירסאָן פון ליאַדי, אַן איש תמים. צווישן זיידנס ספרים זיינען געווען אַ סך אין עברי־טייטש. ער איז געווען אַ גרויסער ירא־שמים און בעל־תפילה ביים רבין, אַ ייד אַ חכם, מען פלעגט קומען פרעגן ביי אים עצות. ער איז געווען שטרענג צו זיך און שטרענג צו דעם אָרום. פונעם רבין ר׳ דוב בער שניירסאָן האָט ער ניט געהאַלטן. ער פלעגט זאָגן: מיט אַ בעל־מלאכה דאַרף מען זיך ניט דינגען, בפרט א רבי...

דער זיידע פלעגט נייען פעלצן פאַר אַרבעטער, פאַר אָרעמע דאָרפס־הענדלער. אויף מיין פאָרוואורף, הלמאי ער נייט אַזוי שטאַרק, אַוועקלייגנ־

דיק דאָס געזונט, פלעגט ער ענטפערן:

— דאָס זיינען אָרעמע מענטשן. ווינטער אין די קעלטן פאָרן זיי אַרום איבער די דערפער, דאַרף מען בייען פאַר זיי שטאַרק, די פּעלצן זאָלן זיך ניט צערייסן...

ביים אויפקום פון דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג, האָט ער גע־בענטשט די יוגנט, וועלכע וויל אָפּשאַפן אָרעמקייט און איינפירן אַ וועלט פון גלייכהייט און יושר. ער האָט פאַרמאָגט איין טאָכטער, מיין מוטער, און האָט מיך, איר זון, זייער ליב געהאַט. ער האָט געהאָפט, אַז איך וועל גיין אין די וועגן פון תורה. ווען איך בין געוואָרן אַ סאָציאַליסט, האָט זיך זייך באַציאונג צו מיר ניט געענדערט.

אין מערץ־חודש פון יאָר 1906 האָט ער זיך דערוווסט, אַז איך זיץ אין האַרקער טורמע און געקומען אַהין מיך זען. ווען ער האָט מיך דערזען הינטער די קראַטעס פון מיין צעלע, האָט ער זיך שטאַרק צעוויינט און אין דער שטיל געשעפּטשעט אַ תפילה. פאַר זיין טויט, דערפילנדיק, אַז דאָס זיינען זיינע לעצטע טעג, האָט ער געשיקט מיך רופן. ווען ער האָט מיך דער־זען, האָט ער מיט דער האַנט געוויזן מיר אויף זיין האַרצן, אַז אים איז גרינגער געוואָרן. פאַרן טויט האָט ער מיך געבעטן, כ׳זאָל זאָגן מיט אים פסוקים פון מעביר־יבוק, און זאָגנדיק, אויסגעהויכט זיין נשמה.

אין חדר

געוויינלעך פלעגט מען שיקן אַ יינגל אין חדר צו דריי יאָר. מיך האָט מען אָוועקגעפירט אין חדר, ווען כ׳בין אַלט געוואָרן פינף יאָר. כ׳ווייס ניט פאַרוואָס, צי צוליב מיין שעמעוודיקייט, אָדער דער מלמד איז געווען אַ צו שטרענגער, כ׳פלעג אַנטלויפן פון חדר, זיך אויסבאַהאַלטן אין גאָרטן. כ׳געדענק: די מאַמע פלעגט מיך אויפזוכן און מיט גוואַלד צוריקפירן. מען האָט מיך אָפּגעגעבן צו אַן אַנדער מלמד. ביי דעם האָב איך שוין געלערנט מיט חשק, מיט התמדה. איך האָב געלערנט עברי, דאַוונען, חומש און שרייבן עטוואָס יידיש. אין אַ יאָר אַרום האָט מען ב״י דעם זעלבן מלמד אויך אַוועקגעזעצט מיין יינגערן ברודער יוסף. מיין פאָטער האָט ניט געקאָנט צאָלן שכר־לימוד פאַר ביידע זין, פלעגט ער קראַנקערהייט מאַכן פאַרן מלמד אַ שאַפע, טישן און אַנדערע זאַכן. ווען

איך האָב שוין באַדאַרפט אָנהויבן לערנען העכערע לימודים: חומש מיט רש״י, גמרא אאַ״וו. האָט מען מיך אָפּגעשיקט קיין ליאַדי, צום זיידן, און מײַן ייִנגערן ברודער, נאָך גאָר אַ יונגער, האָט מען אײַנגעשפּאַנט צו העלפֿן מײַן פֿאָטער אין דער סטאָליערײַ.

איך האָב זיך געשראָקן צו פֿאָרן צום זיידן קיין ליאַדי: דער זיידע איז געווען זייער אַ שטרענגער, איך בין געווען אַ שטיפֿער, האָב ליב געהאַט צו שפּילן זיך מיט קינדער. ביי אונדז אין שטוב איז געווען אַ שווע־רע דיסציפּלין, האָב איך מורא געהאַט פֿאַר אַ נאָך שטרענגערער. אָנ־קומענדיק צום זיידן, האָט ער מיך אויסגעפֿרעגט וואָס איך לערן און וואָס איך קאָן. ער האָט מיך אָפּגעגעבן צום בעסטן מלמד. איך האָב זיך „איבערגעבראָכן״ און געוואָרן זייער אַ שטילער. כ׳האָב געלערנט פֿלייסיק, געווען געהאָרכזאַם, אויסגעפֿאָלגט דעם זיידן, געטאָן אַלץ, וואָס ער האָט מיך געהייסן. דער זיידע ווידער פֿלעגט פֿון מלמד באַקומען וועגן מיר גוטע גרוסן. ער האָט מיך ליב באַקומען נאָך שטאַרקער און מיר פֿיל נאָכגעגעבן. געוואָלט איך זאָל לערנען אין ישיבה, אָבער איך האָב זיך פֿון דעם אָפּגעזאָגט, כ׳האָב געהאַלטן, אַז כ׳בין נאָך נישט צוגעגרייט צו אַ ישיבה. האָט דער זיידע מיך אָפּגעגעבן צו אַ גמרא־מלמד, ביי וועלכן כ׳האָב געלערנט אַ יאָר צייט. גלייכצייטיק האָב איך געלערנט ביי אַ לערער לייענען און שרייבן ייִדיש. אין סך־הכל האָב איך ביים לערער געלערנט עטלעכע חדשים. איך בין שטאַרק פֿרום געוואָרן. כ׳פֿלעג מיטן זיידן גיין אין שול. שבת האָבן מיר געדאַוונט אין רבינס קלויז. דער רבי, אין שטריימל, אין אַטלאַסענעם סורדוט מיטן ברייטן גאַרטל האָט מיר אויסגעזען צו זיין אַ הייליקער. כ׳האָב מורא געהאַט צו קוקן אויף אים, ווי מ׳האָט מורא צו זען גאָט... דער רעליגיעזער ציטער האָט זיך אין מיר פֿאַרשטאַרקט, באַזונדערס אין ראש־השנה און יום־כּפּור ביים רבין. דעם רבינס שופֿר־בלאָזן, די געוויינען פֿון עולם און די גאַנצע אַטמאָספֿער פֿון די ימים־נוראים האָבן אויף מיר געמאַכט אַ טיפֿן רושם. כ׳האָב אַליין אויך געוויינט, געבעטן גאָט, אַז מײַן פֿאָטער זאָל געזונט ווערן.

די פֿאָר יאָר ביים זיידן האָבן געהאַט אויף מיר אַ שטאַרקע ווירקונג. זיי האָבן מיך אַריינגעבראַנגט אין אַ וועלט פֿון תורה און יראת־שמים. כ׳האָב זיך דערפֿילט דערהויבן, ס׳האָט מיך געצויגן צום ספֿר, ווי ס׳האָבן

מיך שפּעטער געצויגן די וועלטלעכע ביכער. נעבן זיידן איז געווען אַ בית־מדרש, אין פרייע מינוטן פלעג איך מיך אַהין אַריינכאַפּן אַריינקוקן אין אַ ספר, הגם כ׳האָב זיך נאָך ווינציק אויסגעקאָנט אין זיי — אין די ספרים. דער זיידע האָט שטאַרק געוואָלט איך זאָל בלייבן אַ תורה־ייד: כ׳זאָל ווערן, אויב נישט אַ רב, זאָל כאָטש זיין אַ שוחט. בכלל האָט דער זיידע געהאַט אויף מיר אַ גאַר גרויסע השפּעה.

כ׳געדענק אין די ווינטער־נעכט: אין דרויסן פאַלט אַ שניי, עס בלאָזן זאַווערוכעס, שטורעמס; דער זיידע זיצט אויף אַ נידעריק בענקל, לייענט ארויס פון עפּעס אַ ספר און באַגיסט זיך מיט טרערן. דאָס קלאָגט ער אַזוי אַ גאַנצע נאַכט אויפן חורבן בית־המקדש און אינדערפרי לויפט ער דאַווענען מיטן ערשטן מנין.

ווידער אין האָרקי

די לאַגע אין דער היים האָט זיך פאַרערגערט. עס פאַרשאַרפט זיך דעם טאַטנס קרענק, ער בלייבט זיצן אין שטול, קען אינגאַנצן נישט אַרומגיין. איך מוז עפּעס העלפן אין שטוב. די משפחה איז גרויס, עס זיינען צוגעקומען קינדער — אַלע קינדער — קליינע. איך, דער צען־עלף־יאָריקער, בין דער עלצטער אין שטוב. די נויט וואַקסט. אין שטוב פעלט דאָס מינימאַלסטע: עס פעלט אַ שטיקל ברויט. האָב איך פאַרלאָזט דאָס לערנען, כדי צו העלפן דעם טאַטן ביי דער אַרבעט.

האַרבסט־צייט פלעגן די סטאָליאַרעס פון האָרקי אַרויספאָרן אין די נאָענטסטע דערפער אַריינצושטעלן שויבן אין די צעבראָכענע פענצ־טער, מאַכן נייע פענצטער אדג״ל.

די פויערים פלעגן צאָלן מיט פּראָדוקטן: קאַרטאָפל, ציבעלעס, אַמאָל אַ ביסל קאָרן. מען פלעגט קויפן אַ פגירה אַ פערד פאַר פינף רובל און אַרומפאָרן איבער די דערפער זוכן אַרבעט. מיר האָבן אויך אַזוי געטאָן. איך מיטן טאַטן פלעגן אַרומפאָרן פון מאָנטיק ביז פרייטיק און אויף שבת אַהיימברענגען אַ ביסל פּראָדוקטן, אַמאָל אויך אַ ביסל קליינגעלט און אַמאָל דאָס אויך ניט.

איינמאָל זענען מיר געפאָרן אין אַ דאָרף אַריין, צען וויאָרסט פון האָרקי, אַריינצושטעלן שויבן אין פענצטער. מען האָט געמוזט האָבן גלאָז.

דער פויער האָט אונדז געגעבן אַ פערד־און־וואָגן און איך בין געפאָרן אין שטאָט אַריין קויפן גלאָז. מחמת זיין קראַנקייט, האָט דער טאַטע נישט געקענט פאָרן. דאָס איינגעקויפטע גלאָז האָט מען געמוזט גוט פאַרפּאַקן. צוליב מיינע יונגע נאָך שוואַכע כוחות און ווינציקער דערפאַרונג, האָב איך דאָס גלאָז פאַרפּאַקט ניט ווי געהעריק. דער רעזולטאַט האָט ניט געלאָזט צו לאַנג אויף זיך וואַרטן. פאָרנדיק צוריק אין דאָרף האָט זיך דאָס גלאָז צעבראָכן. פון גרויס איבעררעאַשונג האָב איך נאָך פאַרלוירן דעם וועג און פשוט נישט געטראָפן צוריק אין דאָרף אַריין.

נאַכט. פינצטער. מען זעט נישט קיין מענטש אויף די וועגן. דאָס פערד איז פאַרמאַטערט פון פאָרן הין און צוריק און פון זוכן דעם וועג. פינצטער און ביטער איז מיר. וואָס טוט מען? אויסשפּאַנען דאָס פערד און לאָזן עס אָפּרוען? — קען איך ניט צוריק איינשפּאַנען. נאָך קיינמאָל נישט געשפּאַנט קיין פערד. שלעכט, ביטער ווי דער טויט! מיטאַמאָל פאָרט אָן אַ ייד. איך דערציילט אים, אַז איך בלאָנדזשע שוין אַזוי לאַנג און קאָן נישט געפינען דעם וועג צום דאָרף. אויף זיין פראַגע, זאָג איך אים דעם נאָמען פון דאָרף.

— „דו ביסט דאָך לעבן דאָרף — פאַרזיכערט ער מיך — אַ האַלבן וויאָרסט אינגאַנצן"...

ער האָט מיך אַרויפגעפירט אויפן שליאַך:

— „פאָר גלייך! — באַפעלט ער מיר — אָט זעט מען דאָס דאָרף."

איך האָב פרייער אָפּגעאָטעמט. מיך האָבן אָבער אָנגעהויבן מאַטערן אַנדערע געדאַנקען: וואָס וועל איך ענטפערן דעם טאַטן? — פאַרלוירן דאָס גאַנצע פאַרדינסט... וואָס וועל איך זאָגן דעם פויער? — פאַרמאַטערט זיין פערד. שלעכט. איך פאָר אַריין אין הויף — אַלע וואַרטן אויף מיר: דער טאַטע, דער פויער, — פאַרוואָס אַזוי שפּעט?

כ'האָב נישט געוווּסט וואָס צו ענטפערן. כ'בין אַריין אין שטוב, אַרויפגעוואָרפן זיך אויף דער שלאָפבאַנק. אינדערפרי — אַלע שווייגן. כ'האָב אויך געשוויגן. ס'איז נישט שווער זיך פאָרצושטעלן, ווי אַזוי מיין טאַטע האָט אויסגעזען. פאַרלוירן אַ גאַנצע וואָך פאַרדינסט. ער האָט מיר גאָר־ניט ניט געזאָגט. נאָר דער פויער האָט זיך אָנגערופן:

— האָסט מיר געבענדיקט דאָס פערד!..

נויט און קראַנקייט

ווי שוין דערציילט האָב איך אין עלטער פון נייַן־צען יאָר זיך געפונען ביי מיין זיידן אין ליאַדי, ווו כ׳האָב פלייסיק געלערנט אין חדר, מיינע מחשבות אָבער זיינען געווען אין דער היים, אין האַרקי. ווי שוין דער־מאָנט, ווערט מיין פאָטער נאָך דער דורכגעמאַכטער ים־קוראַציע אין לימאַן ביי אָדעס — ניט בעסער. פאַרקערט, ער האָט זיך דערפילט ערגער. אויך מיינע טרערן ביים דאַווענען, אַז גאָט זאָל היילן דעם טאַטן, האָבן קנאַפּ־וואָס געהאָלפן... דעם טאַטנס קרענק און די נויט אין דער היים האָבן מיר נישט געגעבן קיין רו. די משפחה איז געווען אַ גרויסע און די קינדער — סאַמע קליינע. איך, דער צען־יאָריקער, בין געווען דער עלטסטער. דערצו בין איך נאָך געווען ווייט פון דער היים און דאָס האָט נאָך פאַרגרעסערט מיין אומרו. אָבער נאָך דעם, ווי די באָבע האָט אַוועקגעפירט דעם טאַטן קיין לימאַן, איז אויך די מאַמע מיט דריי קליינע קינדער געקומען צום זיידן קיין ליאַדי.

דער זיידע אַליין איז אויך ניט געווען פון די גרויסע עשירים, אָבער וואָס האָט ער געקענט טאָן מיט דער איינציקער טאָכטער זיינער און מיט אירע קליינע קינדער? האָבן מיר אַלע, מיטן זיידן, געלעבט אין דער איין־צימערדיקער שטוב. אויסהאַלטן אַלעמען האָט אָבער דער זיידע נישט געקענט. פון זיין שניידעריי האָט ער קוים מפרנס געווען זיך אַליין. אין ליאַדי איז טעטיק געווען אַ קאָמיטעט צו שטיצן אָרעמע מענטשן. אַד־און־ווײי איז געווען צו דער שטיצע. אויך מיין מוטער האָט באַקומען פון דעם קאָמיטעט 60 קאָפּיקעס אַ וואָך. אָפּנעמען די שטיצע — פלעג איך. די מאַמע האָט אַליין נישט געקאָנט גיין: ביי וועמען וועט זי איבער־לאָזן די קליינע קינדער? אפשר האָט זי זיך אויך געשעמט? בקיצור, איך בין געווען דער שליח, כ׳בין דאָך געווען דער עלטסטער.

יעדן דאָנערשטיק פלעג איך שטיין אין „געהאַקטע ווונדן" צווישן אַלע אַנדערע אָרעמע לייט, אָפּצונעמען די 60 קאָפּיקעס. נישט געקוקט, וואָס כ׳בין געווען נאָך כמעט אַ קינד — צען יאָר אַלט, האָב איך פונ־דעסטוועגן גוט דערשפּירט דעם טעם פון קצבה... ס׳איז מיר געווען פינצטער און ביטער. כ׳פלעג אויך וועלן אַליין וואָס פאַרדינען: פורים

מיין מוטער: רחל. ברודער: אברהם און שוועסטערן: חוה, עלקע און פאַני.

פלעג איך טראָגן שלח־מנות, בכדי עפּעס צו פאַרדינען; פאַרן זעלביקן צוועק פלעג איך אין הושענא־רבה קלייבן הושענות; סוכות האָט דער שול־גבאי מיך געשיקט מיטן אתרוג צו די פאַרמעגלעכע מתפּללים פון שול, פלעג איך אַרומטראָגן דעם אתרוג איבער די שטיבער. נאָך יום־טוב פלעגן מיר די נגידים „שענקען" אַ ביסל קליינגעלט — „אתרוג־געלט" האָט מען עס גערופן — וואָס כ'פלעג אָפּגעבן דער מאַמען.

נאָכן טאַטנס אומקערן זיך פון קוראַציע, איז אויך די מאַמע אַוועק צוריק קיין האָרקי צום טאַטן, און נישט לאַנג נאָך דעם, איז געקומען אויך די ריי אויף מיר אומצוקערן זיך קיין האָרקי, צו העלפן דעם קראַנקן טאַטן צו דער פּרנסה...

איך לערן סטאָליערײ

מיט אַ שווער האַרץ האָב איך מיך צעשיידט מיט מײַן גוטן זיידן און מיטן חדר, ווו איך האָב געשמאַק געלערנט און וועלכן כ׳האָב באַוויזן שוין ליב צו קריגן. איך הייב אָן זיך לערנען סטאָליערײ. כ׳בין שוין דעמאָלט אַלט געווען פערצן יאָר. דער טאַטע האָט געמאַכט פּראָסטע דאָרפישע אַר־בעט, און מיך האָט געצויגן דווקא צו בעסערער מעבל־אַרבעט, בין איך אַוועק קיין מאָהילעוו, כדי דאָרט צו דערגרייכן מײַן ציל.

דער גובערניאַלער „כרך״ מאָהילעוו האָט געטראָגן אויף זיך דעם חותם פון דער באַקאַנטער ווייסרוסישער אָרעמקייט: אַלטע געדרייטע גאַסן און געסלעך מיט זיך־צעשיטנדיקע הײַזקעס און צעבראָכענע טראָטואַרן; אויסגעריסענע שטיקער ברוק פון גאַס; נאָך יעדן רעגן זענען אין די גריבער פאַרבליבן קאַלוזשעס, בלאָטעס. אויף מיר אָבער, אויף דעם פערצן־יאָריקן בירגער פון האָרקי — אַ טיפּיש־שלעפּעריק פּראָווינץ־שטעטל, אַ נעסט פון דלות און נויט — האָט מאָהילעוו געמאַכט דעם אײַנדרוק ש׳יער נישט פון אַ פּאַריז... דער רושם איז געווען אַ צווייאיקער: פון איין זײַט איז אַלץ געווען פאַר מיר ניי; כ׳האָב געקוקט אויף דער „מעכטיקייט״ פון דער שטאָט מיט גרויס חידוש: כ׳האָב באַוווּנדערט די טראָטואַרן; די אײנצלנע צעוואָרפענע איבער דער שטאָט מער־גאָרנדיקע הײַזער; די פאַרהעלטניסמעסיק גרויסע מאַגאַזינען מיט אויסשטעל־פענצטער. פון דער דער צווייטער זײַט האָט דווקא דער געענדערטער ריטעם און גרויסשטאָ־טישע „מאַסיווקייט״ מיך דערדריקט. כ׳האָב זיך דערפילט אַזוי פרעמד, אַז אפילו די גראָע מאָנאָטאָנע אָרעמקייט פון האָרקי, וואָס האָט מיך פאַרטריבן פון דער היים, האָט זיך דאָ, אין מאָהילעוו צעשפּילט אין מײַן פאַנטאַזיע מיט דער פאַרביקייט פון רעגנבויגן... ס׳איז מיר אויסגעקו־מען, ווי כ׳וואָלט זיך ערגעץ פאַרלוירן און זיך שוין קיינמאָל נישט אָפּ־געפינען. אַ בענקשאַפט האָט געפרעסט דאָס האַרץ — געפרעסט מיטן געוויכט פון טויזנטער טאָנען... ווי גרויס האָט געמוזט זײַן די נויט אין האָרקי, אַז אפילו דער שטאַרקער עלנט מײַנער, וואָס האָט מיך באַהערשט אין מאָהילעוו, איז נישט אימשטאַנד געווען צו צווינגען מיך „אויסצודרייען דעם דישעל״...

כ׳האָב אָנגעהויבן זוכן אַ סטאָליערײ. אויף שקלאָווער גאַס האָב איך

געזען אַ שילד פון אַ סטאָליעריי. כ׳בין אַהין אַריין. ס׳האָבן דאָרט געאַר־בעט זעקס מענטשן. ס׳האָט זיך דערנענטערט צו מיר אַן עלטערער ייִד און געפרעגט: „ווער ביסטו און וואָס ווילסטו?״ הערנדיק, אַז איך קום פון האָרקי און וויל לערנען סטאָליעריי, האָט ער מיך באַטראַכט פון קאָפּ ביז די פיס.

— „גוט — האָט ער געזאָגט — בלייב דאָ. ביסט דאָך פון דער פרעמד, וועסטו עסן ביי אונדז, און אַז וועסט ווערט זיין, וועסטו קריגן אויך עפּעס געלט״.

אויף מיינע איבערלעבונגען אַלס לערניינגל, וועל איך זיך ברייטער נישט אָפּשטעלן. הונגער, נויט און באַליידיקונגען איז געווען דער נאָר־מאַלער לוין פאַר דער שווערער האָרעוואַניע פון אַ לערניינגל אין יענער צייט. ביי רייזענען, ראָזנפעלדן, וואָס איז אַליין געווען אַ לערניינגל, און אַנדערע, קען מען געפינען באַשרייבונגען פונעם תהום יסורים, וואָס עס האָט געהאַט אויסצושטיין אַ לערניינגל

אַ חוץ דער אַרבעט, האָט מען נאָך געמוזט באַדינען די באַלעבאָסטע, העלפן איר אויסהאָדעווען די קינדער, רוימען די שטוב, ווו ס׳איז מערס־טנטייל געווען אויך דער וואַרשטאַט — טראָגן וואַסער, פאַרגרייטן האָלץ, הייצן די אויוונס, וואַשן ס׳געפעס, די דילן און אַנדערע אַרבעטן.

אַמשטאַרקסטן האָט וויי געטאָן, וואָס אויך די עלטערע אַרבעטער פלעגן זיך באַציען צום לערניינגל ווי צו זייערן אַ קנעכט, אַ שקלאַף. דאָס לערניינגל האָט אויך געמוזט זיי באַדינען, גרייט זיין אויף יעדער זייער רוף און באַפעל, זיין דער שטענדיקער שליח זייערער און באַקומען דער־פאַר אָפטמאָל אַנשטאָט אַ דאַנק — זידלערייען.

וואָס עס האָט אַממערסטן זיך פאַרקריצט אין זכרון איז: דאָס ניט דערעסן און ניט דערשלאָפן; פינף אַזייגער פאַרטאָג פלעג איך שוין מוזן אין פראָסט און גליטש לויפן אין דעם צווייטן וואַרשטאַט, וואָס האָט זיך געפונען ווייט פון מיין אייגנטלעכן אַרבעטס־אָרט און האָט אויך גע־הערט צו מיין באַלעבאָס — הייצן די אויוונס, אַז די אַרבעטער וועלכע פלעגן קומען זעקס אַזייגער פרי צו דער אַרבעט, זאָלן האָבן וואַרעם. פון דער שווערער, פאַרמאַטערנדיקער אַרבעט און פון צוהונגערן בין איך ניט איינמאָל קראַנק געוואָרן, כ׳פלעג אָפט חלשן.

מיין ערב־„בונד"

אין יענער צייט — אין דער צייט, ווען כ'האָב געלערנט סטאָליעריי אין מאָהילעוו — האָב איך קענענגעלערנט די יידישע אַרבעטער־באַוועגונג — דעם „בונד". ווי געזאָגט, פלעג איך מוזן אויפשטיין גאַנץ פרי, כדי צו פאַרזאָרגן דעם באַלעבאָס און די אַרבעטער מיט אַלעם נויטיקן און בעיקר, בכדי אויסצוהייצן די אויוונס אין די צוויי וואַרשטאַטן, וועלכע האָבן זיך געפונען ווייט איינער פון צווייטן. מיין וואַרשטאַט איז געווען אין פראָנט־גאַס. בלויז דריי טרעפלעך נידעריקער פון טראָטואַר האָבן געפירט צו דער אין האַלבער סוטערינע טיר זייגער. ווען כ'פלעג גאַנץ פרי עפענען די טיר פון אינעווייניק צו די טרעפ, פלעג איך אָפט געפינען פראָקלאַמאַציעס, אויפרופן, אומלעגאַלע בראָשורן און אַנדערע פראָפּאַגאַנדע־מאַטעריאַלן. ביינאַכט פלעגן אָט די אַלע מאַטעריאַלן אונטערגעלייגט ווערן הינטער די טירן פון די הייזער, אין וועלכע ס'האָבן זיך געפונען אַרבעטס־וואַרשטאַטן. איך פלעג די מאַטעריאַלן לייענען מיט גרויס אינטערעס, ממש „שלינגען". יעדעס געדרוקטע וואָרט איז פאַר מיר געווען אַן אַנטפּלעקונג. אין די דאָזיקע שריפטן האָב איך געפונען אַן ענטפער אויף אַלע פּראָבלעמען, וועלכע האָבן דעמאָלט געמאַטערט די יוגנט בכלל און אויך מיינע אייגענע ספּעציפישע צרות בפרט. כ'האָב דורך זיי זיך דערוווּסט, אַז שולדיק אין אַלע צרות איז די ניט־יושרדיקע וועלט, דער קאַפּיטאַליסטישער סדר, די צאַרישע זעלבסטהערשונג, וואָס לאָזט נישט דעם אַרבעטער אָרגאַניזירן זיך צום קאַמף פאַר אַ שענערער וועלט — אַ וועלט פון גלייכהייט.

כ'האָב אָנגעהויבן זיך פילן, ווי אַ קינד פון דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג, הגם כ'בין נאָך ניט געווען קיין מיטגליד פון „בונד". דאָס איז געווען מיין בראשית. די אָרגאַניזירטע יידישע אַרבעטער פלעגן יעדן טאָג נאָך דער אַרבעט, אויך אין די שבתים, זיך זאַמלען אין שטאָטישן פּאַרק. אויך מיך האָט געצויגן אַהין, אין דער אַלעע, ווו עס זאַמלען זיך די יידישע אַרבעטער. די אַרבעטער־בירזשע האָט מיך גוט געקענט. כ'פלעג אויספירן פאַרשידענע, אַ סך מאָל געפערלעכע שליחותן: דורך די פאַר־קראַטעוועטע פענצטער פון פּאָליציי־צירקל פלעג איך אַריינוואַרפן שפּייז פאַר די אַרעסטירטע חברים; זומערצייט פלעג איך איבערגעבן מודעות

וועגן אומלעגאַלע פאַרזאַמלונגען אין וואַלד און ווינטער — אין פאַר־קאָנספּירירטע דירות. מיין גאַנצן יוגנטלעכן ברען האָב איך אָפּגעגעבן דער אומלעגאַלער אַרבעט. מיך האָט געוואָרעמט די האָפענונג, אַז ווען כ׳וועל עלטער ווערן, וועל איך ווערן אַ מיטגליד אין דער פאַרטיי — אין „בונד״. דאָס איז געווען אין יאָר 1903.

איך ווער ארעסטירט

אין יענעם ווינטער (1903) איז אויסגעבראָכן דער ערשטער סטאָליער־שטרייק אין מאָהילעוו. דאָס איז געווען אַ שטרייק פאַר אַ 12־שעהדיקן אַרבעטס־טאָג. מיר, די לערניינגלעך, האָבן מיטגעשטרייקט. די יוגנטלעכע פלעגן זיך געפינען אויף דער בירזשע צוזאַמען מיט די עלטערע אַרבעטער.

אין איינעם אַ טאָג האָט מען אונדז, יוגנטלעכע לערניינגלעך, גע־מאָלדן צו זאַמלען זיך אין איינעם פון די נעבן־חדרים פון דער גרויסער שול. מיר זענען זיך צונויפגעקומען אויפן באַשטימטן אָרט און איינער אַ חבר האָט גערעדט צו אונדז, אונדז אויפגעקלערט די באַדייטונג פון שטרייק:

— „איר וועט מער נישט דאַרפן אַרבעטן פון פינצטער ביז פינצטער, זומער און ווינטער ביז צען אָוונט — האָט ער אונדז געזאָגט — איר דאַרפט זיך האַלטן פעסט און צוזאַמען מיטן עלטערן אַרבעטער אויסדויערן ביזן זיג״. אין דעם מאָמענט האָט זיך אין זאַל אַריינגעריסן פּאָליציי, ארומגערינגלט אונדז און אַלעמען אָפּגעפירט אין צענטראַלן פּאָליציי־צירקל. דאָרט האָט מען אונדז איינציקווייז דורכגעלאָזט דורך אַ קאָרידאָר און מערדערלעך געשלאָגן. דערנאָך האָט מען אונדז פונאַנדערגעטיילט אין פאַרשיידענע קאַמערן פון אַרעסט־הויז, פאַרשריבן אונדזערע נעמען און אַדרעסן.

אַרום איינס אַזייגער ביינאַכט האָבן מיר פלוצים דערהערט גע־שרייען — דאָס האָט די פּאָליציי באַזונדער זיך אָפּגערעכנט מיטן חבר, וועלכער האָט גערעדט צו אונדז אויף דער פאַרזאַמלונג. דאָס איז געווען דער חבר יאפע, איינער פון די אָנפירער פון שטרייק. לויטן טומל אין די קאָרידאָרן און שטאַרקע קולות פונעם געפייניקטן, האָבן מיר געפילט, אַז מען שלאָגט אים מכות רצח. מיר האָבן אויפגעהויבן אַ געשריי, קלאַ־

פֿנדיק אין די טירן פֿון אַלע קאַמערן. נאָך אייניקע וואָכן האָט דער שטרייק זיך פֿאַרענדיקט מיט אַ זיג. מיר האָבן געוווּנען די פֿאָדערונג פֿון אַ 12־שעהעדיקן אַרבעטס־טאָג און נאָך אייניקע סאָציאַלע אויסבעסערונגען.

דער דאָזיקער דערפֿאָלג איז געוואָרן אַ שטויס־קראַפֿט צו ווייטער־דיקע עקנאָמישע און פּאָליטישע קאַמפֿן.

באַלד נאָכן שטרייק האָט זיך געענדיקט דער טערמין פֿון מיין לערנ־צייט. כ׳האָב באַדאַרפֿט שוין אָנהייבן אַרבעטן ווי אַ געזעל, אָבער דער באַלעבאָס האָט מיר דערקלערט:

— „קענסט גיין, קיין בונטאָוושטשיקעס וועל איך ניט האַלטן".

איך פֿאָר אהיים

בלית ברירה, ניט געפֿינענדיק קיין אַרבעט פֿאָר איך צוריק קיין האָרקי. נאָכן קויפֿן דעם באַן־בילעט, בין איך פֿאַרבליבן אָן אַ גראָשן. פֿון מאָהילעוו קיין אָרשע גייט אָפּ די באַן ערשט צומאָרגנס גאַנץ פֿרי. כ׳האָב געמוזט איבערנעכטיקן אין מאָהילעוו, אָבער ווו? כ׳בין אַוועק אין „נאָטשלעזשני־דאָם" — אַ הויז פֿאַר היימלאָזע. ווען כ׳בין אַהין אַריין, איז מיר פֿינצטער געוואָרן אין די אויגן: גנבים, שיכורים, בראָדיאַגעס. כ׳האָב זיך פֿלוצים געפֿונען אין אַן אַנדער וועלט — אין סאַמע מיטן פֿון דער אונטערוועלט. כ׳האָב זיך פֿאַררוקט אין אַ ווינקל פֿון דער הילצערנער נאַרע — מען זאָל מיך נישט אַרויסזען. איך בוזעם, אינטערן העמד, ליגט ביי מיר אַ פּעקל אומלעגאַלע ליטעראַטור: פּראָקלאַמאַציעס, אויפֿרופֿן, בראָשורן. איך פֿיר דאָס קיין האָרקי פֿאַר דער יוגנט — אפֿשר האָט די אומלעגאַלע אַגיטאַציע אַהין נאָך נישט דערגרייכט? מיין איינציקע זאָרג איז — דערפֿירן דאָס פּעקל גאַנצערהייט. אין אָרשע, אויף דער אכסניה פֿון די באַלעגאַלעס, וואָס פֿאָרן קיין האָרקי — דאָס זעלבע: מען דאַרף ווידער איבערנעכטיקן; די פֿורן גייען אָפּ ערשט צומאָרגנס. איך גיין אַרויס אין שטאָט. כ׳וועל אַרומגיין איבער די גאַסן און אַזוי אַרום איבערקומען די נאַכט. אַרום איינס אַזייגער ביינאַכט פֿאַרהאַלט מיך פֿלוצים אַ גאָראָדאָוואָי*:

---

* אַ סטראַזשניק — אַ פּאָליציסט, וואָס היט די שטאָט.

— ווו שלעפסטו זיך אַרום אַזוי שפּעט ביינאַכט?
איך קלער אים אויף:

— איך קום פון מאָהילעוו און פאַר גאַנץ פרי אָפּ קיין האָרקי צו מיינע עלטערן. קיין געלט צו באַצאָלן פאַר דער אכסניה האָב איך ניט, גיי איך אַרום איבער דער שטאָט איבערצוקומען די נאַכט.

דער גאָראָדאָוואָי פירט מיך אַוועק אין פּאָליציי־צירקל. דאָרט וואַרפט מען מיך אַריין אין אַן אַרעסטאַנטן־קאַמער. כ׳געפין זיך ווידער צוזאַמען מיט דער אונטערוועלט. אינדערפרי פירט מען מיך אַריין צום פּריסטאַוו *.

— בראָדיאַגע! — צעשרייט זיך דער פּריסטאַוו — שלעפסט זיך אַרום גאַנצע נעכט. דער טייוול ווייסט דיך, ווער דו ביסט.

איך — ווידער דאָס מייניקע... איך וואַרט אויף אָפּצופאָרן קיין ה...

— סטופּאַי! — רייסט ער מיר איבער מיט נאָך אַ העכערן אויס־געשריי — וואָן! אַרויס פון דאַנען! נאָך איין מאָל, אַז דו וועסט זיך שלעפן איבער די גאַסן, שיק איך דיך גלייך אין טורמע. איך בין ווידער אויף דער פריי מיט מיין גרעסטן אוצר — די אומלעגאַלע ליטעראַטור.

אויף דער אכסניה האָבן מיך די באַלעגאָלעס אָן געלט נישט געוואָלט נעמען.

— „מיין פאָטער וועט אייך באַצאָלן" — האָב איך זיי פאַרזיכערט...

— „ווער איז דאָס דיין פאָטער?" — האָט עוזר באַלעגאָלע געפרעגט.

— „כ׳בין שלומס, שלום דעם סטאָליערס".

— "שלומס? פאַרוואָס ביסטו נישט זלמן־דודס (דער גביר פון שטעטל) זון? — האָט עוזר געשפּאַסט — פונוואַנען וועט דיין טאַטע נעמען צו באַצאָלן? דיין מזל וועט זיין, אויב ס׳וועט מיר פעלן אַ פּאַסאַזשיר...

דאָס מזל האָט מיר טאַקע צוגעשפּילט, ס׳האָט געפעלט איין פאַרשוין און אַ מידער, אַ הונגעריקער און ניט אויסגעשלאָפענער זיך דערשלעפּט

אין דער ארבעטער־באַוועגונג

צו מיין אָנגענעמער איבערראַשונג טרעף איך אין האָרקי אַ לעבע־דיקע אָרגאַניזירטע אַרבעטער־באַוועגונג — אַ באַוועגונג פון יידישע,

*) פּריסטאַוו — פּאָליציי־קאָמענדאַנט.

אַזוי גוט ווי רוסישע אַרבעטער און אינטעליגענץ: סטודענטן פון דער אַגראָנאָמישער־ און ערד־מעסטער־שול. דער עולם לייענט געשמאַק די אומלעגאַלע ליטעראַטור, צוגעשיקטע דורכן „בונד״ און פון דער רוסישער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער אַרבעטער־פּאַרטיי (רסדאַפּ.); אין פּאַרק קומען פאָר מאַניפעסטאַציעס, פאַרזאַמלונגען. איך ווער לעבעדיקער, מונטערער — כ׳האָב געטראָפן דאָס, צו וואָס כ׳האָב געשטרעבט.

ס׳איז 1904. אַן ערב מאַי־פאַרזאַמלונג. הונדערטער מענטשן — יידן און קריסטן — קומען אין וואַלד. אויף אַ בוים פלאַטערט די רויטע פאָן. אויף דער פאָן אַן אויפשריפט: „זאָל לעבן דער ערשטער מאַי!״ עס ווערן געהאַלטן רעדעס אין יידיש און אין רוסיש. אַלגעמיינע באַגייס־טערונג. מען רעדט וועגן פרייהייט, סאָציאַליזם, וועגן דער באַדייטונג פון ערשטן מאַי, וועגן אינטערנאַציאָנאַלער סאָלידאַריטעט אדג״ל.

מיטאַמאָל לויפט אָן אַן אָטריאַד פּאָליציי און סאָלדאַטן. אַ טייל פאַרזאַמלטע חברים צעלויפט זיך. עטלעכע צענדליק חברים איז דער פּאָ־ליציי געלונגען צו פאַרהאַלטן. מען פירט זיי אָפּ אין פּאָליציי־צירקל. נאָך עטלעכע וואָכן האָט מען אַלעמען באַפרייט.

זומער 1904. ס׳איז אַ צאַרישער יום־טוב — אַ געבוירן־טאָג פון איינעם פון דער ראָמאַנאָוו־דינאַסטיע: צאַרישע פענער זיינען צעהאָנגען אין פּאַרק, אויף די גאַסן און פלעצער פון שטאָט; די לערנאַנשטאַלטן זיינען אילומינירט; מיר, די אַרבעטער־יוגנט און די קריסטלעכע סטו־דענטן קלייבן זיך אין אָוונט אין פּאַרק; מיר אָרדענען איין אַ דעמאָנ־סטראַציע, זינגען רעוואָלוציאָנערע לידער; עס ווערן געוואָרפן לאָזונגען: „נידער מיטן צאַריזם!״, „נידער מיט דער דעספּאָטיע!״. „זאָל לעבן די פרייהייט!״ אדג״ל.

די שטימונג — אַ רעוואָלוציאָנערע. דער ענטוזיאַזם און באַגייסטע־רונג האָבן געדויערט ביז טיף אין דער נאַכט אַריין. שפּעט ביינאַכט, מיר הייבן אָן זיך פונאַנדערצוגיין, ערשט ביים הויפּטטויער דערוואַרט אונדז אַ פּאָליציי־אָטריאַד. עס קומט צו אַ צוזאַמענשטויס און ווידער — אַרעסטן.

אויך איך בין שוין אין די הענט פון דער פּאָליציי. איך נוץ אויס עפּעס אַ גינסטיקע מינוט און רייס זיך אַרויס פון זייערע הענט. איך כאַפּ זיך פלינק אַרויף אויפן פּאַרקאַן, שפּרינג פון דאָרט אַראָפּ און אַנטלויף. אין דער היים ערשט האָב איך דערזען, אַז מיין רויטע בלוזע

און הויזן זענען צעריסן. מיינע עלטערן זיינען אַרויס מיט אַ טענה: „אַ נייע בלוזע, ערשט אויפגענייט"... זיי האָבן זיך באַרואיקט ערשט דאַן, ווען כ'האָב זיי דערציילט, ווי אַזוי כ'האָב זיך אַרויסגעריסן פון דער פּאָליציייס הענט.

* * *

מיט דער צייט האָב איך אָנגעהויבן צו פילן, אַז מיר פעלט וויסן; אַז דער חדר מיטן ביסל רעליגיעזע לימודים, וואָס כ'האָב דערוואָרבן אין אים, איז צו ווייניק פאַר די אַקטיוויטעטן, וואָס האָבן מיך דערוואַרט. זייענדיק טעטיק אין דער אַרבעטער־באַוועגונג, דאַרף מען זיין באַוואָפנט מיט וויסן.

אין אונדזער שטאָט איז געווען אַ גרויסע ביבליאָטעק. איך האָב אָנגעהויבן לייענען. צוערשט לייכטע ביכער. ווען איך האָב שוין פריי געלייענט רוסיש, בין איך צוגעפאַלן צו די ביכער, ווי אַ דאָרשטיקער צו אַ קוואַל. כ'האָב געלייענט און לאַנג זיך פאַרטראַכט איבערן געלייענטן מאַטעריאַל, איבער יעדן בוך באַזונדער. געלייענט האָב איך: אַלגעמיינע געשיכטע, קולטור־געשיכטע, די רוסישע קלאַסיקער: טאָלסטאָי, דאָסטאָיעווסקי, גאָרקי און אַנדערע. אויף די פּאַרטיי־קרייזן האָב איך געלערנט דעם „היסטאָרישן מאַטעריאַליזם", „פּאָליטישע עקאָנאָמיע".

יידישע ביכער האָבן צו אונדז אין האָרקי אָנגעהויבן אָנקומען ערשט מיט עטלעכע יאָר שפּעטער. כ'האָב זיך אויף זיי געוואָרפן, ווי אַ הונגעריקער אויף ברויט. כ'האָב געלייענט די קלאַסיקער: מענדעלע, פּרץ, שלום־עליכם. אין דיסקוסיעס מיט פאַרשטייער פון אַנדערע פּאַרטייען און אויך אין דער באַוועגונג — אין „בונד" גופא — האָט דאָס מיר פיל געהאָלפן. כ'האָב אָנגעהויבן צו פילן זיך דרייסטער, פעסטער אין מיינע אידעאישע איבערצייגונגען.

מיר גרינדן אַ בונדישע אָרגאַניזאַציע

שוין עטלעכע יאָר, ווי אין האָרקי עקזיסטירט אַן אַרבעטער־אָרגאַניזאַציע, זי איז אָבער נישט אידענטיפיצירט מיט קיין שום פּאַרטייאישן

צענטער, נישט מיטן „בונד", נישט מיטן צענטער פון דער רסדאפּ. אין האַרקי איז טעטיק געווען אַ לערער מיטן מאָדנעם נאָמען: קרייער. ער האָט געהערט צו „איסקראַ". דער דאָזיקער קרייער האָט געפירט אַ פּראָפּאַגאַנדע פאַר דער רסדאפּ. און געהאַלטן, אַז די יידישע אַרבעטער־אָרגאַניזאַציעס זענען אירער אַ טייל.

איינמאָל האָט ער גערופן אַ גרויסע אומלעגאַלע פאַרזאַמלונג און געהאַלטן אַ רעפעראַט, אין וועלכן ער האָט באַגרינדעט די נויטווענדיקייט פון אָנשליסן זיך אין דער רסדאפּ. עטלעכע הונדערט יידישע און קריסטלעכע סטודענטן און אַרבעטער זייגען אָנוועזנד געווען אויף דער פאַרזאַמלונג. צווישן אַנדערע איז אַרויסגעטראָטן דער חבר שמואל ווילנער, וועלכער האָט באַגרינדעט זיין טעזע, אַז דער יידישער אַרבעטער האָט זיין פאַרטיי — דעם „בונד", פּונקט ווי די רסדאפּ. איז די פאַרטיי פון די רוסישע אַרבעטער. די דעבאַטן האָבן געדויערט אַ גאַנצע נאַכט און ס'איז צו קיין הסכם נישט געקומען. מען איז זיך פונאַנדערגעגאַנגען אָן רעזאָלוציעס.

אין אַ פּאָר טעג אַרום האָט דער יידישער אַקטיוו גערופן אַ פאַרזאַמלונג. עס זיינען געקומען אַריבער הונדערט יידישע אַרבעטער. נאָך אַ לענגערער דעבאַטע ווערט איינשטימיק באַשלאָסן, אַז די יידישע אָרגאַניזאַציע שליסט זיך אָן אינעם בונדישן צענטער. מיר האָבן אויסגעקליבן, ווי מ'האָט עס דעמאָלט גערופן, אַ קאָלעקטיווע אָנפירונג, וועלכע האָט אויסגעוויילט דעם חבר ש. ווילנער ווי דעם שליח צום ראַיאָן־קאָמיטעט * פון „בונד".

מיר האָבן געשאַפן די נויטיקע געלט־מיטלען און געשיקט דעם חבר ווילנער קיין ליאַדי, וועמענס בונדישע אָרגאַניזאַציע איז געווען אָנגעשלאָסן אין מאָהילעווער ראַיאָן־קאָמיטעט. באַלד הייבן אונדז אָן באַזוכן אַגיטאַטאָרן פון בונדישן צענטער. ס'איז אַוועק אָן אַרבעט: רעפעראַטן, ליטעראַטור, פאַרלעזונגען: אַ גרויסער ענטוזיאַזם נעמט אַרום דעם יידישן אַרבעטער אין האַרקי.

---

* אָרגאַניזאַציאָנעל האָט דער „בונד" זיך געטיילט אין ראַיאָן־קאָמיטעטן. איז יעדער גובערניע־שטאָט איז געווען אַ ראַיאָן־קאָמיטעט פון „בונד". האַרקי האָט געהערט צום מאָהילעווער ראַיאָן־קאָמיטעט.

מיר וואַקסן. מיר זיינען די איינציקע אָרגאַניזאַציע צווישן די יידישע אַרבעטער. אַלע שטרייק־אַקציעס ווערן געפירט דורכן „בונד". מיר פירן אויך אַ קולטור־טעטיקייט. איך בין אַ מיטגליד פונעם אָנפירונגס־קאָלעקטיוו.

תשעה־באָב אין וואַלד

די גרינדונג פון דער יידישער אָרגאַניזאַציע אין האָרקי (1904) פייערן מיר מיט אַ ליאַמע. דעם טאָג פאַר דער פייערונג באַשטימען מיר אויף תשעה־באָב. כדי עס זאָל אויף אונדז נישט פאַלן קיין חשד, נוצן מיר אויס די אַלטע טראַדיציע פון דער יוגנט, וועלכע פלעגט תשעה־באב אַוועקגיין אויף אַ גאַנצן טאָג אין וואַלד קלייבן שווערמלעך. דעם מאַרש אין וואַלד אַריין האָבן מיר אָנגעהויבן 4 אַזייגער פאַרטאָג. דער וואַלד ליגט אויף אַ מרחק פון אַ וויאָרסט צען ווייט פון האָרקי. מיר גייען פאַרוויז מיט אַ פאַראַל, דער גאַנצער וועג איז באַשטעלט מיט אונדזערע פאַטרולן, כדי עס זאָלן זיך נישט אַריינכאַפּן צווישן אונדז זייטיקע, צופעליקע אָדער גאָר אומגעוווּנטשענע מענטשן.

שמואל ווילנער, דער פירער פון אונדזער אָרגאַניזאַציע איז אַ לאַמער. אין אַן עקסידענט פאַרלירט ער ביידע פיס און צוליב דעם באַוועגט ער זיך אויף קוליעס. אין וואַלד אַריין ברענגט אים דאָס פויערישע פורל, וואָס מיר האָבן געדונגען אויף צו ברענגען די צוויי פעסלעך ביר מיטן פאַרבייסעכץ צו דער ליאַמע.

אויף אַ בוים האָט געפלאַטערט אַ רויטע פאָן מיט דער אויפשריפט: „זאָל לעבן דער בונד!". מיר האָבן פאַרברענגט דעם טאָג מיט פייערלעכע באַגייסטערנדיקע רעדעס און מיט ביר און פאַרבייסעכטס. דער חבר ווילנער דערמאָנט אין זיין רעדע דעם טאָג תשעה־באָב ווי אַ טרויער־טאָג פון דער ווייטער פאַרגאַנגענהייט. צווישן אַנדערן זאָגט ער: „מיר פייערן היינט דעם טאָג פון דער צוקונפט, דעם טאָג פון פרייד, פון פרייהייט, פון סאָציאַליזם".

פאַרנאַכט־צו דערהערן מיר פלוצעם ווי עס טראָגט זיך אַ געזאַנג אַלץ נעענטער און נעענטער צו אונדז. מיר באַשליסן צו בלייבן אויף די ערטער. דאָס האָבן פויערים פון דער סביבה, גייענדיק פאַרנאַכט פון דער אַרבעט, זיך אָפּגערופן מיט געזאַנג אויף אונדזערע לידער. באַלד

דערנעענטערן זיך צו אונדז עטלעכע צענדליק פויערים מיט קאָסעס, סערפּן און גראַבליעס. זיי קוקן אויף אונדז מיט גרויס חידוש: — „וואָס איז דאָס פאַר אַ יום־טוב ביי אייך?“ — פרעגן זיי. דער חבר ווילנער קלערט זיי אויף: „דאָס איז זיך צונויפגעקומען די יוגנט, וועלכע וויל שאַפן אַ וועלט אָן עקספּלואַטאַציע, אָן אונטערדריקונג און אָרעמקייט. דער אַרבעטער זאָל ניט אונטערדריקט ווערן פון קאַפּיטאַליסט, און דער פּויער — פון פּריץ. אַ וועלט פון פרייהייט“.

דער חבר ווילנער האָט גערעדט פּאָפּולער און מיט אַ הייס האַרץ. זיין אויפקלערונג האָט אַפּעלירט צו די פויערים. זיי האָבן מיט אונדז פאַרברענגט לאַנגע שעהען, מיר זענען זיי מכבד מיט ביר, פאַרביי־סעכטס און מיט רעוואָלוציאָנערע לידער.

שפּעט אין אָוונט קערן מיר זיך אום פון וואַלד מידע, אָבער פול מיט ענטוזיאַזם און גלויבן אין דער צוקונפט.

אין שטעטל דריבין

מיין היימשטאָט האָרקי איז אַרומגערינגלט מיט אַ סך שטעט און שטעטלעך. אין די גרעסערע שטעט ווערט געפירט אַ וויכטיקע בונדישע אַרבעט. די קלענערע האָבן נאָך נישט באַוויזן זיך צו אָרגאַניזירן. אין סעפּטעמבער 1904, ווער איך געשיקט פון האָרקער קאָמיטעט אין דער־בייאיקן שטעטל דריבין מיט דער אויפגאַבע צו אָרגאַניזירן די יוגנט, צו שאַפן דאָרט אַ בונדישע גרופּע.

געפאָרן בין איך אום פרייטיק, כדי אויסצונוצן דעם שבתדיקן טאָג אויף טרעפונגען מיט מענטשן, וועלכע האָבן באַדאַרפט מיר העלפן אין אויספירן מיין שליחות. צוליב טעמים פון קאָנספּיראַציע, פאַרפאָר איך צום באַלעגאָלע (אַליין אַ פרומער ייד), האַלט ביי אים שבת; איך גיי פרייטיק־צונאַכטס מיט אים אין שול אַריין, מאַך דערנאָך קידוש, ביי אַ שבתדיקער וויעטשערע. שבת בייטאָג טרעף איך זיך מיט אייניקע חברים, קלער זיי אויף דעם ציל פון מיין קומען. מען האָט צונויפגערופן אַ צען חברים. איך רעפעריר פאַר זיי, קלער זיי אויף, ווי וויכטיק עס איז צו שאַפן אין דריבין אַ בונדישע גרופּע און שפּעטער — אַן אָרגאַ־

ניזאַציע, וועלכע זאָל, ווי אין אַנדערע שטעט און שטעטלעך מיט אַ יידי־שער אַרבעטערשאַפט, פירן אַ רעוואָלוציאָנער־סאָציאַליסטישע טעטיקייט.

ס'איז באַשטימט געוואָרן צונויפצורופן אויף זונטיק אַ גרעסערע פאַרזאַמלונג, אויף וועלכער איך זאָל אויפקלערן די צילן און שטרעבונגען פון דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג. מאַכט זיך, אַז אין זעלבן טאָג קומט פאָר אַ לוויה פון אַן אַרבעטער, וועלכער האָט זיך דערטרונקען. צו דער לוויה איז געקומען אַ גרעסערער אַרבעטער־עולם. אויסנוצנדיק די געלעגנהייט, האַלט איך אַ הספד, אין וועלכן כ'שטרייך אונטער צוו. אַנד. די נויטיקייט צו אָרגאַניזירן אַ בונדישע גרופּע, וועלכע זאָל צושטיין צום אַרבעטער־קאַמף, וואָס ווערט געפירט אויפן שטח פון דער גאַנצער צאַרישער אימפּעריע, אַ קאַמף פאַר אַ שענערער און בעסערער וועלט — פאַר אַ וועלט פון פרייהייט. חברים גיבן מיר איבער, אַז מיין הספד האָט געמאַכט אויף אַלעמען אַ רושם.

דעם זעלבן טאָג אין אָונט האָבן מיר געהאַט אַ גרעסערע פאַרזאַמלונג פון בערך אַ 25 מענטשן. כ'האָב רעפערירט דעם שטאַנדפּונקט פון „בונד", די שטרעבונגען און צילן פון דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג אינעם קאַמף פון רוסישן אַרבעטער־קלאַס, פון די פעלקערשאַפטן פון דער רוסישער אימפּעריע קעגן אונטערדריקונג, קעגן צאַרישן גוואַלט — פאַר פרייהייט און סאָציאַליזם.

מ'האָט אויסגעטיילט עטלעכע חברים, ווי אַ צייטווייליקן קאָמיטעט, אָנצופירן מיט דער אַרבעט. דער קאָמיטעט האָט זיך געשטעלט אין פאַרבינדונג מיט דער האַרקער אָרגאַניזאַציע. מיר האָבן זיי צוגעשיקט פּאַסיקע ליטעראַטור, געשיקט זיי פון צייט־צו־צייט רעדנער־אַגיטאַטאָרן. עס האָט זיך איינגעשטעלט אַן אַקטיווע אַרבעט.

ס'איז באַקאַנט געוואָרן, אַז פון ערגעץ איז געקומען אַן אַגיטאַטאָר אויפצובונטעווען דאָס שטעטל קעגן צאַר ניקאָלאַי דעם צווייטן. דער אוריאַדניק האָט גענומען זוכן דעם בונטאָווטשיק. קיינער אין שטעטל האָט נישט געוווּסט מיין נאָמען. כ'האָב זיך גערופן מיטן נאָמען „איליאַ". נאָכן פאַרענדיקן מיט דערפאָלג מיין שליחות, קום איך צוריק קיין האַרקי.

16־טער יאַנואַר 1905

די רוסיש־יאַפּאַנישע קריג, וועלכע ברעכט אויס אין 1904 און דויערט צוויי יאָר, רודערט אויף די גאַנצע סאָציאַליסטישע און פּראָגרע־סיווע באַוועגונג אין רוסלאַנד. דאָס געוויסן פון רוסישן פאָלק האָט מיט איינמאָל אויפגעוואַכט.

די סאָציאַליסטישע באַוועגונג, די ראַדיקאַלע אינטעליגענץ, אַפילו דער פּראָגרעסיווער טייל פון דער רוסישער בורזשואַזיע פּראָטעסטירן העפטיק קעגן דער אומזיסטער בלוט־פאַרגיסונג און קרבנות אויפן ווייטן מזרח און רופן צום קאַמף קעגן דער צאַרישער הערשאַפט. דער צענ־טראַל־קאָמיטעט פון "בונד" שטעלט זיך בראש פון די יידישע אַרבעטער־מאַסן, זאָרגט פאַר דער אויסבילדונג פונעם אַקטיוו, פאַר צוגרייטן קאַדרען צו דער גרויסער קומענדיקער שלאַכט.

אין גאַנץ רוסלאַנד איז דעמאָלט אָנגעגאַנגען די מאָביליזאַציע. די שטעט זיינען פאַרפלייצט געוואָרן מיט הונדערטער טויזנטער מאָביליזירטע רעזערוויסטן, וועלכע האָבן געוואַרט אויף זייער ריי אָפּגעשיקט צו ווערן אויפן ווייטן מזרח — צום פראָנט. אויך ביי אונדז, אין האָרקי, שטעלן זיך אויפן מאָביליזאַציע־רוף טויזנטער רעזערוויסטן, וועלכע ווערן איינגע־קוואַרטירט אין קאַזאַרמעס און אין פאַרשידענע פּריוואַטע הייזער. איך מיט נאָך אַ חבר — דער חבר אלקאַנאַן — גייען אַרום אין אַ ווינטערדיקן פאַרטאָג איבער די אַלע פּונקטן, ווו עס געפינען זיך רעזערוויסטן, און באַקלעפּן די אַרומיקע ווענט און טירן מיט פּראָקלאַמאַציעס און אויפ־רופן, וועלכע זענען אונדז צוגעשיקט געוואָרן דורכן צענטראַל־קאָמיטעט פון „בונד" און אַנדערע רעוואָלוציאָנערע צענטערס. עס איז הייס אין יענע ווינטערדיקע טעג אין רוסלאַנד...

דער סיגנאַל צו דער רעוואָלוציע קומט אינעם טאָג פון 9־טן יאַנואַר 1905. דער אַרבעטער־קלאַס מיט זיין גרויסער מאַסן־באַוועגונג גייט אַרויס אויף די גאַסן פון די רוסלענדישע שטעט שטורעמען די פעסטונג פונעם צאַריזם. די רעוואָלוציע האָט זיך אָנגעהויבן אין אַ ברייטן פאַר־נעם. אין פּעטערבורג לאָזן זיך די אַרבעטער צום ווינטער־פּאַלאַץ פון ניקאָלאַי דעם צווייטן מיט אַ פּעטיציע צו פאַרבעסערן די לעבנס־באַדינ־גונגען פון די אַרבעטער, צו פאַרגרינגערן דעם שווערן יאָך פון די עקס־

פלואַטירטע. דער „מאַרש" איז אַ פרידלעכער, געפירט דורכן גלח גאַפּאָן מיט איקאָנעס און תּפילות. אָנשטאָט אויפצונעמען אַ דעלעגאַציע פון די אַרבעטער, שיקט דער צאַר אַרויס קעגן זיי מיליטער. דאָס מיליטער שיסט אין די מאַסן. עס פאַלן טויזנטער טויטע און פאַרוואונדעטע. די מאַסע זעט בולט, אַז צו אַן ענדערונג קען ניט קומען דורך פּעטיציעס און ביטעס, נאָר דורך דירעקטן קאַמף, דורך רעוואָלוציע. דער רעוואָלוציאָנערער ראַט פון אַרבעטער־קלאַס רופט צו אַ באַוואָפנטן אויפשטאַנד, אַראָפּצוואַרפן די צאַרישע קליקע.

אויך דער צענטראַל־קאָמיטעט פון „בונד" שליסט זיך אָן אינעם רעוואָלוציאָנערן ראַט און רופט די יידישע אַרבעטער אַרויסצוגיין אין קאַמף. אינעם אויפרוף פון „בונד" האָט זיך, צווישן אַנדערן, געזאָגט:

„דער גרויסער טאָג פון רעוואָלוציע איז געקומען. מיר ווילן פריי־הייט אָדער טויט. וואַרפט די אַרבעט אין די וואַרשטאַטן, פאַבריקן, זאַ־וואָדן. גייט אַרויס אין גאַס. טראָגט אַרויס די רויטע פאָן. ווערט סאָל־דאַטן פון דער רעוואָלוציע!"

דער באַשלוס פון צענטראַל־קאָמיטעט פון „בונד", צוזאַמען מיט די געהעריקע אינסטרוקציעס, פּראָקלאַמאַציעס און אויפרופן, קומט אויך אָן קיין האָרקי. מיר באַשליסן דורכצופירן אַ דעמאָנסטראַציע אין טאָג פון 16־טן יאַנואַר. מיר פאַרשטענדיקן זיך מיטן קאָמיטעט פון דער רסדאפּ. וועגן דורכפירן די אַקציע געמיינזאַם. פון ליאַדי קומט אַ גרעסערע באַוואָפנטע גרופּע פון קאַמפּס־גרייטע חברים. עס ווערט אויסגעאַרבעט אַ פּלאַן: דער פאַנאַנטרעגער מיט דער גרופּע „פאַרטיידיקער פון דער רויטער פאָן" זאָלן וואַרטן אין פּאַרק „סטראַיעניע" פון דער זייט, וואָס גייט אַרויס צו דער סמאָלענסקער גאַס; גרופּעס חברים, יידן און קריסטן, זאָלן זיך זאַמלען אויף באַשטימטע ערטער נאָענט צו דער גאַס, ווו די דעמאָנסטראַציע דאַרף דורכגיין. איך ווער צוגעטיילט צו דער גרופּע „פאַרטיידיקער פון דער רויטער פאָן". — מיר באַדאַרפן זי אַרומרינגלען און פאַרטיידיקן — אויב ס'וועט זיין נויטיק...

צו דער באַשטימטער צייט גייט אַרויס דער פאַנענטרעגער מיט דער פאָן. אַרום דער פאָן נעמען זיך זאַמלען גרופּעס חברים.

מיר גייען איבער די גאַסן. די רויטע פאָן פלאַטערט איבער אַלעמענס קעפּ. מיר זינגען רעוואָלוציאָנערע לידער. אונדזער מאַרש ווערט באַגלייט

מיט גרויס באַגייסטערונג פון הונדערטער נייגעריקע. באַהאַלטן אין זייטיקע געסלעך האָט, פאַרשטייט זיך, אונדז דערוואַרט פּאָליציי. זיי האָבן געוואַרט אויף אַ פּאַסיקן מאָמענט אונדז צו באַפאַלן. דער מאָמענט איז געקומען: ביי אַ גאַסן־פאַרבויג אויף אַ קרייצונג, ווען מיר האָבן באַדאַרפט פאַרקערן זיך אויף רעכטס, זענען מיר פּלוצלונג אָפּגעשטעלט געוואָרן דורך אַ פאַר־שטאַרקטן פּאָליציי־אָטריאַד, וועלכער האָט ווי אַ מויער פאַרצאַמט אונדז דעם וועג. אויך פון צוויי אַנדערע גאַסן איז אָנגעקומען פּאָליציי. מיר האָבן זיך דערזען ארומגערינגלט פון דריי זייטן. די פּאָליציי, מיט געווער אין די הענט, וואַרפט זיך אויף דער פאָן און שיסט אָן קיין שום וואָרע־נונג גלייך אין די חברים, וועלכע רינגלען זי אַרום. עטלעכע חברים פאַלן טויט און צענדליקער — שווער פאַרוווּנדעט; עס פעלט אויך נישט קיין פאַרוווּנדעטע צווישן דער פּאָליציי. די דעמאָנסטראַציע ווערט אויפגעלייזט.

בעת און נאָך דער דעמאָנסטראַציע זיינען פאַרגעקומען גרויסע אַרעסטן. צענדליקער חברים זיינען אַרעסטירט געוואָרן. ס'איז שפּעטער פאַרגעקו־מען אַ געריכט, אויף וועלכן זיי זיינען פאַרמשפּט געוואָרן אויף צוויי און דריי יאָר טורמע. דער מאַניפעסט פון 7־טן אָקטאָבער האָט אַלעמען באַ־פרייט. אין דער לוויה פון די געפאַלענע חברים האָבן זיך באַטייליקט טויזנטער מענטשן. עס זענען געקומען צו איר פויערים פון די אַרומיקע דערפער. ביים אָפענעם קבר זיינען געהאַלטן געוואָרן רעדעס. די מאַסע באַטייליקטע געזעגנט די געפאַלענע מיט רעוואָלוציאָנערע לידער.

אָ ר ש ע

אין אַפּריל 1905 האָט זיך מיר פאַרוואָלט באַזוכן אָרשע. אין אַ גע־וויסן פרימאָרגן בין איך אַוועק צופוס קיין אָרשע. ס'איז אָנהויב פרילינג. די וועגן זענען פול מיט בלאָטעס, מיט קאַלוזשעס פונעם צעגאַנגענעם שניי. איך מאַך דורך די פערציק ווי־אָרסט ביז אָרשע מיט גרויסע שוועריקייטן, די „נסיעה" דויערט אַ גאַנצן טאָג. אין אָוונט קום איך אָן קיין אָרשע אַ מידער, אַ פאַרמאַטערטער.

איך דערפרעג זיך צו מיין פאָטערס שוועסטערקינד — אויך אַ סטאָ־ליער, אַן אָרעמאַן מיט אַ גרויסער משפחה און ווייניק פרנסה... מיין

קוזין לייגט מיך שלאָפֿן אין פֿאַרהויז אויף אַן אַלט צעבראָכן בעטל. דריי נעכט האָב איך געניעכטיקט אין פירהויז. דריי נעכט מאַטערניש. אַזוי ווי כ׳פֿלעג זיך אַנידערלייגן אויפֿן בעטל, פֿלעג איך גלייך פֿאַרשאָטן ווערן מיט וואַנצן... ביז וואַנען כ׳האָב געקריגן אַרבעט און געדונגען אַ צימער.

אָרשע איז גרעסער פֿון האָרקי: ברייטערע גאַסן, שענער די הייזער; איזואָשטשיקעס מיט פֿאַרביקע, גלאַנציקע געשפּאַנען פֿילן אַן די שטאָט מיט לעבן. דער דניעפּר. פֿאַראַכאַדן, וואָס שווימען ביז קיעוו און ווייטער. וואָקזאַל.

כ׳האָב געהאַט אַ פֿאַרטיי־„יאַווקע״ (אַ בריוו אַזאַ) צום פֿירער פֿון אָר־שער „בונד״. זיין נאָמען געדענק איך ניט. אַן אַזאַ „יאַווקע״ ווערט קיין פֿרעמדער ניט אַנגענומען אין דער אָרגאַניזאַציע.

די אָרשער אָרגאַניזאַציע פֿון „בונד״ איז פֿיל גרעסער, פֿירט אַ גרע־סערע אַקטיוויטעט. אָפֿטע דעמאָנסטראַציעס, מאַניפֿעסטאַציעס. די אָרשער אָרגאַניזאַציע האָט באַוויזן צו באַפֿרייען אַרעסטירטע חברים פֿון אונטער אַ סאָלדאַטן־קאָנוואָי. איך באַקען זיך מיט חברים, קום אין שטאָטישן פּאַרק — אַ מין „הייד־פּאַרק״: בונדיסטן, ציוניסטן, איסקראָווצעס, פֿאַרשיידענע פּאַרטייען, מען דיסקוטירט, מען פּאָלעמיזירט. ס׳איז דעמאָלט געווען אין דער מאָדע צו דיסקוטירן מיט אַנדערע פּאַרטייען. דער „בונד״ איז באַ־קאַנט געווען מיט זיינע אַגיטאַטאָרן־פּראָפּאַגאַנדיסטן. זיי קומען ניט פֿון „אויבן״ ווי „קולטור־טרעגער״, נאָר זענען פֿאַרוואָרצלט טיף אין פֿאָלק, אין דער יידישער אַרבעטער־מאַסע. באַזונדערס בין איך געווען אַריינגעטאָן אין דער מלאכה פֿון פּאָלעמיק...

דעם ערשטן אָוונט אין פּאַרק קומט מיר אויס צו באַטייליקן זיך אין אַזאַ דיסקוסיע. עס שטייט אַ גרופּע בונדיסטן, פּאַרטאָן אין אַ הייסער דעבאַטע מיט ציוניסטן. איך שטיי שטיל, הער אויס די צדדים אויפֿ־מערקזאַם. נאָכדעם בעט איך אַ וואָרט. איך רעד אַ מינוט צען. ס׳איז שטיל. דער עולם הערט זיך צו. ווען איך ענדיק, אַפּלאָדירט מען... מיר גייען אַהיים. מיינע חברים, די באַגלייטער זיינען צופֿרידן:

— „האָסט זיי גוט אַריינגעזאָגט, די ציוניסטן״...

אין אַ פּאָר טעג אַרום זאָגן צו מיר חברים: „קום, יואל, היינט איז אַ רעפֿעראַט. עס רעפֿערירט אַ פֿרעמדער „עסעראָוויעץ״ (ס.ר. — סאָציאַ־ליסטן־רעוואָלוציאָנערן). מיר זענען אָוועק ערגעץ אין אַ געביידע הינטער

דער שטאַט. מיר טרעפן דאָרט אַ „פּובליק" פון 25 מאַן פון פאַרשיי־דענע ריכטונגען. דער רעפערענט רעדט מיט פּאַטאָס קעגן מאַרקסיזם:

— „דער דייטשער מאַרקסיזם — זאָגט ער — איז נישט צוגעפּאַסט פאַר דער רוסישער ווירקלעכקייט. רוסלאַנד איז אַן אַגראַר־לאַנד, העכער 70% פון דער באַפעלקערונג זענען פּויערים. אין דער סאָציאַלער רעוואָלוציע פון רוסלאַנד וועט דאָס פּויערטום שפּילן אַ הויפּטראָל. מען קען נישט נייען קיין רוסישע שטיוול אויף דייטשע קאַפּולן אדג"ל.

נאָך דעם דאָזיקן לאַנגן מאָנאָלאָג זיינעם, בעט איך אַ וואָרט. איך זאָג:

— ס'איז טאַקע אמת, אַז רוסישע שטיוול קען מען נישט נייען אויף דייטשע קאַפּולן. אָבער נישט יעדער פאַרגלייך — איז גלייך. די רעוואָלוציע איז ניט קיין שטיוול. די צילן און שטרעבונגען פון אַרבעטער־קלאַס אין דער גאָרער וועלט זיינען איינע און די זעלבע. דער רוסישער קאַפּיטאַליזם איז נאָך אַ יונגער. ער האַלט ערשט ביי בראשית. אָבער עס אַנטוויקלט זיך פונדעסטוועגן אַן אינדוסטריע, מיט אַן אַרבעטער־קלאַס — מיט אַ פּראָלעטאַריאַט. דער אַרבעטער־קלאַס איז דער העגאַמאָן אין קאַמף פאַר סאָציאַליזם און ער וועט פירן נאָך זיך אַלע אַנדערע שיכטן פון פאָלק. אַז דער פּראָלעטאַריאַט איז דער אַוואַנגאַרד פון דער רעוואָלוציע, זעען מיר שוין איצט. מיט דעם רעוואָלוציאָנערן קאַמף קעגן דער צאַריסטישער זעלבסטהערשאַפט און גוואַלט אין אַלע שטעט און שטעטלעך פון דער גרויסער רוסלאַנד פירט אַן און שפּילט די הויפּטראָל דער שטאָטישער אַרבעטער. איבערשפּרינגען די קאַפּיטאַליסטישע אַנטוויקלונג און איינפירן סאָציאַליזם איז אַן אוטאָפּיע, וואָס איר סאָציאַליסטן־רעוואָלוציאָנערן האָט איבערגענומען פון די נאַראָדניקעס („נאַראָדנאַיאַ וואָליאַ")...

וועגן דער טאַקטיק פון דער ס. ר. האָב איך ניט גערעדט. כ'האָב אַליין צו ביסלעך סימפּאַטיזירט מיט דער טאַקטיק פון אָנווענדן טעראָר קעגן דער צאַרישער סאַטראַפּיע. צו מיר האָט אַפּעלירט דער העלדנמוט, דאָס הערלאָיש־פּאַטעטישע געזאַנג, וואָס האָט זיך באַהאַלטן אין דער עובדה פון דורכפירן אַטענטאַטן אויף באַזונדערע צאַרישע סאַטראַפּן.

די פאַרזאַמלונג האָט זיך געענדיקט שפּעט ביינאַכט. מיר זיינען זיך פונאַנדערגעגאַנגען. קיין גרויס דערפאָלג האָט דער פּרעלעגענט נישט געהאַט.

אין אָרשע האָט דער „בונד" דעם גרעסטן איינפלוס אויף דער באַ־פעלקערונג. אָרשע איז אויך באַקאַנט פון די אָקטאָבער־טעג פון 1905־טן יאָר. דאָרט איז פאָרגעקומען דער באַקאַנטער פּאָגראָם אויף יידן, אין וועלכן ס'זענען געפאַלן פיל טויטע און פאַרוווּנדעטע. אויך די יידישע זעלבשוץ פון די אַרומיקע שטעטלעך, וועלכע האָט געאיילט צו הילף דער אָרשער יידישער באַפעלקערונג, האָט געהאַט קרבנות. נאָך עטלעכע חדשים זיין אין אָרשע — קער איך זיך אום קיין האָרקי.

אויף דער לוויה פון א חבר

אין יולי 1905 שטאַרבט אַ חבר, וועלכער איז געווען אַקטיוו אין דער באַוועגונג. דער קאָמיטעט באַשליסט צו פאַרוואַנדלען זיין לוויה, אַחוץ אין אַן אַקט פון אָפּגעבן דעם לעצטן כבוד אַ פאַרשטאָרבענעם חבר, אויך אין אַ דעמאָנסטראַציע פאַר דער אַרבעטער־זאַך, פאַר פרייהייט און דעמאָקראַטיע — פאַר סאָציאַליזם.

מיר טראָגן דעם אָרון מיטן פאַרשטאָרבענעם פון זיין שטוב ביזן בית־עלמין (אַ קימאַ־לן פון אַ שיינע פאַר ווי־אַרסט) אויף די אייגענע אַקסלען. ביים אָפענעם קבר ווערן געהאַלטן רעדעס. מיר פאַרלאָזן דעם קבר מיט געזאַנג פון רעוואָלוציאָנערע לידער און מיט זאַלפן פון רע־וואָלווערן — די רעוואָלווערן פון אונדזער זעלבשוץ. אויפן וועג אַהיים, האָבן מיר כסדר געשאָסן. ס'איז שפּעט ביינאַכט, און די זאַלפן הילכן אָפּ מיט אַ שטאַרקן עכאָ איבער אַרום און וועקן אויף די שטילע, שלאָפנדיקע שטאָט. ווען מיר דערנענטערן זיך צום צענטער, צעגייען זיך די חברים יעדער אין אַן אַנדער ריכטונג. איך, מיט אַ גרופּע חברים דאַרפן דורכ־גיין די הויפּט־גאַס — אָרשאַנסקי. ס'איז פינצטער און מיר זעען ניט, אַז דאָס מיליטער האָט אָפּגעצוימט פאַר אונדז די גאַס מיט ביקסן — מיט די באַגנעטן אָנגעשטעלט קעגן אונדז. מיר גייען ווייטער פאָרויס און ווען מיר דערנענטערן זיך צו דער אָפּגעצוימטער גאַס, אָנשטויסנדיק זיך אַזוי אַרום אין מיליטער, ווערן מיר דורך זיי באַפאַלן. דער צוזאַמענשטויס אין דער פינצטער איז אַן אומגעריכטער: זיי שלאָגן אונדז מיט נאַהייקעס, מיט די „פּריקלאַדן" פון די ביקסן, מיט שטעקנס. מיר האָבן געקענט ענטפערן אויפן אָנפאַל מיט אַ שיסעריי — דאָס וואָלט אָבער

גורם געווען אַ בלוט־באַד, וועלכע מיר האָבן געוואָלט אויסמיידן; אַנדערש וואָלטן מיר אַלע געפאַלן אין אומגלייכן קאַמף.

כ׳האָב זיך קוים דערשלעפּט אַהיים. פון דער איבערלעבונג און דער עיקר פון די ווונדן פון די שווערע קלעפּ, בין איך קראַנק געוואָרן. איך בין אָפּגעלעגן אין בעט העכער דריי חדשים.

פּראָטעסט־מאַניפעסטאַציע אין יולי 1905

אינעם זומער פון 1905־טן יאָר האָט זיך דער קאַמף קעגן דער צאַרישער זעלבסטהערשאַפט פאַרשאַרפט: עס וואַקסט די אומצופרידנקייט פון שטאָט און דאָרף, פון דער אינטעליגענץ; באַריקאַדן אין לאָדזש, אין אָדעס און אַנדערע שטעט. דער צענטראַל־קאָמיטעט פון „בונד" רופט צו אַ גענעראַל־שטרייק אין גאַנצן בונדישן ראַיאָן — אין דעם אַזוי גערופענעם "תחום־המושב". דיסציפּלינירטע, שטעלן זיך אַלע שטעט צום קאַמף.

דער שטרייק אין האָרקי האָט געהאַט אַן אומדערוואַרטן פאַרלויף, צוליב אַ פּאָגראָם, וואָס די רעאַקציע האָט צוגעגרייט אויף דעם טאָג, כדי צו שטערן דעם נאָרמאַלן גאַנג זייַנעם. אַלע קראָמען זייַנען געווען געשלאָסן, די לערן־אַנשטאַלטן — פאַרמאַכט. דאָסגלייכן די אַרבעטס־ווערקשטאַטן. מיר, די אַרבעטער און שטודירנדיקע יוגנט זאַמלען זיך אין פּאַרק צו דער פּראָטעסטירנדיקער דעמאָנסטראַציע, וועלכע האָט באַדאַרפט דורכגיין די שטאָט. ס׳איז אַ שיינער זומער־טאָג. די זון שיינט, אַלץ איז ליכטיק, העל — גרייט צום קאַמף.

מיטאַמאָל זאָגט מען אונדז אָן: „אין שטאָט גרייט זיך אַ פּאָגראָם". פּויערים פון די אַרומיקע דערפער און כוליגאַנישע „מיעשטשאַנעס" האָבן זיך צונויפגעקליבן אויפן מאַרק, ווו עס שטייען ביי טישלעך מיט פּרוכטן און אַנדערע קלייניקייטן יידישע הענדלערקעס, כדי פון דאָרט אָנצוהייבן דעם פּלאַנירטן פּאָגראָם. אונדזער זעלבשוץ, באַוואָפנט מיט רעוואָלווערן און קאַלט געווער, איז באַלד אַוועק אויפן אָרט, אָפּגעשלאָסן פון ביידע זייטן די אָרשאַנסקי־גאַס, ווו עס האָט זיך געפונען דער מאַרק, קיינעם ניט אַרייַנגעלאָזט און ניט אַרויסגעלאָזט פון דאָרט. עטלעכע טישלעך פון יידישע הענדלערקעס זענען שוין געווען איבערגעקערט.

ווען די כוליגאַנעס האָבן דערזען דעם יידישן זעלבשוץ, האָבן זיי

גלייך אָפּגעצויגן, קוים אַנטלאָפן מיטן לעבן. מיר האָבן זיי באַגלייט מיט רעוואָלווער־זאַלפּן אין דער לופט. די העפטיקע שיסערייַ האָט אויף די כוליגאַנעס אַנגעוואָרפן אַן אימה און זיי זיינען זיך צעלאָפן ווי מייז.

פּאָליציי איז געשטאַנען פון דערווייטנס און כלומרשט „נייטראַל״ צו־געקוקט זיך צו אונדזער שטיקל אַרבעט. זיי גופא איז אויך באַפאַלן אַ פּחד פאַר אונדזער פויסט. אַ גאַנצן טאָג און אַ גאַנצע נאַכט האָבן מיר פּאַטרו־לירט די גאַסן. אינדערפרי זענען מיר זיך פונאַנדערגעגאַנגען מיטן גע־פיל פון אַן אָפּגעהאַלטענעם נצחון.

דאָס האָט אונדז, יונגע רעוואָלוציאָנערן, צוגעגעבן מוט, דרייסטקייט און האָפענונג אין אונדזער ווייטערדיקן קאַמף.

17־טער אָקטאָבער 1905

אין די טעג פון אָקטאָבער 1905 דערגרייכט די רעוואָלוציאָנערע כוואַליע אין רוסלאַנד איר העכסטן קלימאַקס. ווידעראַמאַל שטרייקן, דע־מאָנסטראַציעס, אויפשטאַנדן. אין דערפער צינדן פּויערים אונטער די „מאַיאָנטקעס״ פון פּריצים. עס אָרגאַניזירט זיך צום קאַמף אויך די ליבעראַלע בורזשואַזיע. אַלע שיכטן פון דער געזעלשאַפט — דאָס גאַנצע פאָלק גרייט זיך צום קאַמף. די לופט איז פול מיט רעוואָלוציע. אין גאַנץ רוסלאַנד — פון איין עק ביזן צווייטן — קומען פאָר שטרייקן. אַלץ שטרייקט. עס שטרייקן די אייזנבאַנער, די גאַזאָוועניעס, די פאַבריקן און זאַוואָדן, די אַרבעטער פון דער קליין־אינדוסטריע. מאָסקווע, פּעטערבורג בלייבן אָן ליכט. אין אַזעלכע באַדינגונגען ווערט דער צאַר ניקאָלאַי גע־צוווּנגען אַרויסצוקומען מיט אַ מאַניפעסט — דער באַקאַנטער מאַניפעסט פון 17־טן אָקטאָבער 1905. דער מאַניפעסט זאָגט צו געוויסע פּאָליטישע פרייהייטן, ווי פאָלקס־פאַרטרעטונגען צו געווילטע מלוכהשע דומעס, דאָס באַפרייען פּאָליטישע אַרעסטירטע און אַנדערע. דער דאָזיקער מאַניפעסט ווערט אויפגענומען דורכן רוסישן פאָלק מיט גרויס פרייד און ענטוזיאַזם.

צו לאַנג האָט די פרייד נישט געדויערט. אין געציילטע טעג אָדער וואָכן איז קיין סימן נישט געבליבן פון איר און די רעוואָלוציע איז גע־לעגן דערשטיקט אין ימען בלוט. עס הויבט זיך אָן אַ סעריע פּאָגראָמען אויף יידן, אויף דער רוסישער אינטעליגענץ, אויף די ראַדיקאַלע און

פראָגרעסיווע פאָלקס־מאַסן, עס ווערן אָפּגענומען אַלע צוגעזאָגטע פריי־הייטן פון דער צאַרישער קאָנסטיטוציע. דערווייל אָבער איז פריילעך...

דעם 17־טן אָקטאָבער אין אָוונט דערוווסט זיך האַרקי פון מאַניפעסט. אין דעם זעלבן אָוונט מאַרשירן מיר איבער די גאַסן מיטן געזאַנג פון רעוואָלוציאָנערע לידער. ביינאַכט האָט מען געגרייט פענער. צומאָרגנס פרי זאַמלען זיך אַלע אין פּאַרק. שוין 10 פרי איז דער אָפענער פּאַרק פּאַרפולט מיט הונדערטער מענטשן. דאָס פאָלק איז אַרויס פייערן זיין יום־טוב — דעם יום־טוב פון פרייהייט. אויף דער עסטראַדע פלאַטערן פענער און טראַנספּאַרענטן. אַרום די פענער — אונדזער באַוואָפנטע זעלבשוץ. דאָס לעבן אין שטאָט איז אָפּגעשטעלט. אַלץ איז פאַרמאַכט, געשלאָסן: די מלוכה־ביוראָען, די פאַבריקן, די לערן־אַנשטאַלטן. די סטודענטן זיינען אַוועק אין פּאַרק אויפן מיטינג. איך געפין זיך מיט דער זעלבשוץ: מיר באַקומען אַ באַפעל גרייט צו זיין אויף יעדער עווענ־טואַליטעט.

פונקט 12 אַזייגער בייטאָג הויבט זיך אָן דער גרויסער פאָלקס־מי־טינג. ער ווערט געעפנט דורכן פּאַראייניקטן קאָמיטעט פון „בונד" און פון דער רסדאפּ. דאָס ערשטע וואָרט באַקומט דער חבר איליא זאַיצעוו — אַ סטודענט פון יורידישן פאַקולטעט ביים פּעטערבורגער אוניווערסיטעט. ער רעדט וועגן די סיבות, וואָס האָבן געצווונגען די צאַרישע מאַכט אַרויסצוקומען מיטן מאַניפעסט: „דער שטורעם פון דער רעוואָלוציע קעגן דער זעבסטהערשונג און קעגן דער פּאָליטישער און עקאָנאָמישער אונטער־דריקונג". ער וואָרנט, אַז דער צאַריזם קאָן נאָך פּרוּוון אָפּנעמען די צו־געזאָגטע פרייהייט. ער רופט צו טרייהייט, וואַכזאַמקייט און קאַמפּס־גרייטקייט אונטער די פענער פון דער רעוואָלוציע און פאַרענדיקט זיין רעדע אונטער שטורמישע אַפּלאָדיסמענטן.

דער צווייטער רעדנער, אונדזער חבר שמואל ווילנער, שטעלט זיך אָפּ אויפן קאַמף, וואָס עס פירן די יידישע מאַסן, אויף זייער צושטייער צום דערפאָלג פון דער רעוואָלוציע — דער צושטייער פון די יידישע אַרבעטנדיקע, ווי קינדער פון אַ פאָלק, וואָס ווערט סיי פּאָליטיש, סיי עקאָנאָמיש אונטערדריקט מער פון אַלע אַנדערע פעלקער אין רוסלאַנד. אויך די רעדע פון חבר ווילנער ווערט אויפגענומען מיט שטורמישע אַפּ־

לאַדיסמענטן. עס ריידן נאָך אַ צאָל אַנדערע רעדנער. נאָך די רעדעס פּאַרמירט זיך דער צוג.

דער צוג גייט דורך אַ ריי גאַסן. די פענער פלאַטערן איבער אונ־דזערע קעפּ, זאָגן אָן דעם אָנקום פון אַ נייער ערע — די ערע פון דע־מאָקראַטיע און פרייהייט. מיר מאַרשירן מיט באַגייסטערונג. עס פאַלן אויסרופן לכבוד דעם זיג פון דער רוסישער רעוואָלוציע. עס הילכן רעוואָלוציאָנערע לידער. מיט גרויס ענטוזיאַזם לאָזן מיר זיך צו דער תפיסה צו ברענגען די בשורה פון זיג צו די חברים פּאָליטישע אַרעס־טאַנטן און צו פאָדערן זייער באַפרייאונג. מיר זענען שוין אויפן בולוואַר אַנטקעגן דער טורמע. אַ דעלעגאַציע איז אַוועק אין דער טורמע־אַדמי־ניסטראַציע איבערצוגעבן אונדזער פאָדערונג. דער טורמע־נאַטשאַלניק פאַר־זיכערט דער דעלעגאַציע, אַז אין דריי שעה אַרום וועלן אַלע באַפרייט ווערן. מען פירט די דעלעגאַציע אַריין אין די קאַמערן. מיר זעען זיי, די חברים אַרעסטאַנטן. מיר באַגריסן זיך מיטן נצחון און מעלדן זיי, אַז אין אייניקע שעה אַרום וועלן אַלע באַפרייט ווערן. זיי ענטפערן מיט האַרציקע באַגריסונגען און מיט טרערן פון פרייד. פרייד און ענטוזיאַזם אין אַלעמענס הערצער.

אין אָוונט — ווידער אַ גרויסער מיטינג. דאַסמאָל — אין גרויסן בית־מדרש. די באַפרייטע חברים ווערן אַריינגעטראָגן אויף די הענט. ווידער באַגריסונגען, האַנטדרוקן, טרערן, קושן. די כוואַליע פון באַ־גייסטערונג שטייגט אַלץ העכער און העכער...

דער גרויסער ענטוזיאַזם פון דער פרייהייט האָט אַזוי אָנגעהאַלטן עטלעכע טעג. מען קושט זיך אויף דער גאַס, אין עפנטלעכע ערטער און ווו נאָר מענטשן באַגעגענען זיך. מען זעט נישט קיין פּאָליציי. זי באַהאַלט זיך אין די לעכער — אין יענע הייסע יום־טוב־טעג פון דער רעוואָלוציע — אין די טעג פון אָקטאָבער 1905.

די זעלבשוץ אויף דער וואַך

דורך אַרעסטן, סיביר, קאַטאָרגע און תליות, דורך בלוטיקע פּאָגראָמען קעגן יידן, גרייט זיך די צאַרישע קליקע אָפּצונעמען די, דורכן אַרבעטער־קלאַס און רוסישן פאָלק אויסגעקעמפטע פרייהייט. דערמוטיקט און געשטיצט

פון דער פּאָליציי און מיליטער, איז די „שוואַרצע מאה" געקומען צום וואָרט און אָנגעהויבן אַ גאַנצע ריי בלוטיקע אַנטי־יידישע פּאָגראָמען אין די שטעט און שטעטלעך פונעם תחום־המושב. די פּאָגראָמען זיינען צוגעגרייט און אָרגאַניזירט געוואָרן דירעקט דורכן פּאָליציי־דעפּאַרטאַ־מענט אין פּעטערבורג.

פאַרשטייט זיך, אַז די אָרגאַניזירטע אַרבעטערשאַפט, די אַנדערע רע־וואָלוציאָנערע קרייזן פון פאָלק און ספּעציעל דער „בונד" זענען ניט געזעסן מיט פאַרלייגטע הענט. אויך מיר, אין האָרקי, האָבן אָרגאַניזירט אונדזער זעלבשוץ. בערך אַ צוויי הונדערט יונגעלייט, באַוואָפנט מיט הייס און קאַלט געווער, איינגעטיילט אין „קאַמפּס־צענטלעך" מיט אַן אָנפירונגס־שטאַב, מיט אַ הויפּט־קאָמענדאַנט האָבן במשך פון דריי טעג און נעכט פּאַטרולירט די שטאָט. די יידישע באַפעלקערונג אין האָרקי האָט אונדז וואַרעם געשטיצט, געהאָלפן אונדז מיט געלט און דירות פאַר קאָנספּיראַטיווע צוועקן און מיט אַלע אַנדערע מיטלען, נויטיקע פאַר דער פאַרטיידיקונג.

אַדאַנק אָט דער גוט־אָרגאַניזירטער פאַרטיידיקונג, איז ביי אונדז אין האָרקי צו קיין פּאָגראָם נישט דערגאַנגען. די „שוואַרצע מאה" האָט נישט ריזיקירט. זי האָט גוט פאַרגעדענקט די פויסט פון יידישן אַרבע־טער־קלאַס — די פויסט פון „בונד". דאַקעגן איז אין אָרשע, אַ פערציק ווי־אָרסט פון האָרקי יאָ געקומען צו אַ פּאָגראָם. קיין הילף האָט האָרקי נישט געקאָנט געבן די אָרשאַנער יידן, ווייל אויך ביי אונדז, ווי מיר האָבן זיך דערוווּסט, ווערט געגרייט אַ פּאָגראָם און מיר האָבן נישט גע־קאָנט צעשטיקלען אונדזער כוח און אַוועקשיקן אַ טייל זיינעם אַזש אַזאַ ווייטן וועג. אין יענער צייט האָט דאָס פאָרן אַזאַ מהלך וועג מיט פורלעך פאַרנומען פיל צייט. אָרשע האָט באַקומען הילף פון די אַרום איר ליגנ־דיקע שטעטלעך, באַזונדערס פון דובראָוונע, וועמענס זעלבשוץ האָט געאיילט אַהין מיט הילף. אַ סך חברים פון דובראָוונער זעלבשוץ זיינען טאַקע געפאַלן אין קאַמף מיט די פּאָגראָמשטשיקעס, וועלכע זענען אָפּן געשיצט געוואָרן דורך דער פּאָליציי, זשאַנדאַרמעריע און מיליטער.

מיט אַזעלכע מיטלען, מיט מיטלען פון בלוט און פייער האָט דער צאַריזם געוואָלט דערשטיקן דעם אויפברויז פון די מאַסן, די רוסישע רעוואָלוציע. דאָך זענען ווידער געמאַכט געוואָרן פּרווון אויפצוהאַלטן די

פּאָליטישע אָרגאַניזאַציעס פון אַרבעטער־קלאַס, דעם אויפגעוואַכטן גייסט און כוח פון פאָלק, ביז ס'וועלן ווידער אָנקומען טעג פון פאַרשאַרפטע קאַמפן.

דער „בונד" פּאַרטרייבט שדים...

אין די וויניקע פרייהייטס־טעג פון אָקטאָבער 1905, ווען די אַרבעטער־באַוועגונג איז אַרויס פון קאָנספּיראַציע, פון דער אונטערערד, פון די בוידעם־שטיבלעך און וועלדער — צו אָפענער, לעגאַלער טעטיקייט, האָט זיך אויך געענדערט די פאָרם און אינהאַלט פון דער טעטיקייט פון „בונד".

כדי צו פירן אַ טעטיקייט אויף דער אָפענער פּאָליטישער אַרענע, האָט מען געמוזט ענדערן דעם גאַנצן סיסטעם און סטיל פון דער ביז־איצטיקער אומלעגאַלער טעטיקייט אויף אַ סיסטעם פון אַרבעט, וועלכע זאָל אַנטשפּרעכן די געענדערטע באַדינגונגען. מען האָט געמוזט עפענען פאַראיינען, קלובן א"א עפנטלעכע, לעגאַלע פּלעצער, וועלכע זאָלן אויפנעמען מאַסן־מענטשן, אין וועלכע ס'זאָל אויך זיין אָנגענעם צו פאַרברענגען אין דער פרייער צייט.

אין האָרקי זענען נישט געווען קיין פרייע פּאַסיקע לאָקאַלן פאַר די דערמאָנטע צוועקן.

אויפן שולהויף איז געשטאַנען אַ פאַרלאָזן הויז, געבויט דורך קהל פאַר אַ לינת־הצדק פאַר די וואַגלענדיקע אָרעמע לייט, וואָס פלעגן אַרומגיין פון שטאָט צו שטאָט, קלייבנדיק נדבות איבער די הייזער. דאָס הויז האָט געפּוסטעוועט, ווייל די בעטלער האָבן מורא געהאַט צו שלאָפן דאָרט, מחמת אין שטאָט האָט מען גערעדט, אַז אין קעלער פון דעם הויז געפינען זיך שדים... ביינאַכט — האָבן „עדי־ראיה" דערציילט — הערט מען דאָרט טומלען און שרייען... קינדער פלעגן מורא האָבן פאַרבייצוגיין דעם הקדש אַפילו ביי טאָג. מיט דער צייט האָט זיך עס פאַרוואַנדלט אין אַ חורבה מיט צעבראָכענע טירן־פענצטער און די פרעמדע בעטלער־אורחים פלעגן נעכטיקן אין די בתי־מדרשים. האָט די אָרגאַניזאַציע גענומען דאָס הויז פאַר אַ בונדישן קלוב. קיין דערלויבעניש האָט זי ביי קיינעם נישט באַדאַרפט בעטן: דער „בונד" האָט באַהערשט די גאַס און קיינער האָט נישט געוואַגט זיך אַנטקעגנצושטעלן זיין ווילן.

מ׳האָט גלייך מאָביליזירט סטאָליאַרעס: דוד סודאַרסקי, איך און נאָך אייניקע האָבן פאַרריכט די פענצטער, די טירן, געמאַכט נייע בענק און טישן, פאַרריכט דעם דיל, דעם סופיט; גלעזער־אַרבעטער האָבן פאַר־גלאָזט אַלץ וואָס מ׳האָט באַדאַרפט, מאָלערס — האָבן עס שיין אויסגע־מאָלט; מ׳האָט אויפגעהאָנגען אַ בליצלאָמפּ און... ויהי אור — ס׳איז ליכ־טיק געוואָרן איבערן גאַנצן שול־הויף...

מ׳האָט באַלד אָרגאַניזירט די אַרבעט: געעפנט אַ לייענזאַל, מיט אַלע זשורנאַלן און צייטונגען; עס זענען אין דעם קלוב דורכגעפירט געוואָרן זיצונגען, פאַרזאַמלונגען און פאַרלעזונגען. מיר האָבן באַשטימט דיזשורנעס, אָפּצוהיטן די אָרדענונג. אין שולהויף איז געוואָרן לעבעדיק... פון קלוב האָט זיך געטראָגן געזאַנג ביז טיף אין די נעכט אַריין. קינ־דער און דערוואַקסענע האָבן זיך מער נישט געשראָקן, נישט מורא גע־האָט פאַר די ניט־גוטע און שדים...

אין שטאָט האָט מען געזאָגט: „דער בונד האָט פאַרטריבן די שדים". אויך די רסדאפּ. האָט גענוצט דעם קלוב פאַר אירע טעטיקייטן.

דאָס האָט אָבער לאַנג נישט געדויערט. באַלד האָט זיך אָנגעהויבן איבער גאַנץ רוסלאַנד אַ שרעקלעכע רעאַקציע. די רעוואָלוציע איז דער־שטיקט געוואָרן אין אַ ים פון בלוט. אין האָרקער געגנט איז געקומען אַ מיליטערישע שטראַף־עקספּעדיציע און אַרעסטירט טויזנטער פויערים צוליב אַגראַר־אומרוען. עס זענען אויך געווען אַרעסטן אין שטאָט.

אין אַ שיינעם פרימאָרגן, נאָך עטלעכע חדשים לעגאַלער טעטיקייט, האָט פּאָליציי אויפגעהאָנגען אַ שלאָס אויפן קלוב, פאַרחתמעט אים. די פּאָליציי איז באַפאַלן דעם קלוב בייטאָג, ווען קיינער איז דאָרט ניט גע־ווען. צוליב דער שטענדיקער קאַמפּס־גרייטקייט פון אונדזער זעלבשוץ האָט די פּאָליציי אויסגעמיטן צו טרעפן זיך מיט איר פנים אל פנים, כדי נישט צו דערפירן צו אַ דירעקטן צוזאַמענשטויס מיט אונדזער זעלבשוץ...

ווידער האָט זיך דער קלוב פאַרוואַנדלט אין אַ הקדש... קינדער האָבן צעבראָכן די טירן־פענצטער... אינעם הויז האָבן זיך אומגעקערט די שדים און ניט־גוטע...

וואַלן צו דער 2־טער מלוכה־דומע

די וואַלן צו דער ערשטער דומע האָט די סאָציאַליסטישע באַוועגונג באַיקאָטירט. די כוואַליע פון דער רעוואָלוציע איז נאָך נישט געהאַט אינגאַנצן אָפּגעפאַלן. דער רעוואָלוציאָנערער אַרבעטער־קלאַס, די פּראָגרעסיווע פאָלקס־מאַסן, די ראַדיקאַלע אינטעליגענץ האָבן געפאָדערט אַ פּאַרלאַמענטאַרישן רעזשים, ד. ה. אַ דעמאָקראַטישע רעפּובליק — אַ געזעצגעבערישע קערפּערשאַפט, געוויילט דורכן פאָלק און פאַראַנטוואָרטלעך פאַר אים.

צו דער צווייטער דומע, נאָך דעם ווי די צאַרישע מאַכט האָט געהאַט אונטערדריקט יעטוועדע פרייהייט, האָט די סאָציאַליסטישע באַוועגונג באַשלאָסן אויסצונוצן די דומע ווי אַ טריבונע פון פּראָטעסט קעגן ווילקיר פון דער רעאַקציע: אויפקלערן פאַר די פאָלקס־מאַסן איר באַדייטונג, איר מהות; אויפדעקן דאָס אמתע פּרצוף פון דער צאַרישער רעאַקציע, דעם אַנטידעמאָקראַטישן און פאָלקס־פיינטלעכן כאַראַקטער פון דער דומע, וואָס דאַרף זיין כלומרשט אַ קאָנסטיטוציאָנעלע, געוויילט דורכן פאָלק, און איז, פאַקטיש, אַ געצייג אין די הענט פון דער רעגירונג אָפּצונאַרן דאָס פאָלק.

לויט דעם וואַל־געזעץ צו דער דומע האָט האַרקי, פּונקט ווי די שטעט און שטעטלעך פון אַלע אַנדערע גובערניעס, באַדאַרפט וויילן אַ וואַל־מאַן — אַ „וויבאָרשטשיק", ד. ה., יעדע שטאָט פון מאָהילעווער גובערניע האָט גענאַרפט וויילן אַן א. ג. וואַל־מאַן, און די אַלע וואַל־מענער קלייבן זיך שפּעטער צונויף אין מאָהילעוו, כדי אויסצוויילן פון צווישן זיך אַ דעפּוטאַט צו דער דומע.

דער וואַל־קאָמיטעט אין אונדזער ראַיאָן איז געווען אַ בשותפותער פון דער רסדאפּ. און פון „בונד". דער קאַנדידאַט איז געווען דער אונדז שוין גוט באַקאַנטער איליאַ זאַיצעוו פון דער רסדאפּ. די גרעסטע און וויכטיקסטע וואַל־אַרבעט איז געטאָן געוואָרן דורכן „בונד". אַ חוץ דער אַלגעמיינער וואַל־קאַמפּאַניע, אין וועלכער דער „בונד" האָט געהאַט זיין גרויסן חלק, האָט ער אויך דורכגעפירט אַ באַזונדערס־שטאַרקע אַגיטאַציע צווישן דער יידישער באַפעלקערונג. איך בין, זעלבסטפאַרשטענדלעך, געווען אַקטיוו. דער קאַנדידאַט איליאַ זאַיצעוו איז אַרויסגעטראָטן

אויף גרויסע מיטינגען בעיקר — אין די שולן און בתי־מדרשים. דער קאַנדידאַט פון די קעגנער אונדזערע, אויך אַ ייד, איז געווען פון דער ניי־געגרינדעטער יידישער פּאַרטיי א״ב „דערוואַכונג״ — אַ שוועסטער־פּאַרטיי פון דער רוסישער ק.ד. — „קאָנסטיטוציאָנעלע דעמאָקראַטן״, אַ מין פאָלקס־פּאַרטיי, וואָס האָט זיך געשטעלט פאַר אַ ציל צו דערגרייכן יידישע רעכט.

אין אונדזער האַרקער וואַל־קרייז האָבן מיר געזיגט: אַלס וואַל־מאַן ווערט אויסגעוויילט אונדזער קאַנדידאַט איליאַ זאַיצעוו.

איך ווער אַרעסטירט

אין יאָר 1906, דאָס יאָר פון רעאַקציע, טעראָר, פון שטראָף־עקספּע־דיציעס און אַרעסטן, האָבן זיך אויך פאַרשפּרייט די א.ג. עקספּראָפּריאַ־ציעס. די דאָזיקע עקספּראָפּריאַציעס פאַר פּאַרטיי־צוועקן זענען אויסגעפירט געוואָרן באַזונדערס אויף קראָמען און מאַגאַזינען פונעם מלוכה־מאָנאָפּאָל. עס האָבן אָנטיילגענומען אין זיי עסעראָווצעס, אַנאַרכיסטן און אויך סתם אונטערוועלטניקעס, וועלכע האָבן אויסגענוצט די געלעגנהייט פאַר זייערע פּריוואַטע אינטערעסן.

מאַכט זיך אַ מעשה: איך פאָר צו מיין זיידן קיין ליאַדי. עס פאָרן אויך צוויי אַנדערע בחורים, אַ ייד און אַ קריסט. ווען מיר זענען פאַר־ביי געפאָרן די יידישע קאָלאָניע „ווערסטשאַק״, האָבן מיר זיך אָנגעשטויסן אויף אַ פּאָליציי־אָטריאַד, מיט אַ פּריסטאַוו, וועלכע פלעגן אַרומפאָרן ביש־טערן די וועגן אויסצוגעפינען די פאַרשיידענע עקספּראָפּריאַטאָרן. ווי נאָר זיי האָבן אונדז דערזען, זענען זיי זיכער געווען, אַז דאָס זענען מיר, די „עקסן״ פון דער עקספּראָפּראַציע, וועלכע איז גראָד יענעם טאָג געהאַט אויסגעפירט געוואָרן אין דער געגנט.

— „אָט זענען זיי, די ממזרים!״ — האָט געזאָגט דער פּריסטאַוו.

מען האָט אונדז אַרעסטירט, געבונדן די הענט און אָפּגעפירט קיין דובראָוונע אויף אויספאָרשונג.

אין דובראָוונער פּאָליציי־צירקל האָט מען אונדז מערדערלעך גע־שלאָגן. איינער אַ גאָראָדאָוואָי — נאָוויקאָוו — האָט ער געהייסן, האָט מיך געשלאָגן מער פון אַלעמען:

— „ביסט אַ ראַזבויניק! — האָט ער געהאַלטן אין איין שרייען — און טראָגסט נאָך מיין נאָמען"...

צעשלאָגענע און געבונדענע האָט מען אונדז אָפּגעפירט קיין האָרקי. דאָרט האָט זיך די גאַנצע פּראָצעדור איבערגעחזרט. ווידער געפּאָרשט, געשלאָגן און געפּייניקט. אַ קוק טוענדיק אויף אונדז, האָט דער איספּראַוו־ניק אויסגערופן:

— „נאָך גאָר יונגע מערדער!"

מען האָט אונדז אָפּגעשיקט אין טורמע. נאָך 6 חדשים אויספאָרשונג האָט מען אונדז אָנערקענט פאַר אומשולדיק און באַפרייט.

אין יולי 1907 – ווידער ארעסטירט

נישט געקוקט אויף די פאַרפאָלגונגען און רדיפות, נישט געקוקט אויפן אַרעסט און פאַרשיקונג קיין סיביר פון אַ טייל פירער פון האָרקער „בונד" ווי די ח"ח שמואל און זלמן ווילנער א"א, איז פונדעסטוועגן ווײ־טער טעטיק דער פאַרטיי־קאָמיטעט. אויך די אָרגאַניזיר־אַרבעט גייט ווייטער אָן, נאַטירלעך, שוין נישט מיטן זעלבן טעמפּאָ וואָס פריער.

די פאַרזאַמלונגען זענען ווייטער פאָרגעקומען, אָבער שוין נישט אין דעם ברייטן פאַרנעם ווי אַמאָל אין וואַלד, נאָר אין אַן ענגערן קרייז, אין די זייטיקע אַלייען פון פּאַרק. מיר פלעגן פייערן דעם טאָג פון 9־טן יאַ־נואַר, ווי דעם אָנהייב פון דער רוסישער רעוואָלוציע, דעם ערשטן מאַי או"ו.

אין איינעם אַ פרייטיק־צונאַכטס האָבן מיר, ביי אַ צען חברים, זיך אַרויסגעלאָזט אין שיפלעך אויפן טייך. מיר האָבן פאַרברענגט אַן אָוונט פון יוגנטלעכער פרייד, שטיפעריי און מיטן געזאַנג פון רעוואָלוציאָנערע אַרבעטער־לידער.

ס'איז שפּעט ביינאַכט. מיר שווימען צום ברעג. ערשט דאָרט דער־וואַרט אונדז אַ פּאָליציי־אָטריאַד, וועלכער האָט געהאַט באַוויזן זיך אויס־צובאַהאַלטן.

ווי נאָר מיר זיינען אַרויס פון די שיפלעך, זיינען מיר גלייך אַרומ־גערינגלט געוואָרן דורך פּאָליציי. מען פירט אונדז אָפּ אין פּאָליציי־צירקל. נאָכן אויפנעמען די פּערסאָנאַליען, פירט מען אונדז אַריבער אין אַרעסט־

קאַמערן אונטערן אַקאָמפּאַניאַמענט פֿון געשרייען און זידלערייען. דער איספּראַווניק שיקט אַוועק אַ ראַפּאָרט וועגן אונדזער אַרעסט. די תּשובֿה פֿון גובערנאַטאָר: האַלטן זיי צוויי חדשים אין אַרעסט פֿאַר שטערן די עפֿנטלעכע רו. דער איספּראַווניק האָט זיך שפּעטער באַרימט, אַז ער האָט אונדז געטאָן אַ טובֿה, שרייבנדיק אַ מעסיקן ראַפּאָרט. אַנדערש — וואָלט מען אונדז פֿאַרשיקט אין ווייטן, קאַלטן סיביר. מעגלעך, אַז ס׳וואָלט טאַקע אַזוי געווען...

צאַרישע רעאַקציע

אין יאָר 1908, האָט די רעאַקציע אין רוסלאַנד אכזריותדיק אונטער־דריקט די רעוואָלוציאָנערע אַרבעטער־באַוועגונג. אין אירע רייען טרעט אַריין דעפּרעסיע, צווייפֿל, יאוש. אַ טייל גייט אַוועק זוכן תּכלית: לערנען, שטודירן. אַנדערע — אין שכירות און קאָרטן־שפּיל. געווען אויך אַזעלכע, וועלכע האָבן, ווי דערמאָנט, זיך פֿאַרנומען מיט עקספּראָפּריאַציעס ביי פּריוואַטע פּערזאָנען, אָדער אין די קאַסעס פֿון מלוכה־מאָנאָפּאָל; אין די בראָנפֿן־קראָמען; געווען אויך פֿאַלן פֿון גיין צוריק אין בית־מדרש...

אויף די וועגן פֿון עקספּראָפּריאַציעס זענען אַוועק מיטגלידער פֿון די פּאַרטייען: ס.ד., ס.ר., אַנאַרכיסטן. דער „בונד" האָט אויסגעמיטן די דאָזיקע דעמאָראַליזאַציע. מיט גאָט־זוכענישן גיבן זיך אָפּ טיילן אפֿילו פֿון דער באָלשעוויסטישער אינטעליגענץ: די באַקאַנטע טוער לונאַטשאַרסקי, באָגדאַנאָוו א״א. די רעאַקציע האָט אויך איר ווירקונג אויף דער א״ג „גאָלדענער יוגנט". — עס דערשיינען ביכער פֿון רעאַקציאָנערן און סעקס־סועל־דעמאָראַליזירנדיקן אינהאַלט, וועלכע האָבן אַ גרויסן איינפֿלוס אויף דער דערמאָנטער יוגנט.

דאָס דויערט אָבער ניט לאַנג. אין עטלעכע יאָר אַרום הייבט אָן די אַרבעטער־באַוועגונג אין רוסלאַנד קומען צו זיך. ווידער גרינדן זיך גרופּן, קרייזן, אָרגאַניזאַציעס. אין „בונד" הייבט זיך אָן אַן אויפֿלעבונג. די גרויסע צענטערס וואַרשע, ווילנע, ביאַליסטאָק, קיעוו א״א באַנייען זייער בונדישע טעטיקייט. דער בונדישער צענטראַל־קאָמיטעט איז טעטיק. עס קומט פֿאָר די ניינטע קאָנפֿערענץ, וועלכע באַהאַנדלט וויכטיקע פֿראַגן, יידישע און אַלגעמיינע. אין פּעטערבורג דערשיינט די וואָכן־צייטונג „די צייט". מען

גרייט זיך צונויפצורופן דעם 8־טן צוזאַמענפאָר פון „בונד". דער אויס־ברוך פון דער ערשטער וועלט־מלחמה צעשטערט די פּלענער. מיטן אָנהייב פון דער מלחמה ענדערט זיך ווידער די פּאָליטישע לאַגע און די אַרבעטער־באַוועגונג מאַכט דורך אַ פרישע דעפּרעסיע.

איך פאָר קיין קיעוו

אין פרילינג 1908, האָב איך געמוזט פאַרלאָזן האַרקי. ס'האָט מיר געדראָט אַרעסטירט צו ווערן. צוזאַמען מיט מיינע צוויי שוועסטער־קינדער — אויך סטאָליאַרעס — פאָרן מיר קיין קיעוו. עס זאָגט זיך נאָר אַזוי פאָרן... נישט האָבנדיק גענוג געלט אויף הוצאות ביז קיעוו, פאַרהאַלטן מיר זיך אין מאָהילעוו, און מיר שטעלן זיך דאָרטן אַרבעטן, כדי צו פאַרדינען אויף דער ווייטערדיקער נסיעה. נאָכן אָפּאַרבעטן אַ פּאָר וואָכן, ווען מיר האָבן שוין געהאַט אָפּגעשפּאָרט אַ ביסל געלט, זענען מיר אַריין אין „פּאַראַכאָד", וועלכער שווימט מיטן דניעפּר ביז קיעוו. קיין קרובים אָדער באַקאַנטע האָבן מיר אין קיעוו ניט געהאַט, וויאַזוי וועלן מיר דאָרט געפינען אַרבעט? ס'ווערט אומהיימלעך אויף דער נשמה... עס פאָרן מיט אונדז אין „פּאַראַכאָד" נאָך אַנדערע יוגנטלעכע פון פאַרשידענע מקומות, איינער פון זיי גיט מיר אַן אַדרעס צו אַ סטאָליער. מיר האָבן זיך דער־פרייט, ס'וועט זיין ווו צו עפענען אַ טיר...

צענדליקער קילאָמעטער ווייט פון קיעוו זעען זיך שוין די גאָל־דענע קופּאָלן פון די פּילצאָליקע קלויסטערס. אָנקומענדיק אין שטאָט, גייען מיר אַוועק זוכן דעם סטאָליער, לויטן באַקומענעם אויפן „פּאַראַכאָד" אַדרעס. קיעוו, די שטאָט פון אַלעקסאַנדער פּושקין, די שטאָט פון קלויס־טערס און וואָקזאַלן. אַ גרויסע, שיינע שטאָט, מיט פּאַרקן, בולוואַרן, אַ סך גרינס און בלומען. טראַמווייען, אָנגעפּילטע מיט מענטשן, זינגען אויס זייער האַרטן, שטאָלענעם געזאַנג אויפן ברוק פון די באַלעבטע גאַסן. דער פאַרטויבנדיקער געפּיף פון „פּאַראַכאָדן" אויפן ברייטן שפּיגל פון דניעפּר, שניידט זיך איין אין געמיט מיט אַ בענקשאַפט צו ווייטע שטעט, צו פאַרלאָזענע ווייטע היימען... איזוואָזשטשיקעס אויף קאָזשלען פון דאָ־ראָזשקעס און אויף פאַבריקע, עכט־רוסישע „דילעזשאַנסן" יאָגן זיך פון און צו ווייטלעכע הינטערשטאָטישע וואָקזאַלן. די שטאַרקע באַוועגונג, דער גע־

טופ פון פערדישע פאַדקאָוועס אויף די שפּיציקע שטיינער פון די פאַר־עלטערטע גאַסן, פילט אַן די שטאָט מיטן באַקאַנטן, גרויסשטאָטישן, עט־וואָס־צעבראָכענעם ריטעם פון פאַר דער אַספאַלט־און אויטאָמאָביל־עפּאָכע.

מיר דערנענטערן זיך צו דער פאָרשטאָט „פּעטשאָרסקאַיאַ לאַווראַ". אויפן באַרג פון די פּראַוואָסלאַוונע מאָנאַסטירן — דער צענטער פון רוסישע, פּראַוואָסלאַוונע הייליקטימער — געפינען מיר דעם אַדרעסאַט אונדזערן, דעם סטאָליער, צו וועלכן מיר גייען זוכן הילף ביים געפינען אַרבעט. דער סטאָליער ווייזט זיך אַרויס פאַר אַ האַרציקן מענטש, אַ גוטער חבר — אַ בונדיסט. ער נעמט אונדז אויף פיין. ער אַליין באַקומט אַרבעט פון אַ בוי־אונטערנעמער — אַ קבלן רופט מען דאָס ביי אונדז אין ישראל. ער אַרבעט שווער, טירן־פענצטער מאַכט ער — שטיק־אַרבעט. זיין ווערקשטאַט — אַ קאַמער אויפגעקלאַפּט פון ברעטער. די קאַמער איז גענוג גרויס און ס׳קענען אַרבעטן אין איר נאָך עטלעכע אַרבעטער.

„אויב איר ווילט — זאָגט אונדז דער חבר — קענט איר אויך נעמען די זעלבע אַרבעט און אַרבעטן טאַקע דאָ מיט מיר אין דער קאַמער". ניט האָבנדיק קיין ברירה, שטעלן מיר זיך אַרבעטן שטיק־אַרבעט...

אין זעלבן הויף האָט געוווינט אַן אַלט פּאָרפאָלק, האָט די פרוי פאַר אונדז געקאָכט. אַ חוץ געאַרבעט, האָבן מיר אין דער קאַמער אויך גע־וווינט, געגעסן און געשלאָפן. מיר זענען געווען צופרידן.

קיעוו ליגט מחוץ פון תחום־המושב. אויסער דיפּלאָמירטע אינטעלי־גענץ און אַנדערע סאָרטן פּריווילעגירטע, טאָרן דאָרט קיין יידן ניט וווינען, זיי האָבן ניט קיין וווין־רעכט. אַז מען כאַפּט אַזאַ אומלעגאַלן ייד, אַן וווינרעכט, זיצט ער ראשית־כל אָפּ אַ פּאָר חדשים אין טורמע, שפּעטער שיקט מען אים מיטן עטאַפּ אַהיים, און וואָס עס הייסט אַזוינס „מיטן עטאַפּ", פאַרשפּאָר איך דעם לייענער אויפצוקלערן...

צום גליק דויערט די צרה ניט לאַנג. מיר טראָגן זיך איבער אריבער אויף דער צווייטער זייט דניעפּר, איבער דער בריק, אין דער פאָרשטאָט סלאָבאָדקע. סלאָבאָדקע געהערט שוין צו טשערניגאָווער גובערניע, הגם ס׳איז אַ פאָרשטאָט פון קיעוו. דאָ איז שוין עטוואָס לייכטער, כאָטש קיין ווינרעכט האָבן יידן אויך דאָ ניט. איך נעם אַ צימער. געפין שנעל אַר־בעט. דער זומער איז שנעל אַוועק, נאָר איך בין נאָך שנעלער געוואָרן אַן עושר... כ׳האָב פאַרן זומער אויפגעקליבן גאַנצע 50 רובל. האָב איך זיך

אויסגעפּראַנטעוועט אין אַן אַנצוג, שיך און וועש, אויסגעבנדיק די לעצטע געלט. כ׳האָב ניט באַוויזן זיך אַרומצוקוקן און ס׳איז אַראָפּ אַ שניי, געוואָרן קאַלט. מיין מייסטער דערקלערט מיר, אַז די בוי־אַרבעט האָט זיך אָפּ־געשטעלט אויף איבערן ווינטער.

וואָס טוט מען? געבליבן אָן אַרבעט, אָן געלט און דאָ גרייט זיך אַ ווינטער...

מיינע צוויי שוועסטער־קינדער, מיט וועלכע כ׳האָב געאַרבעט צוזאַמען, זאָגן, אַז זיי פאָרן צוריק קיין האָרקי. אויך זיי האָבן אויסגעגעבן דעם גאַנצן פאַרדינסט, נאָר עטלעכע רובל אויף הוצאות פאַר זיך איז זיי איבערגעבליבן. מיר פאָרן צוזאַמען. וויאַזוי קען איך פאָרן, ווען אויך זיי האָבן נישט קיין איבעריקן גראָשן?...

ביידע ברידער האָבן גענומען בילעטן אויפן באַן ביז אָרשע. איך — אויף צוויי סטאַנציעס בלויז. אין וואַגאָן בין איך אַרויף אויף דער דריטער באַנק (אַמאָליקע רוסישע וואַגאָנען האָבן געהאַט דריי בענק). כ׳האָב זיך אויסגעצויגן מיטן פּנים צו דער וואַנט און מיין שוועסטער־קינד, לייבע, וועלכער איז געלעגן ביים ברעג, האָט מיך פאַרשטעלט. דער קאָנדוקטאָר פלעגט מיך ניט זען, לייבע פלעגט אים ווייזן זיין בילעט...

אַזוי זענען מיר דערפאָרן ביז אָרשע. פון אָרשע האָט שוין לייבע געצאָלט אויך פאַר מיר און איך בין אָנגעקומען אין האָרקי אַן אויסגע־פוצטער, אַ פּראַנט; אַ קליינינקייט, צום ערשטן מאָל אין לעבן גיי איך אַרויס אין נייער הלבשה...

יענעם ווינטער האָב איך פאַרבראַכט אין האָרקי. מיין ייִנגערער ברי־דער, יוסף, קען שוין אַ ביסל סטאָליערײַ, העלפט ער צו דעם טאַטן. אָבער דאָס לעבן איז אַלץ נאָך גענוג שווער: אַ גרויסע משפּחה, מעגלעכקייטן — נישטיקע... אויפן זומער פאָר איך ווידער אין קיעוו, דאָסמאָל אָבער שוין אויף אַ לענגערער צייט — אויף עטלעכע יאָר.

ווידער אין קיעוו

זומער 1909. ווי שוין פריער דערמאָנט, האָבן ייִדן נישט געהאַט קיין וווין־רעכט אין קיעוו. בלויז דיפּלאָמירטע אינטעליגענץ און יענע וועלכע האָבן געהאַט „ספּראַווקעס" פון די האַנטווערקער־צעכן האָבן גע־

מעגט דאָרט ווינען. כ׳האָב דאָרט געלעבט אומלעגאַל, געאַרבעט סטאָ־ליעריי און געשלאָפן אין אַ בודע, צונויפגעקלאַפּט פון ברעטער.

אין רעזולטאַט פון די רעפּרעסיעס און פאַרפאָלגונגען, ווי אין גאַנץ רוסלאַנד, איז אויך אין קיעוו דאָס אַרבעטער־לעבן געווען אין דעפּרעסיע.

דער דראַנג ווידער אויפצולעבן די באַוועגונג האָט מיך צוזאַמענגע־פירט מיט אייניקע בונדיסטן אויף אַ שמועס וועגן באַנייען אונדזער טע־טיקייט — די טעטיקייט פון „בונד".

אין קיעוו האָט דעמאָלט געוווינט דער בונדישער טוער פון 1905 איליא דער שלאָסער. ס׳איז גראָד געקומען קיין קיעוו דער מיטגליד פון צענטראַל־קאָמיטעט פון „בונד" — דער חבר איסאַי אייזנשטאַט־יודין. דער חבר איליא, מיט וועלכן כ׳בין געווען באַקאַנט, רופט צונויף אַ זיצונג פון אַ צען חברים, אויף וועלכער כ׳בין אויך געוואָרן איינגעלאַדן. אין זיין וואָרט דערקלערט אונדז דער חבר אייזנשטאַט:

„מיר הויבן אָן אויפלעבן די בונדישע אָרגאַניזאַציעס אין לאַנד. אַזעלכע זיינען שוין פאַראַן אין ווילנע, וואַרשע, ביאַליסטאָק און אין אַנ־דערע שטעט. אויך קיעוו דאַרף אָנהויבן אָן אָרגאַניזאַציאָנעלע אַרבעט".

אייניקע חברים דריקן אויס אויף דער זיצונג זייער זאָרג צוליב דעם, וואָס זיי זענען נאָך יונג, מיט ווייניק דערפאַרונג...

...„וואָס, איר ווילט האָבן די דערפאַרונג פון קאַרל מאַרקס? — ענטפערט דער חבר אייזנשטאַט — דערפאַרונג קומט מיט דער פּראַקטיק, נעמט זיך פאַר דער אַרבעט, וועט איר באַקומען דערפאַרונג"...

אַזוי איז טאַקע געשען: מיר האָבן זיך קאָנסטרואירט אַלס בונדישער קאָמיטעט אין קיעוו. דער חבר מיכאל, דער שניידער, איז באַשטימט גע־וואָרן אַלס פאָרזיצער און איך — אַלס סעקרעטאַר. מיר הויבן אָן זוכן פאַרבינדונגען, ציען צו אַנדערע חברים צו דער אַרבעט, אָרגאַניזירן פאַך־סעקציעס, רופנדיק קליינע פאַרזאַמלונגען לויט די פאַכן: אַ פּאָר צענדליק חברים פון דער שניידער־סעקציע, דעסגלייכן — פון די שטעפּער, שלאָ־סער, סטאָליער און אַנדערע. מיר שאַפן קליינע פאַך־קאָמיסיעס. די עקאָ־נאָמישע לאַגע פון די אַרבעטער איז אַ שלעכטע, די באַלעבאַטים הויבן אָן צוריקצונעמען די אין קאַמף דערגרייכטע אַרבעטס־באַדינגונגען פון 1905־טן יאָר.

כדי צו פאַרבעסערן די מאַטעריעלע לאַגע פון אַרבעטער, צו הויבן

זיין קאַמפּס־גייסט, ווערט דערקלערט אַ שטרייק. דאָס איז דער ערשטער שטרייק פון די שניידער־אַרבעטער אין יענעם יאָר פון רעאַקציע. איך און מיכאל דער שניידער ווערן באַשטימט דורכן קאָמיטעט אָנצופירן מיט דער אַקציע. מיר גייען ביידע איבער אַלע שניידער־ווערקשטאַטן מיט דער ליסטע פון די פאָדערונגען, וועלכע דער שטרייק־קאָמיטעט האָט אַרויסגעשטעלט: 1. אַ נאָרמאַלער 8־שעהעדיקער אַרבעטס־טאָג; 2. אַ העכערונג פון די לוינען און אַנדערע פאָדערונגען. ביי באַלעבאַטים, וועלכע האָבן די פאָדערונגען נישט אונטערגעשריבן, האָבן מיר גלייך אָפּגעשטעלט די אַרבעט. דער שטרייק איז געווען אַן אַלגעמיינער און קאָנצענטרירטער. דער רוב יידישע שניידער־אַרבעטער האָבן געאַרבעט אויף פּאָדאָל, אַ פאָרשטאָט פון קיעוו. בכלל איז שניידעריי געלעגן אין יידישע הענט.

דער שטרייק האָט זיך לאַנג ניט פאַרצויגן. די באַלעבאַטים זענען וייכער געוואָרן און אונטערגעשריבן די פאָדערונגען. אונדזער ערשטע אַקציע האָט זיך פאַרענדיקט מיט אַ נצחון. דאָס האָט אונדז צוגעגעבן מוט אין אונדזער ווייטערדיקן קאַמף.

נאָכן זיג פון די שניידער־אַרבעטער, האָבן מיר אויסגעברייטערט אונדזער טעטיקייט. מיר האָבן זיך אָרגאַניזאַציאָנעל באַפעסטיקט דורכן צוציען וואָס ווייטער אַלץ מערער אַרבעטער. מיר אָרדענען איין פאַרזאַמלונגען, גיבן אָפּ באַריכטן אד״גל.

אין די יאָרן 1909—10, באַזוכן אונדז חברים פון צענטראַל־קאָמיטעט פון „בונד״. אין 1910, קומט קיין קיעוו דער חבר א. ליטוואַק אין שייכות מיט דער צוגרייטונג צו דער 9־טער קאָנפערענץ פון „בונד״. איינע פון די צענטראַלע פּראָבלעמען, וועלכע שטייען דאַן פאַר דער קאָנפערענץ, איז דאָס פּראָבלעם פון דער יידישער קהילה, איר כאַראַקטער, קאָמפּעטענצן און די באַציאונג פון דער יידישער אָרגאַניזירטער אַרבעטערשאַפט צו איר. צוליב טעכניש־אָרגאַניזאַציאָנעלע סיבות, האָבן מיר ניט געקענט שיקן קיין דעלעגאַט צו דער 9־טער קאָנפערענץ פון „בונד״. עס באַזוכט אונדז נאָך, שוין צום צווייטן מאָל, דער חבר איסאַי אייזנשטאַדט־יודין. ער אינפאָרמירט אונדז, אַז אין יאָר 1911 קומט פאָר אין פעטערבורג

אַ האַנטווערקער־צוזאַמענפאָר. „ס׳איז וויכטיק און ווינטשנסווערט — פירט אויס דער חבר אייזענשטאַדט — אַז קיעוו זאָל זיין פאַרטראַטן אויפן צוזאַמענפאָר דורך אַ געהעריקער דעלעגאַציע״. אַלס דעלעגאַט ווילן מיר אויס דעם חבר איליאַ, דעם שלאָסער. לײדער, קומט ניט צושטאַנד אונדזער אָנטייל אין דעם צוזאַמענפאָר. צוליב טעמים פון וווינרעכט קען אונדזער דעלעגאַט קיין פעטערבורג ניט פאָרן. אין יענע צייטן באַזוכן אונדז נאָך די חברים פון צ. ק. פון „בונד״: אסתר פרומקין און ירחמיאל וויינשטיין. זיי באַריכטן אונדז וועגן דער אַרבעט אויף די ערטער.

אין אַלגעמיין מערקט זיך אין 1910 אַן אויפלעבונג אין דער אַרבעט פון בונדישן ראַיאָן. מיר, אין קיעוו, לאָזן אַרויס אויפרופן, אין וועלכע ס׳ווערט אויפגעקלערט די פּאָליטישע לאַגע אין לאַנד. מיר גיבן אַרויס אַ זשורנאַל אין דער רוסישער שפּראַך, רעדאַגירט פון דוד זאַסלאַווסקי. עס הויבט אויך אָן אַן אַקטיווע טעטיקייט די רוסישע ס.ד.

צו דער פראַגע פון די קהילות און אַנדערע פראַגן, פאַרעפנטלעכט דער „בונד״ אַ גאַנצע ריי זאַמל־ביכער און אַרטיקלען, אין וועלכע די פראַגע ווערט באַלויכטן אַלזייטיק. ווי שוין העכער דערמאָנט, האָט דער חבר ליטוואַק, נאָך בעת זיין באַזוך אין קיעוו, ערב דער 9־טער קאָנפערענץ פון „בונד״, רעפערירט פאַר אונדזער קאָמיטעט וועגן דער נויטיקייט פון דעמאָקראַטיזירן די קהילות, באַשטימען אירע קאָמפּעטענצן אד״גל. אין יענעם רעפעראַט ווייזט אָן דער חבר ליטוואַק אויפן אַבסאָלוטן ווילקיר און זעלבסטהערשאַפט אין די קהילות מצד די אַליין זיך־באַשטימענדיקע דאָזאַרעס אין וואַרשע, די „צדקה גדולה״ אין ווילנע אאַ״וו. מיר הויבן דאַן אָן אַ ברייטע דעבאַטע, וועלכער ווערט, צום באַדויערן, צוליב מאַנגל אין צייט איבערגעריסן. און דאָס איז אויך געווען איינע פון די סיבות, צוליב וועלכע קיעוו האָט ניט געשיקט קיין דעלעגאַט צו דער 9־טער קאָנפערענץ.

דער תוך פון בונדישן קאַמף אַרום די קהילות איז באַשטאַנען אין דער פאָדערונג אָפּצושאַפן די פּראַקטיק פון נאָמינאַציע און איינפירן אויף איר אָרט דעם פּרינציפּ פון אַלגעמיינע וואַלן, ד.ה., אַז אירע ראַט־מענער זאָלן ווערן געוויילט דורכן פאָלק גופא.

אויף יענעם באַזוך האָבן מיר נאָך איין זיצונג מיטן חבר ליטוואַק. ער אינפאָרמירט אונדז וועגן צושטאַנד פון די בונדישע אָרגאַניזאַציעס

אין לאַנד, וואָס הויבן אָן זיך צו אָרגאַניזירן פונסניי; וועגן די וויטער־דיקע פּלענער פון אָרגאַניזאַציאָנעלע און פּאָליטישע טעטיקייטן פון „בונד״. ניט האָבנדיק קיין פּאַסיקע פּריוואַטע דירה פּאַר אַט דער צווייטער זיצונג, פירן מיר זי דורך אין אַ שענק. ס׳איז זונטיק. דער רעסטאָראַן — פול מיט שיכורים. מיר פאַרנעמען אַ באַזונדערן צימער און ביי אַ טיש, באַ־שטעלט מיט פלאַשן ביר, האַלטן מיר אָפּ די זיצונג, וועלכע דויערט איי־ניקע שעה. שפּעט אין אָוונט גייען מיר זיך שטיל פונאַנדער.

דער באַריכט פון חבר ליטוואַק האָט אונדז דערמוטיקט, דערוועקט אין אונדז פרישן גלויבן. מיר דערוויסן זיך, אַז די בונדישע אָרגאַניזאַ־ציעס אין וואַרשע, ביאַליסטאָק, ווילנע, מינסק און אַנדערע גרעסערע צענטערן הויבן אָן אויפלעבן, טראָץ די ביטערע קלעפּ פון דער רעאַקציע נאָך דער רעוואָלוציע פון 1905־טן יאָר.

9־טער יאַנואַר 1910

צום 9־טן יאַנואַר, — דער טרויעריק־באַרימטער דאַטע, ווען ניקאָלאַי דער צווייטער, דער רוסישער צאַר באַפעלט צו שיסן אין דער פרידלעכער דעמאָנסטראַציע, אָנגעפירט דורכן גלח גאַפּאָן — באַשליסט דער קיעווער קאָמיטעט פון „בונד״ אַרויסצולאָזן אַ פּראָקלאַמאַציע און פאַרשפּרייטן זי צווישן דער אַרבעטערשאַפט. ווי באַוווּסט, האָט דער דאָזיקער אַקט פון אכזריות מצד דער רוסישער זעלבסטהערשאַפט — עס פאַלן דאַן טויזנטער טויטע און פאַרווונדעטע — געדינט ווי אַ סיגנאַל צו דער רעוואָלוציע פון 1905־טן יאָר. נאָך פינף ביטערע יאָרן פון רעאַקציע, האָט דער „בונד״ דורך אַ גאַנצער ריי פּאָליטישע אַקטן אָפּגעמערקט די טרויעריקע דאַטע פון אַ האַלבן יאָרצענדליק זינט יענעם חורבן פון 9־טן יאַנואַר. אויך אונדזער קיעווער קאָמיטעט האָט די אַמביציע אָפּצומערקן די דאָזיקע דאַטע מיט אַן אַקט פון קאַמף.

דער חבר מיכאל און איך ווערן באַשטימט אָנצושרייבן און צו פאַר־שפּרייטן דעם אויפרוף.

אינעם אויפרוף ווערט אויפגעקלערט די באַדייטונג פון די געשעע־נישן פון 9־טן יאַנואַר און פון דער רעוואָלוציע, וועלכע קומט באַלד נאָך זיי. „דער חורבן פון 9־טן יאַנואַר — זאָגט זיך, צווישן אַנדערן,

אין אויפרוף — איז געווען דער פונק צו דער לאַנגאָניקער שפּאַנונג, וואָס האָט אַרומגענומען די אַרבעטער און פאָלקס־מאַסן פונעם צאַרישן רוס־לאַנד, און וועלכע איז גורם די רעוואָלוציע". מיר רופן די מאַסן צו באַ־פעסטיקן אָרגאַניזאַציאָנעל די אַרבעטער־באַוועגונג און זיך גרייטן צו ווייטערדיקע קאַמפן ביז צום ענדגילטיקן נצחון.

* * *

ווי צו דרוקן דעם אויפרוף האָבן מיר נישט געהאַט. — דרוקערייען האָבן מורא צו דרוקן אומלעגאַל, דערצו אַ מאַטעריאַל מיט אַזאַ אויפרייס־שטאָף, ווי ס'איז אונדזער אויפרוף. מיר מאַכן עס אויף אַ העקטאָגראַף, אַרבעטנדיק אַ גאַנצע נאַכט ביי אַ חבר אויף סלאָבאָדקע. ס'האָט זיך אונדז איינגעגעבן אָפּצוקלאַפּן פינף הונדערט שטיק. צופרידענע פון דער דורכגעפירטער אַרבעט, וואַשן מיר אינדערפרי די הענט און וואַרטן איבער דעם טאָג, בכדי אין אָוונט דעם אויפרוף צו פאַרשפּרייטן מיט דערפאָלג.

* * *

אין דער זעלבער צייט גרינדעט זיך אין קיעוו די „יידיש־ליטעראַ־רישע געזעלשאַפט". די דאָזיקע געזעלשאַפט ווערט לעגאַליזירט און איר אויפגאַבע איז צו פירן אַ קולטור־אַרבעט אין דער יידישער סביבה. דער „בונד" באַטייליקט זיך אין דער אַרבעט פון דער געזעלשאַפט. צו דער פאַרוואַלטונג געהערן פון אונדזער זייט: דוד זאַסלאַווסקי און זלאַטאָריעוו. עס טרעטן דאָרט פערמאַנענט אַרויס מיט פאָרלעזונגען, רעפעראַטן און לעקציעס: משה ליטוואַקאָוו, נאַוואַקאָווסקי, בן־אדיר, הלל זלאַטאָפּאָלסקי, זלאַטאָריעוו און זאַסלאַווסקי, וועלכע ווינען אַלע אין קיעוו; עס באַזוכן אונדז די חשובע פּרעלעגענטן: וו. זשאַבאָטינסקי, ד"ר נתן בירנבוים א"א. עס ווערן דורכגעפירט ברייטע דיסקוסיעס אויף אַלערליי ליטעראַרישע־און קולטור־טעמעס דורך וויכטיקע קולטור־טוער. מיט איין וואָרט: אַ נוי־טיקער און וויכטיקער קולטור־אַנשטאַלט, באַזונדערס אין צייטן פון גרוי־סער רעאַקציע.

אין יענער צייט עקזיסטירט אויך אַ קלוב פון די רוסישע סאָציאַליסטן, וועלכער פירט אַ ברייטע אויפקלערונגס־אַרבעט צווישן די רוסישע אַר־בעטער. מיט דער באַטייליקונג פון „בונד" ווערט געגרינדעט אַ פּראָפעס־

יאָנעלע אָרגאַניזאַציע, וועלכע פירט אויך אַ פּאָליטישע טעטיקייט. בונ־דיסטן געהערן אויך צום רוסישן קלוב און נעמען אַן אַקטיוון אָנטייל אין זיין אַרבעט.

איך ווער אינסטרוקטאָר

פאַרן ערשטן מאַי 1910, שיקט מיך דער קיעווער קאָמיטעט לויטן אויפטראַג פון צ. ק. פון „בונד" אין געוויסע פונקטן פון בונדישן ראַיאָן צו צעטיילן אומלעגאַלע ליטעראַטור — אויפרופן צום ערשטן מאַי אאַ. — אינסטרוקטירן ווי אַזוי צו אָרגאַניזירן אויף אַ געהעריקן אופן די מאַי־פייערונגען.

כ'האָב באַדאַרפט באַזוכן צוויי שטעט: באַרדיטשעוו און זשיטאָמיר. באַרדיטשעוו איז געווען באַוווסט ווי אַ שטאָט מיט אַ יידישער אָרגאַניזיר־טער אַרבעטערשאַפט. איך טרעף זיך מיטן אָרטיקן קאָמיטעט, וועמען איך גיב איבער די אינסטרוקציעס, די פּאָר זיי באַשטימטע ליטעראַטור און אָנווייזונגען פון צענטער. מיין „יאָווקע" האָב איך געהאַט צום חבר מאַקס, אַן אָנגעזעענער טוער אין שטאָט. דער באַרדיטשעווער „בונד" הויבט אָן קומען צו זיך. עס זענען טעטיק איינִיקע פּראָפעסיאָנעלע פאַראיי־נען, עס גייט אָן אַ צוגרייטונגס־אַרבעט אין שייכות מיטן ערשטן מאַי. דער ציל פון דער אויפקלערונג: דער מאַי־שטרייק זאָל זיין אַ פולער, קיין איינער זאָל אין דעם טאָג ניט אַרבעטן.

פון באַרדיטשעוו פאָר איך אָפּ קיין זשיטאָמיר. אויפן אַדרעס פון מיין „יאָווקע" טרעף איך עפּעס יונגע מיידלעך, וועלכע ווייסן מיר גאָר־ניט צו זאָגן. אויף מיין פראַגע, צי דאָ וווינט בנימין, ענטפערן זיי מיר: „ניין, מיר קענען אים אַפילו נישט"...

וואָס טוט מען? ווו געפינט מען דעם בעל־דבר פון דער „יאָווקע"?

כ'האָב זיך פּלוצים דערמאָנט, אַז דער דאָזיקער בנימין איז אַ דרוי־קער־אַרבעטער און איז געווען אַ דעלעגאַט צום האָנטווערקער־צוזאַמענפאָר אין פּעטערבורג. כ'בין אַריין אויף דער הויפּט־גאַס אין אַ דרוקעריי און ג'עפרעגט: „אַרבעט נישט דאָ אַ געוויסער בנימין?" מ'האָט מיר גלייך אָנגעוויזן אויף אים. ער גייט מיט מיר אַרויס.

נאָך דעם זעלבן אָוונט האָב איך אַ זיצונג מיטן קאָמיטעט, אויף

וועלכער כ׳גיב איבער די אינסטרוקציעס און אָנווייזונגען פונעם צענטער, איך גיב זיי אויך איבער די אַקטועלע ליטעראַטור.

אויך אין זשיטאָמיר גייט אָן אַן אינטענסיווע אויפקלערונגס־אַרבעט צום ערשטן מאַי. איך פאַרלאָז זשיטאָמיר מיטן גוטן געפיל פון דער דורכגעפירטער שליחות.

איך ווער ווידער אַרעסטירט

אין קיעוו האָב איך אָפּגעווינט עטלעכע יאָר אָן וווינרעכט. אין איינעם אַן אָוונט, איך קער זיך אום אַהיים פון אַ זיצונג פון קאָמיטעט, ערשט ס׳וואַרטן אויף מיר עטלעכע פּאָליציאַנטן, וועלכע רעווידירן מיין פּאַספּאָרט און געפינען אויס, אַז כ׳האָב ניט קיין וווינרעכט אין קיעוו. — אַזוי פלעגט פּאָליציי אָפּט זיך אַריינרייסן אין די האָטעלן און פּריוואַטע הייזער זוכן מענטשן אָן וווינרעכט. נאָך גוט, וואָס זיי האָבן נישט רע־ווידירט מיין צימער — כ׳האָב גראָד געהאַט דאָרט אומלעגאַלע ליטעראַ־טור, דעם פּאַרטיי־שטעמפּל און אַנדערע קאָמפּראָמיטירנדיקע מאַטעריאַלן. מען פירט מיך אָפּ אין דער „פּערעסילנע״ טורמע, כדי פון דאָרט מיך אָפּצושיקן מיטן עטאַפּ קיין האַרקי. מען פירט מיך אַריין אין דער אַרעס־טאַנטן־קאַמער — אַ גרויסע קאַמער מיט בערך אַכציק מענטשן, וועלכע האָבן געוואַרט אויף דער ריי אָפּגעשיקט צו ווערן מיטן עטאַפּ אין פאַר־שיידענע ערטער. געווען צווישן זיי קאַטאָרזשניקעס, וועלכע האָבן באַדאַרפט אָפּגעשיקט צו ווערן אויף לאַנגע טערמינען קאַטאָרגע. אַנדערע, וועלכע זענען שוין געהאַט אָפּגעקומען זייערע שטראָפן און געוואַרט אָפּגעשיקט צו ווערן אַהיים.

אין טורמע זענען די קאַטאָרזשניקעס — די יחסנים — די, וועלכע שלאָפן אויף די נאַרעס. — אַלע אַנדערע מוזן שלאָפן אויפן דיל. יעדן טאָג גייען אָפּ פּאַרטיעס אַרעסטאַנטן צו באַשטימטע ערטער און ס׳ווערן אויך געבראַכט פרישע.

נאָכן אָפּזיצן צוויי חדשים אין „פּערעסילנע״, רופט מען מיך אין קאַנצעלאַריע און מען מעלדעט מיר, אַז ביז צוויי וואָכן מוז איך פאַרלאָזן קיעוו און פאָרן אַהיים, קיין האַרקי. כ׳האָב ניט געגלויבט די אייגענע

אויערן, כ׳בין פריי. — אויסגעמיטן דאָס וואַלגערן זיך חדשים אין תפיסות ביז דער קאָנוואָי וועט מיך ברענגען אַהיים. דאָס האָבן די חברים אויף דער פריי זיך געמיט פאַר מיר...

די נאַכט פון מיין באַפרייאונג האָבן מיר פאַרבראַכט אויף אַ בונדישער ליאַמע. כ׳האָב קיעוו, פאַרשטייט זיך, אַזוי גיך ניט פאַרלאָזט, נאָר פאַרגעזעצט מיין טעטיקייט אין „בונד״.

אין ווילנע

מיך האָט לאַנג שוין געצויגן קיין ווילנע. כ׳האָב געוואָלט לעבן אין דער שטאָט, וווּ עס איז געשטאַנען דאָס וויגעלע פון „בונד״, וווּ ס׳האָבן געלעבט זיינע גרינדער, פון וואַנען עס האָבן זיך אַרויסגעלאָזט די ערשטע הונדערט פראָפּאַגאַנדיסטן איבער די שטחים פון רוסלאַנד, פּוילן און ליטע צו פאַרשפּרייטן די אידעען פון דעמאָקראַטיע, פון רעוואָלוציאָנערן סאָציאַליזם — די אידעען פון „בונד״.

אין ווילנע עקזיסטירט צו יענער צייט אַ מוסטער־אַנשטאַלט אויסצובילדן פאַך־אינסטרוקטאָרן פאַר די יידישע האַנטווערקער־שולן. די גרינדער פונעם אַנשטאַלט — אַ יידישע ליבעראַלע געזעלשאַפט — „געז. הילף דורך אַרבעט״. איך קום אָן אין דער שולע אין אַפּריל 1912. אינעם אָפּטייל פאַר סטאָליער לערנען צו יענער צייט בערך דרייסיק שילער — כמעט אַלע בונדיסטן. צווישן זיי אייניקע באַקאַנטע בונדישע טוער. ליי־בעטשקע בערמאַן האָט שוין געהאַט די שול פאַרענדיקט און געאַרבעט אַלס אינסטרוקטאָר אין דער ווילנער האַנטווערקער־שול. עס לערנט דאָרט אויך יאַנקל לעווין. נאָכן פאַרענדיקן די שול, נעמט אים דער צ. ק. פון „בונד״ אויף פאַרטייאישער אַרבעט אַלס טוער פון צענטראַל־קאָמיטעט. אין דער שול לערנען אויך די בונדישע טוער פישמאַן, מייערסאָן אאַ. אין דער אינסטרוקטאָרן־שול לערן איך און אַרבעט בערך פיר יאָר. די שילער רופן זיך די ערשטע אָפּ אויף אַלע אַקציעס פון „בונד״. צוזאַמען מיט נאָך אייניקע חברים, פלעגן מיר פירן פאַרהאַנדלונגען מיט דער שול־פאַרוואַלטונג וועגן די פאַרשידענע קאָנפליקטן, וואָס זענען אויסגעבראָכן צווישן אונדז און דער לייטונג פון שול. צווישן אַנדערע, האָבן מיר געפירט אַ שטרייק, וועלכער האָט זיך פאַרצויגן דריי חדשים, במשך וועלכע

דער אַנשטאַלט איז געווען געשלאָסן. נאָכן שטרייק האָבן מיר פאָרגע־זעצט די אַרבעט.

דער „בונד" אין ווילנע 1912

אין 1912 הויבט זיך אָן דער באַרג־אַרויף פון דער אַרבעטער־באַווע־גונג. מיטגעווירקט צום דאָזיקן אויפשטייג האָבן די פּאָליטישע געשעענישן אין לאַנד, באַזונדערס אין וויטן סיביר. די אַרבעטער פון די גאָלד־גרובנס אין לענאַ האָבן פאַרשטרייקט, פאָדערנדיק בעסערע עקאָנאָמישע באַדינגונגען. דאָס מיליטער שיסט אין די שטרייקנדיקע אַרבעטער, עס פאַלן טויטע און פאַרוווּנדעטע. אין לאַנד הויבט זיך אויף אַ כוואַליע פון פּראָטעסטן, וועלכע איז גורם אַן אויפלעבונג אין די אַרבעטער־רייען.

אין ווילנע אַנטשטייען אין יענער צייט פּראָפעסיאָנעלע פאַך־קאָמי־סיעס. זייער אויפגאַבע איז אָנצופירן מיט די עקאָנאָמישע אינטערעסן פון די אַרבעטער פון געגעבענעם פאַך. ווילנע ציילט דעמאָלט ביי אַ צען פאַך־קאָמיסיעס מיט אַ צענטראַל־ביוראָ, וועלכע קאָאָרדינירט, פירט אָן און רעגולירט די פּראָפעסיאָנעלע שטרייטן פון די אַרבעטער. אין ווילנע שאַפט זיך אויך די האַלב־לעגאַלע קולטור־געזעלשאַפט א"נ „יידישע דראַ־מאַטישע־ און געזאַנג־געזעלשאַפט". עס זיינען טעטיק אין איר די חברים לייבעטשקע בערמאַן, רבקה עפּשטיין, יוסף ציפּקין אאז. די געזעלשאַפט פירט אָן אינטערעסאַנטע קולטור־טעטיקייט.

צו יענער צייט, זיינען די ווילנער טוער פון „בונד" מערסטנס יונגע חברים. אַ סך פון די עלטערע חברים זענען געווען אין די תפיסות, אויף קאַטאָרגע און אין סיביר. נייע, פרישע כוחות שטעלן זיך אין דינסט פון דער באַוועגונג. געגוג צו דערמאָנען די חברים לייזער קולקעס, דוד בירזאָווסקי, חיים פּערעל, משה פּערסקי און דעם שרייבער פון די שורות. (וועגן חבר לאָזער לאַנצמאַן וועל איך שרייבן באַזונדער). דער פּאַרטיי־קאָמיטעט שיקט זיינע פאַרשטייער אין אַלע פאַך־קאָמיסיעס צו העלפן פירן די פּראָפעסיאָנעלע אַרבעט, צו פאַרשפּרייטן די אידעען פון „בונד". איך אַרבעט מיט די בעקער און מיט די זאָקן־שטריקער. פיל צייט האָט מען באַדאַרפט אָפּגעבן דער אַרבעט פון די פאַך־קאָמיסיעס אויף צו רע־גולירן די קאָנפליקטן, אַנטשטאַנענע צווישן די אַרבעטער און זייערע

באַלעבאַטים. באַזונדערס שווער איז די אַרבעט ביי די זאָקן־שטריקערס: עטלעכע הונדערט אַרבעטער, מערסטנס פרויען, בעיקר אינעם ראַיאָן פון נאָוואָגראָד — צעוואָרפן אין קליינע וואַרשטאַטן צו איינע אָדער צוויי אַרבעטער אין אַ וואַרשטאַט.

כ׳געדענק אַ שטרייק אינעם פאַך: נישט אַלע האָבן געוואָלט פריי־וויליק וואַרפן די אַרבעט. האָט מען באַדאַרפט „ברעכן די פיס״ איבער הונדערטער וואַרשטאַטלעך אָפּצוהיטן, אַז דער שטרייק זאָל זיין אַ פולער, זאָל אַרומנעמען אַלע אַרבעטער. דער שטרייק האָט זיך פאַרענדיקט מיט אַ נצחון. געווען איז דאָס אין די יאָרן 1912—1913, אין דער צייט פונעם היסטאָרישן ביילים־פּראָצעס. לויטן באַשלוס פון צ.ק. פון „בונד״, פירט דער ווילנער קאָמיטעט דורך אַ פּראָטעסט־שטרייק. אונדזערע רעדנער טרעטן אַרויס אין די גרויסע בתי־מדרשים, קלערן אויף די באַדייטונג פונעם בלוט־בלבול, די נויטיקייט פון קאַמף מיט דער זעלבסטהערשאַפט. דער פּראָטעסט־שטרייק איז געלונגען, עס שטרייקן איניקע טויזנט אַרבעטער.

איך טרעף מיין מוטער אין ווילנע

באַלד אין די ערשטע וואָכן פון מיין אויפהאַלט אין ווילנע, האָב איך איינמאָל אין אַ שבת אין דער פרי — איך שפּאַציר, ווי שטענדיק, אין גאָרטן טשעלאַטניק — דערזען דאָרט זיצן אויף אַ באַנק מיין מוטער. כ׳בין געוואָרן איבערראַשט:

— מאַמע, וואָס איז מיט דיר? וואָס טוסטו דאָ? וואָס האָט דיך געבּרענגט קיין ווילנע? — האָב איך אין איין אָטעם כמעט ווי געשריגן. מיר האָבן זיך צעקושט, און מיט טרערן אין די אויגן דערציילט מיר די מאַמע:

— אין אַ שיינעם פרימאָרגן קומען אַראָפּ פון מאָהילעוו זשאַנדאַרן און צוזאַמען מיט דער האָרקער פּאָליציי רינגלען זיי אַרום אונדזער הויז, פירן דורך אַן „אָביסק״, זוכן, נישטערן אין יעדן ווינקל, קערן איבער די שטוב מיטן קאָפּ אַראָפּ און האַלטן אין איין שרייען: „ווו איז דיין זון? ווו איז ער?״ — איך — דערציילט ווייטער די מאַמע — זאָג זיי, אַז כ׳ווייס

נישט, ווּ דו ביסט אַוועק, אַז שוין חדשים, ווי כ׳האָב דיך נישט געזען. עס העלפט אָבער ניט, זיי האַלטן אין איין שרייען: „גיב אונדז זיין אַדרעס!״ פאַר שרעק, אַז זיי זאָלן חלילה ניט געפינען דעם אַדרעס, פאַלט די מאַמע אין חלשות. נאָכן אָפּמינטערן זי, באַווייזט נאָך די מאַמע צו פאַרניכטן דעם אַדרעס. די זשאַנדאַרן זענען, פאַרשטייט זיך, אַוועק מיט ליידיקע הענט. מיין מאַמע אָבער רוט שוין ניט. מורא־האָבנדיק, אַז מען זאָל מיך נישט געפינען און אַרעסטירן, נעמט די מאַמע ביי איר מוטער — מיין באָבען — פּופּציק רובל און קומט קיין ווילנע מיך וואָרענען, אַז כ׳זאָל גלייך פאַרלאָזן די שטאָט און אַרויספאָרן קיין אויסלאַנד.

פון וואַנען האָט מיין מוטער געוווּסט צו זוכן מיך אין גאָרטן?

קיין ווילנע איז זי אָנגעקומען פרייטיק פאַרנאַכט. זי האָט געהאַט דעם אַדרעס פון מיין אַרבעטס־פּלאַץ, זי איז דאָרט אַוועק, אָבער צוליב שבת, איז דער וואַרשטאַט שוין געווען געשלאָסן. מיין מאַמע איז אַריין צו אַ שכן פרעגן, אפשר ווייסט ער דעם אַדרעס פון מיין קוואַרטיר? דער שכן עצהט איר איבערצונעכטיקן ביי אים און אינדערפרי וועט ער מיט איר אַרויס אין גאָרטן — שבת אינדערפרי שפּאַצירט די יוגנט אין גאָרטן — וועלן זיי מיך געפינען. אַזוי איז טאַקע געשען.

אָבער וואָס טוט מען? כ׳האָב זיך נאָר וואָס איינגעאָרדנט אויף אינ־טערעסאַנטע קורסן, באַקענט נייע חברים, אַריין אין דער אַקטיווער אַר־בעט פון „בונד״ — איבערלאָזן דאָס אַלץ און אַוועק? — זאָג איך מיין מוטער: „איך וועל זיך באַראַטן מיט חברים״. איך טרעף זיך מיט אייניקע אָנפירנדיקע חברים פון „בונד״, נאָכן אויסהערן מיין לאַגע, האָבן זיי די הסכמה צו מיין אַוועקפאָרן ניט געגעבן, אויסדריקנדיק די השערה, אַז וואַרשיינלעך וועט די פּאָליציי מיך ניט געפונען:

— גייסט לעשן די שרפה נאָך איידער עס ברענט...

כ׳בין אַליין אויך ניט געווען געניגט צו פאָרן. מיר איז געווען טייער די באַוועגונג, דער „בונד״ און אָפּרייסן זיך פון אַלץ און אַלעמען איז געווען זייער שווער. כ׳האָב עס דערציילט דער מאַמען, געזאָגט איר, אַז דערוויייל פאָר איך ניט, ס׳איז ניט זיכער, אַז זיי מוזן מיך געפינען... טיף אין האַרצן איז אויך די מאַמע אפשר געווען צופרידן פון מיין באַ־שלוס. פאַרט נעענטער צו דער היים... פונדעסטוועגן איז זי פול געווען מיט זאָרג: „מען קאָן דיך נאָך אַרעסטירן״...

מײַן מוטער איז געווען אַ האַרץ־לײַדנדיקע. כ׳בין מיט איר אַוועק צו אַ גרויסן דאָקטאָר. ער גיט איר אַ רפואה, וועלכע האָט איר אַ סך גע־האָלפן. זי שרײַבט עס מיר אין אַ צײַט אַרום. דערווײַל איז זי צוריקגע־פאָרן אַ טרויעריקע, פול מיט שרעק, אַז איך זאָל נישט אַנשפּאַרן אין סיביר.

שפּעטער מיט יאָרן האָב איך זיך דערוווּסט די סיבה פון יענעם „אַביסק״ אין מײַן היים, אין האַרקי, און וואָס די זשאַנדאַרמעריע האָט מיך אַזוי פלײַסיק געזוכט.

אין קיעוו איז דעמאָלט פאָרגעקומען אַ בונדישע קאָנפערענץ פון קיעווער ראַיאָן. די קאָנפערענץ איז דורכגעפאַלן. די פּאָליציי האָט אַרעס־טירט די אָנטיילנעמער אין דער קאָנפערענץ. אַזוי ווי איך בין פריער געווען דער סעקרעטאַר פון קיעווער קאָמיטעט, האָבן זיי געפונען פאַר־שיפרירטע פּראָטאָקאָלן און דערגאַנגען, אַז מײַן וווינאָרט איז האַרקי. האָבן זיי געוואָלט מיך אַרעסטירן.

אַרבעטער־אומרוען אין רוסלאַנד

דער אָפּהילך פון די שאָסן צו די אַרבעטער אין די גאָלד־גרובנס פון לענאַ, איז דורך איבערן לאַנד ווי אַן עלעקטרישער שטראָם. גאַנץ רוסלאַנד האָט אויפגעברויזט. אַ כוואַליע פון פּראָטעסטן פאַרגיסט דאָס לאַנד. דאָס גאַנצע אַרבעטער־פאָלק שטייט אויף צום קאַמף קעגן צאַרישן ווילקיר. עס גרייטן זיך די פּאָליטישע פּאַרטייען: די באָלשעוויקעס, מענ־שעוויקעס, סאָציאַליסטן־רעוואָלוציאָנערן, אַנאַרכיסטן. דער צ. ק. פון „בונד״ רופט צו אַן אַלגעמיינעם שטרייק אין בונדישן ראַיאָן.

דער ווילנער פּאַרטיי־קאָמיטעט טיילט אויס אַ שטרייק־קאָמיטעט אָנצופירן מיטן שטרייק. איך ווער באַשטימט אַלס מיטגליד פונעם נאָר־וואָס געשאַפענעם שטרייק־קאָמיטעט.

מיר האַלטן אָפּ די ערשטע זיצונג אין וואַלד. עס ווערן פאַרטיילט די פונקציעס און איך ווער באַשטימט צו רעדן וועגן פּראָקלאַמירטן שטרייק אין איסערליס גראַמאָפאָן־פאַבריק, אין וועלכער עס אַרבעטן איינציקע הונדערט אַרבעטער.

שפּעט ביינאַכט גייען מיר זיך פונאַנדער נאָך דער ערשטער זיצונג אין וואַלד. איך באַוויז נאָך נישט איינצושלאָפן — מען קלאַפּט אין טיר.

— ווער איז עס? — פרעג איך אַן אויפגערעגטער.

— פּאָליציי — פאַלט אַ שאַרפער ענטפער.

מלכה גאָוויקאָוו

איך עפן אויף. עס קומען אַריין פיר פּאָליציי־לייט. זיי טרעטן גלייך צו צו מאַכן אַן „אָביסק”. זיי זוכן צווישן מיינע פּאַפּירן, דאָקומענטן; הייסן זיך ווייזן מיין פּאַספּאָרט. ניט געפינענדיק קיין שום אומלעגאַלע

מאַטעריאַלן נעמען, זיי צו אַלץ און הייסן מיך קומען אין צוויי וואָכן אַרום אָפּנעמען דאָס.

אין דער פרי בין איך אַוועק אין פאַבריק, אָפּגערעדט מיט אונדזערע חברים דעם טערמין, ווען איך זאָל קומען דורכפירן די מאַסוווקע, ד.ה., רעדן פאַר די אַרבעטער וועגן פאַרשטייענדיקן אַלגעמיינעם שטרייק. ס׳איז סוף יולי 1914. אין אַ פּאָר טעג אַרום ברעכט אויס די ערשטע וועלט־מלחמה, וועלכע רייסט איבער דעם פּלאַנירטן אַלגעמיינעם שטרייק.

אַרעסטן פון בונדיסטן

אין יאָר 1915, קומען אין ווילנע פאָר אַרעסטן פון בונדיסטן. אין מערץ פון יענעם יאָר ווערט אַרעסטירט אַ פאַרזאַמלונג פון עטלעכע־און־צוואַנציק פערזאָן. צווישן זיי די בונדישע טוער: משה פּערסקי, פייגל טשיזשעווסקא, מיין פרוי מלכה אא. עליע כייקינד נעמט מען פון שטוב. אויף מאַי ווערט באַשטימט אַ געמיינזאַמע זיצונג פון פּאַרטיי־קאָמיטעט צוזאַמען מיטן צענטראַל־ביוראָ פון די פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען צו באַ־האַנדלען געמיינזאַמע פראַגן. די זיצונג האָט געזאָלט אָפּגעהאַלטן ווערן אין דער דירה פון ח׳ יקותיאל, זי ווערט אָבער צוליב געוויסע סיבות אָפּגערופן. נאָר ניט אַלעמען האָט מען באַוויזן וועגן דער ענדערונג מודיע צו זיין. צו דער באַשטימטער שעה קומען די חברים דוד בירזאָווסקי, לייזער קולקעס, דער פאָרזיצער פון צענטראַל־ביוראָ רפאל קלעבאַנסקי און חיים פּערעל. פּאָליציי רייסט זיך אַריין אין דער דירה און אַרעס־טירט די פיר חברים.

ווען די דייטשן הייבן זיך אָן דערנענטערן צו ווילנע, ווערט די לוקישקער טורמע עוואַקואירט. עס ווערן אויך אַרויסגעפירט די פּאָליטישע אַרעסטירטע. מען פירט זיי אין דער סמאָלענסקער טורמע.

אין אַ צייט אַרום קומט פאָר אין וויטעבסק זייער משפּט. זיי ווערן געמשפּט פאַר געהערן צום „בונד״. עליע כייקינד און משה פּערסקי ווערן פאַרמשפּט אויף קאַטאָרגע: חיים פּערעל, רפאל קלעבאַנסקי און פייגל טשיזעווסקא — אויף סיביר. אייניקע — צו טורמע־טערמינען און אַנ־דערע ווערן באַפרייט. אויך מיין פרוי ווערט באַפרייט, נאָך דעם, ווי זי האָט געבוירן אונדזער טאָכטער אין וויטעבסקער טורמע.

לאָזער לאַנצמאַן און ראַשל די שניידערקע

קומענדיק אין 1912 קיין ווילנע, טרעף איך ביי דער אַרבעט די צוויי מיט־לייב־און־לעבן־איבערגעגעבענע חברים: לאָזער לאַנצמאַן און ראַשל די שניידערקע.

לאָזער לאַנצמאַן איז דאָס האַרץ און די נשמה פון דער באַוועגונג. ער אַרבעט אין פּאַרטיי־קאָמיטעט, פירט אָן מיט דער קולטור־אַרבעט פון דער „דראַמאַטישער־ און געזאַנג־געזעלשאַפט". מיט דער פּראָפעסיאָנעלער אַרבעט; אומעטום, אין יעדער סיטואַציע וואַרט מען אויף זיין וואָגיק וואָרט. אַ שניידער פון פאַך, האָט ער אינגאַנצן נישט קיין פּריוואַט־לעבן. לאָזער איז אַ גרויסער בעל־יסורים, אַ בעל־מיחוש, וואָס טראָגט זיך אַרום מיט אַ טוץ קראַנקייטן. ער לייגט אָבער נישט קיין אַכט אויף דעם.

— „ניטאָ קיין צייט קראַנק צו זיין, צו פאַרנעמען זיך מיט דאָקטוירים"...

סוף־כל־סוף געפינט דער חבר לאַנצמאַן צייט אויף אָפּצוליגן לאַנגע וואָכן אין יידישן שפּיטאָל, צו שטאַרבן נאָך אַן אָפּעראַציע אויף דער בלינדער קישקע און צו פאַריתומען די באַוועגונג.

צו זיין לוויה קומען הונדערטער אַרבעטער מיט בלומען, קרענץ און רויטע לענטעס. עס מישט זיך אַריין פּאָליציי, וועלכע רינגלט אַרום דעם אָפענעם קבר, דערלאָזט נישט די קרענץ מיט די לענטעס און קיין רעדעס.

מיט בליקן פול צאָרן צו דער פּאָליציי און מיט טיפן טרויער און יראת־הכבוד פאַרן פאַרשטאָרבענעם אין האַרצן, געזעגנט די מאַסע דעם חבר לאָזער לאַנצמאַן.

די חברטע ראַשל פאַרנעמט זיך מיט דער „שוואַרצער", טעכנישער אַרבעט פון דער אָרגאַניזאַציע.

צו יענער צייט האָט די פּאַרטיי־אָרגאַניזאַציע אין יעדער שטאָט און שטעטל איבערגעגעבענע מענטשן, וועלכע פירן אויס די סאַמע ריזיקאַלישסטע אַרבעט. די דאָזיקע מענטשן האָבן אָפּילו אַ באַזונדערן נאָמען: „סאָניע די מאַסע" — פלעגט מען זיי רופן, ווייל זיי פלעגן אויספירן די מאַסן־אַרבעט...

ראַשל די שניידערקע האָט איר דירה אין די ביליקע הייזער פון

„ייקא". דורכן שטח פון די „ייקא"־הייזער פלעגן טעגלעך דורכגיין הונ־דערטער מענטשן. אין איר דירה פלעגט דער פּאַרטיי־קאָמיטעט אָפּהאַלטן זיינע זיצונגען. ביי איר געפינען זיך די פּאַרטיי־שטעמפּלען, געפעלשטע פּאַספּאָרטן, צו באַזאָרגן מיט זיי דורכגעפּאַלענע חברים, אָדער חברים, אַנטלאָפענע פון סיביר. ראַשל פירט אָן מיטן פּאַרטייאישן „רויטן קרייץ", זאַמלט געלט פאַר פּאָליטישע אַרעסטאַנטן, שיקט זיי שפּייז־פּעקלעך אין די תפיסות, איז אַ „שוועסטער", אַ „קוזינע", אַ „קרובה" פון די עלנטע אַרעסטאַנטן, אָן אייגענע פאַמיליעס. מאַכט מיט זיי „סווידאַניעס", טראָגט זיי שפּייז־פּעקלעך, רעדט זיך דורך מיט זיי און גיט זיי איבער און ברענגט פון זיי „גריפסן"...

צום יובל־יאָר פון „בונד", ווען ווילנע פייערט דעם פופצן־יאָריקן יובל זינט זיין גרינדונג, ווערט ראַשל די „כלה" פון יובל — אירע כלו־מרשטע „תנאים" ווערן דאָס געפראַוועט אינעם גרויסן זאַל פון רעס־טאָראַן אַנטקעגן דער פּאָליציי־צענטראַלע; עס זיצט ביי דער צערעמאָניע איר „פּאַפּירענער חתן", עס זיצן אויך עטלעכע „שמשים" — צוצוגעבן דעם טריק אויטענטישקייט... אַזוי פירט דורך דער ווילנער „בונד" אונטער דער נאָז פון דער פּאָליציי די פייערונג צו זיין 15־יאָריקן יובל.

ראַשל איז שטיל, באַשיידן, רעדט ווייניק. זי איז אינגאַנצן איבער־געגעבן דער זאַך פון דער פּאַרטיי, פון „בונד". מיט מסירת־נפש טוט זי איר שווערע, נוצלעכע ריזיקאַלישע אַרבעט און דינט דער באַוועגונג מיט אַלע אירע כוחות.

עס פירט זיך שוין אַזוי די וועלט: די געשיכטע פאַרצייכנט בלויז די גענעראַלן; די איינפאַכע סאָלדאַטן ווערן פאַרשוויגן, זיי דערמאַנט מען נישט; זיי שטעלט מען ניט קיין דענקמעלער. זיי ווערן אַנאָנים, נאָמענלאָז אַרונטערגענומען אונטערן טלית פון „כל הנערים", אונטערן דענקמאָל פון „אומבאַקאַנטן זעלנער"...

לאָזער לאַנצמאַן, ראַשל די שניידערקע און מיט זיי נאָך פיל, פיל אַנ־דערע אַנאָנימע סאָלדאַטן פון דער רוסישער רעוואָלוציע, גראָבן זיך אונטער, ווי קראָטן, אונטער די יסודות פון דער צאַרישער הערשאַפט און פלאַסטערן אויס מיט זייער לעבן דעם וועג פאַר די שפּעטער־אָנקומענדיקע גרויסע רעוואָלוציעס. געוועזן אין זייער טעטיקייט, אין די טאָג־טעגלעכע

מעשים זייערע אַ מין רעליגיעזע פּאַטעטיק, וואָס האָט דערמאָנט אין עקסטאַז פון הייליקע...

אפשר לעבט נאָך ערגעץ ווער פון יענער גרויסער צייט און די עט־לעכע שורות מיינע וועלן צו אים דערגיין און ער וועט צוזאַמען מיט מיר הייליקן דעם אָנדענק פון די דאָזיקע שטילע, אַנאָנימע העלדן פון דער רעוואָלוציע.

אבראם ריעזשיק דער אָפּאָזיציאָנער

כ׳האָב אים זייער גוט געקענט, דעם אייביקן אָפּאָזיציאָנער, דעם גראַ־ווי׳רער אברהם גאָרדאָן. אין די פּאַרטיי־קרייזן האָט מען אים גערופן אַבראַם ריעזשיק.

זיין אָפּענע אָפּאָזיציע הויבט ער אָן, ווען אַרקאַדי קרעמער קומט אַרויס מיט זיין אַרבעט: „וועגן אַגיטאַציע״. די דאָזיקע בראָשור מאַכט אַ רושם און ווערט אַ ווענדפּונקט אין דער אַרבעט פון דער יידישער, ווי אויך פון דער רוסישער רעוואָלוציאָנערער אַרבעטער־באַוועגונג.

אין דער דערמאָנטער בראָשור ווייזט אָן אַרקאַדי קרעמער אויף דער נויטווענדיקייט איבערצוגיין פון דער ביז־איצטיקער פּראַקטיק פון די א״ג קרייזן פאַר פּראָפּאַגאַנדע, וועלכע זענען אייגנטלעך געווען ניט מער ווי׳ קרייזלעך פאַר בילדונג, צו מאַסן־אַגיטאַציע אויפן יסוד פון די טעגלעכע נייטן פון די אַרבעטער.

די ריינע בילדונגס־אַרבעט ווערט אַזוי אַרום אָפּגערוקט אויפן צווייטן פּלאַן און איר אָרט פאַרנעמען איצט די קאָנקרעטע פּראָבלעמען פון אַרבעטער־לעבן. כדי צו זיין פאַרשטענדלעך און נעענטער צו די מאַסן, הויבט מען אָן פירן די אַרבעט אין יידיש.

ס׳איז איבעריק שוין הייַנט אויפצוקלערן, אַז די דאָזיקע בילדונגס־אַרבעט האָט זיך געמיטן מיט איר ציל און האָט נישט באַרעכטיקט די האָפענונג, אויפצוהויבן דורך איר די מאַסע. פאַרקערט, זי האָט געהאָלפן פיל פון די אָנטיילנעמער פון די קרייזלעך, נאָכן דערווערבן אַ גענוגנדיקן סכום בילדונג, זיך אָפּפרעמדן, אָפּצורייסן זיך אויך סאָציאַל פון זייער פּראָלעטאַרישן שטאַם.

אָט וואָס עס זאָגט אין זיינע מעמואַרן דער באַקאַנטער סאָציאַליסט־

שער טעאָרעטיקער מאַרטאָוו (ציטירט לויט א. מענעס פון זיין אַרבעט: „די גרויסע צייט״, פאַרעפנטלעכט אינעם „אַרקאַדי־בוך״):

— „ס׳האָט זיך אַרויסגעשטעלט — און מיינע חברים האָבן זיך דעריין איבערצייגט נאָך דער פּראַקטיק פון דריי יאָר אַרבעט אין די קרייזלעך — אַז דערמיט, וואָס מיר אַנטוויקלען דעם קלאַסן־באַוווסטזיין בלויז פון איינצלנע פּראָלעטאַריער, האָבן מיר מיט אונדזער אייגענער אַרבעט מיט־געהאָלפן, אַז די דאָזיקע יחידים זאָלן פּאַקטיש אַוועקגיין פון יענעם קלאַס, וועמענס קאָלעקטיוון זעלבסטבאַוווסטזיין זיי האָבן געזאָלט אויסדריקן״.

צו ריעזשיקן קלעפּט זיך דאָס אַלץ נישט. די אַלע אַרגומענטן אָפּעלירן ניט צו אים. ער שטייט ווייטער שטאָל־און־אייזן פאַר די קרייזלעך און ס׳גיט זיך אים איין פון אָנהייב צו שטערן די אַרבעט, אָפּצוציען אַ סך חברים פון פּראַקטישער טעטיקייט. צווישן אַנדערע וואָרפט ער פאַר דער בונדישער אינטעליגענץ, אַז דאָס אָפּשאַפן, אָדער אָפּשוואַכן די בילדונג ווערט דורך זיי געטאָן מיט דער כוונה צו פאַרזיכערן פאַר זיך אַן אָנפירנדיקע ראָל אין דער באַוועגונג.

מיט דער צייט זיגט דער נייער פּראָגראַם. עס צעפאַלט זיך אויך די אָפּאָזיציע, איינזעענדיק די אומגערעכטיקייט פון אירע טענות. אָבער ריעזשיק בלייבט איר טריי אַ גאַנץ לעבן. ווי געזאָגט, איז זיין אָפּאָזיציע אַן „אייביקע״, זי ציט זיך נאָך פון די 90־ער יאָרן. נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה רופט ער נאָך פאַרזאַמלונגען, האַלט רעדעס, פּרוּווט דרוקן און אַרויסגעבן בראָשורן.

ריעזשיק פלעגט זיך טרעפן און אַריינקומען צו מיכאַלעוויטשן, ווען יענער האָט געלעבט אין ווילנע, צו אַרקאַדין, צו ליטוואַקן, אָבער ער בלייבט אַלץ אין אָפּאָזיציע. עס זענען געווען מלחמות, איבערקערענישן, רעוואָלוציעס, אָבער ער, ריעזשיק, ענדערט זיך ניט ביזן טויט (ער לעבט אַריין אין די הויכע אַכציקער); געלעבט איינזאַם, געליטן. אין די צאַרישע צייטן געווען אויך פאַרשיקט אין סיביר. אַן ערלעכע אידעאַלע פּערזענלעכקייט.

ביינִיש מיכאַלעוויטש אין ווילנע

מיט דער דייטשער אָקופּאַציע פון ווילנע, בעת דער ערשטער וועלט־מלחמה, הייבט זיך דאָרט אָן אַ גרויסער עקאָנאָמישער קריזיס. דאָס גאַנצעווירטשאַפטלעכע לעבן ווערט ווי פּאַראַליזירט. כמעט אַלע אַרבעטער פון שטאָט בלייבן אָן אַרבעט. עס וואַקסט די נויט. נישטאָ קיין אַרבעט. נישטאָ וואָס צו עסן.

אין יענער צייט קומט ביינִיש מיכאַלעוויטש קיין ווילנע אָנצופירן מיט דער בונדישער אַרבעט. ער לעגאַליזירט זיך אין ווילנע אויף זיין אמתן נאָמען: יוסף איזביצקי.

די ערשטע פאַרזאַמלונג פון בונדישן אַקטיוו, מיט מיכאַלעוויטשן, קומט פאָר יום־כיפור ביינאַכט, ווען עס הערן זיך נאָך די שאָסן און דער בריק־אויפרייס פון די אָפּטרעטנדיקע רוסן. דער חבר מיכאַלעוויטש רע־פערירט וועגן די פּאָליטישע און עקאָנאָמישע פאַרענדערונגען אין שייכות מיט די נייע פאַרהעלטענישן — די פאַרהעלטענישן פון דער דייטשער אָקופּאַציע.

מיטן ענדגילטיקן פאַרנעמען ווילנע דורך די דייטשן, הייבן אָן די פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען, וועלכע געפינען זיך אונטער דער אויסשליס־לעכער אָנפירונג פון „בונד", אַ גרויסע הילפס־טעטיקייט, וועלכע באַ־שטייט קודם־כל אין טראָגן מאַטעריעלע הילף פאַר די מאַסן אַרבעטס־לאָזע, ניט־אַרבעטנדיקער אינטעליגענץ און פאַר דער גאַנצער ווילנער אָרעמקייט. עס ווערן געגרינדעט פאָלקס־קיכן, וועלכע גיבן טעגלעך אַרויס טויזנטער אומזיסטע מיטאָגן. עס ווערט אויך אָרגאַניזירט ברייטע מע־דיצינישע הילף א"א. אין די אַלע אַקציעס נעמט חבר מיכאַלעוויטש אַ באַ־דייטנדיקן אָנפירנדיקן אָנטייל.

אויסער דעם אַנטוויקלט מיכאַלעוויטש דעמאָלט אַ גרויסע קולטור־טעטיקייט; ער שאַפט אַ קולטור־ און אויפקלערונגס־צענטער א"ג „אוני־ווערסיטעט פאַר אַלע". צווישן אַנדערע, לייענט מיכאַלעוויטש לעקציעס אויך איבער פּאָליטישע און עקאָנאָמישע פּראָבלעמען. אויך אַנדערע פּרעלע־גענטן און לעקטאָרן לייענען זייערע לעקציעס אויפן „אוניווערסיטעט פאַר אַלע". די דייטשע מאַכט שליסט גיך דעם אוניווערסיטעט.

צו יענער צייט ווערט אויך באַנייט די טעטיקייט פון דער „דראַמאַטישער־ און קונסט־געזעלשאַפט" — די זעלבע געזעלשאַפט, וועלכע די רוסן האָבן זיינער צייט געהאַט געשלאָסן. די געזעלשאַפט איז געגרינדעט געוואָרן אינעם הויז פון די עלטערן פון לאַזאַר און רבקה עפּשטיין, אויף זאַוואַלנע־גאַס 66. מיר איז אויסגעקומען צו זיין ביי איר גרינדונג און אַ לענגערע צייט — אויך דער פּאָרזיצער אירער. שפּעטער מיט אַ פּאָר יאָר ענדערט די געזעלשאַפט איר נאָמען א.נ. פון פאַרשטאָרבענעם בונדישן פירער בראָניסלאַוו גראָסער. די געזעלשאַפט פירט אַ פאַרצווייגטע קולטור־אַרבעט צווישן דער יידישער אַרבעטערשאַפט, שאַפט אַ דראַמאַטישע סעקציע. באַזונדערס איז זיך קונה־שם דער כאָר, אונטער דער אָנפירונג פונעם דיריגענט אברהם סליעפּ.

אין די שווערע צייטן פון דער דייטשער אָקופּאַציע, בעת דער ערשטער וועלט־מלחמה, שפּילט אָפּ די דאָזיקע געזעלשאַפט, ווי בכלל די טעטיקייט פון „בונד" אויף אַלע געביטן פון לעבן פון אָקופּירטן ווילנע, אַ גרויסע און וויכטיקע ראָל.

ביניש מיכאַלעוויטש איז דאָס האַרץ און די נשמה פון אָט דער טעטיקייט, ווי פון דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג בכלל. ער איז זייער פּאָפּולער און באַליבט ביי די יידישע און פּוילישע אַרבעטער־מאַסן אין ווילנע. די דייטשע מאַכט האָט אים געוואָלט אַרעסטירן און פאַרשיקן אין אַ לאַגער קיין דייטשלאַנד, צוליב זיין קראַנקייט, האָט מען אויסגעפּועלט, זי זאָל אים לאָזן אַרויספאָרן קיין אָטוואָצק ווו ער פאַרברענגט ביז סוף פון דער מלחמה. נאָך דער מלחמה איז מיכאַלעוויטש איינער פון די באַדייטנדיקסטע פירער פון „בונד" אין פּוילן.

אין דייטשע קוילן־גרובן

די לאַגע אין דער אָקופּירטער ווילנע ווערט אַלץ ערגער און ערגער. די דייטשן, ווי זייער שטייגער, פירן אַרויס אַלץ, וואָס עס האָט נאָר עפּעס אַ ווערט. דאַקעגן אַריינפירן — קיין זאַך ניט. קיין לעבנסמיטל — אוודאי ניט. די נויט וואַקסט. אויף די גאַסן וואַלגערן זיך מענטשן, געשוואָלענע פון הונגער. איך האָב געאַרבעט אין אַ סטאָליאַריי פון אַ דייטשער פאַבריק. צוזאַמען מיט מיר אַרבעטן אין דער פאַבריק ביי דרייסיק סטאָליאַ־

רעס. ס׳איז ערב ראש־השנה. די עלטערע אַרבעטער ווילן, אַז ראש־השנה זאָל קיינער ניט קומען צו דער אַרבעט. זיי זאָגן: „אויב אַלע וועלן ניט קומען, וועט מען קיינעם פון דער אַרבעט ניט אָפּזאָגן". איך, מיט נאָך עטלעכע חברים, זענען טאַקע ניט געקומען, אָבער די איבעריקע, צווישן זיי אויך עלטערע אַרבעטער, זענען אַלע געקומען. מ׳האָט אונדז טאַקע נאָך יום־טוב ניט צוריקגעלאָזט צו דער אַרבעט.

אַ דייטשע אַרבעטס־ביוראָ האָט ווערבירט אַרבעטער אין די שלעזישע קוילן־גרובן. צוזאַמען מיט נאָך עטלעכע צענדליק יידן האָבן מיר זיך פאַרקאָנטראַקטירט צו דער אַרבעט.

מיר האָבן אָפּגעאַרבעט צוויי חדשים אינעם שלעזישן קוילן־גרובן: „מיכאַלקאָוויטש". די אַרבעט איז אַ שווערע. די דערנערונג — אַ שלעכטע. ווי פאַך־אַרבעטער — סטאָליער, שלאָסער א״א — ווילן מיר, מען זאָל אונדז אַריבערפירן צו פאַך־אַרבעט. מיר האָבן פאַרשטרייקט, ניט געקומען צו דער אַרבעט.

פון דער שטרייקנדיקער גרופּע זענען מיר — איך און נאָך איינער — אַרויסגערופן געוואָרן צום פאַרוואַלטער פון די קוילן־גרובן. ער שרייט: — „ס׳איז מלחמה. איר מוזט אויספירן די פליכטן, וואָס דרינגען אַרויס פון קאָנטראַקט, וועלכן איר האָט אונטערגעשריבן". מיר טענהן דאָס אונדזעריקע: — „ס׳איז אונדז שווער. מיר ווילן צו פאַך־אַרבעט". לסוף זאָגט אונדז דער פאַרוואַלטער צו אַריבערצופירן יעדן צו זיין פאַך. זיין צוזאָג ווערט אָבער ניט אויסגעפירט, און איך באַשליס צו אַנטלויפן קיין פוילן און פון דאָרט אפשר פרווון זיך דערשלאָגן צוריק קיין ווילנע.

הגם פוילן איז אָקופּירט דורך די דייטשן, איז פונדעסטוועגן דאָס דורכגיין די גרענעץ שטרענג פאַרבאָטן. ביינאַכט. איך מייד אויס די סאָלדאַטן־וואַך און שוואַרץ גליקלעך אַריבער די גרענעץ. פאַרטאָגס קום איך אָריין קיין בענדין — די ערשטע פוילישע שטאָט אויף דער דעמאָלטיקער דייטש־פוילישער גרענעץ — און ווייס ניט, אַז דער באַפעלקערונג איז דערלויבט צו באַוועגן זיך אינדערפרי ערשט פון אַ באַשטימטער שעה. אַ דייטשער פּאַטרול פאַרהאַלט מיך, פירט מיך אָפּ אין דער סאָסנאָווצער קאָמענדאַנטור. ביי דער אויספאָרשונג זאָג איך דעם אמת: — „איך קום פון די שלעזישע קוילן־גרובנס. כ׳בין פון פאַך אַ סטאָליער, און בין פון

דאָרט אַוועק, ווייל מ׳האָט מיך געהייסן אַרבעטן ניט ביי מיין פֿאַך״. מ׳האָט מיך פֿאַרשפּאַרט אין סאָסנאָווצער טורמע.

נאָך אַ חודש האָט מיך אַ מיליטעריש געריכט פֿאַרמשפּט אויף צוויי חדשים טורמע. כ׳האָב נאָך גוט אָפּגעשניטן. כ׳האָב דערוואַרט אַ גרעסערע שטראָף.

נאָכן אָפּזיצן דריי חדשים (מ׳האָט מיר נישט פֿאַררעכנט דעם ערשטן חודש ביזן געריכט), ווער איך באַפֿרייט. אַ שטאַרק אָפּגעשוואַכטער פֿון לאַנגן הונגערן, דערשלעפּ איך זיך קוים קיין דאָמבראָווע (די שטעט ליגן נאָענט איינע פֿון די אַנדערע). אין דאָמבראָווע, וואָס איז שוין געווען אונטער דער עסטרייכישער אָקופּאַציע־מאַכט, לאָז איך זיך ווערבירן צו מיין פֿאַך קיין טשעכיע (טשעכיע געהערט דעמאָלט צו עסטרייך). מען שיקט מיך קיין וויטקאָוויץ, אַ צען קילאָמעטער פֿון מעריש־אָסטרוי. וויט־קאָוויץ איז דער צענטער פֿון דער קריגס־אינדוסטריע. מען רופֿט דאָס שפּעטער: „סקאָדע־ווערק״. איך אַרבעט דאָרט ביי מיין פֿאַך און לעב אין די אַרבעטער־באַראַקן. דאָרט קומט מיר אויס זיך צוצוקוקן פֿון דער נאָענט צו אַ מעכטיקער אַרבעטער־באַוועגונג.

1917, אַ שטרייק. עס שטרייקן צענדליקער טויזנטער אַרבעטער. גרויסע מיטינגען. טויזנטער, טויזנטער אַרבעטער. אַ ים פֿון מענטשן. עס רעדן: דייטשן, טשעכן, פּאָליאַקן. אַ קאָלאָסאַלער כוח.

עס קומט די פֿעברואַר־רעוואָלוציע. ווי מיט אַ מאַגנעטישער קראַפֿט ציט עס מיך קיין פּוילן, קיין ווילנע. דורך דער גאַנצער צייט (קנאַפּע צוויי יאָר) פֿון מיין אָפּוועזנהייט פֿון ווילנע, האָב איך שטאַרק געבענקט אַהין. עס ציט מיך דער גייסטיקער קלימאַט פֿון דער דאָזיקער מערק־ווירדיקער שטאָט, די פּאַרטיי, די באַוועגונג. נאָך מער ציט מיך די נייע האָפֿענונג: די מלחמה גייט צו ענדע, נייע צייטן קומען...

אין טשעכיע איז מיר געווען ניט שלעכט. די דערנערונג אַ בעסערע. כ׳האָב אויך שוין געהאַט אָפּגעשפּאָרט עטלעכע הונדערט קראָנען. כ׳האָב זיך אויסגעקליידט און מיט האַלב־לעגאַלע מיטלען זיך געלאָזט צוריק אויף די שפּורן פֿון מיין גייסטיקן קיום, צו מיין אַקטיווער אַרבעט אין דער באַוועגונג — צוריק קיין ווילנע.

1918 אין ווילנע

קיין ווילנע בין איך אָנגעקומען אין יאָר 1918. ס'איז די צייט פון גרויסע געשעעניש. פון רוסלאַנד בלאָזן פרישע ווינטן: די פעוורואַל־רע־וואָלוציע; אָפּגעשאַפט די צאַרישע זעלבסט־הערשאַפט; די אָקטאָבער־רעוואָלוציע; די מאַכט גייט איבער צו די אַרבעטער־ראַטן. די מלחמה, וועלכע האָט אָפּגעקאָסט אַזויפיל קרבנות — הונגער, נויט און אָרעמ־קייט — ענדיקט זיך. עס קומט אָן אַ וועלט, וועלכע וועט ווערן געבויט, ווי מיר האָבן געגלויבט, אויף יסודות פון פרייהייט און סאָציאַליזם.

אין ווילנע קאָכט זיך, ווי אין א קעסל. אויפן סדר־היום שטייען הונ־דערטער נייע פּראָבלעמען: דיקטאַטור, דעמאָקראַטיע, פּאַרלאַמענטאַריזם אָדער סאָוועטן־מאַכט. מ'דעבאַטירט, מ'דיסקוטירט. די דאָזיקע דעבאַטן גייען אָן אין אַלע אייראָפּעאישע אַרבעטער־פּאַרטייען. טיפע מיינונגס־פאַרשיידנ־קייטן אַנטפּלעקן זיך אינערהאַלב יעדער פּאַרטיי באַזונדער. אויך אין „בונד" גופא קומען אויף פאַרשיידענע שטרייט־פראַגן.

אין ווילנע קומט פאָר אַ בונדישע ראַיאָן־קאָנפערענץ. עס באַטיי־ליקן זיך אין איר דעלעגאַטן פון ביאַליסטאָק, גראָדנע א"א. די קאָנפערענץ דויערט עטלעכע טעג. מען דעבאַטירט די אַלע שטרייט־פראַגן. מען נעמט אָן רעזאָלוציעס. איינער פון דער ביאַליסטאָקער דעלעגאַציע איז בענצל צאַלעוויטש, דער שפּעטערדיקער פאַרזיצער פון „בונד" אין מדינת־ישראל. די גאַנצע צייט פון דער דייטשער אָקופּאַציע האַלטן מיר זיך פאַר אַ טייל פון רוסלענדישן „בונד". מיט האָפענונג גייען מיר אַנטקעגן דער נייער גרויסער צייט, וואָס קומט אָן.

צום ערשטן יאָרטאָג פון דער באַלפור־דעקלאַראַציע פירן דורך די ווילנער ציוניסטן אַ גרויסע פייערונג, כדי אָפּצומערקן די היסטאָרישע באַדייטונג אירע. דער קאָמיטעט פון „בונד" באַשליסט דורכצופירן אַ דיס־קוסיע־מיטינג אין גרויסן קרענגל־זאַל. פון יעדער פּאַרטייאישער ריכטונג דאַרפן אַרויסטרעטן צוויי רעדנער. די צוויי רעדנער פון „בונד" זיינען ד"ר מאַקס ווײַנרייך און דער לערער יודל פראַנקפורט. צו דעם מיטינג קומט אַ גרויסער עולם. איך ווער באַשטימט ווי דער פאַרזיצער פון מיטינג. די פאַרזאַמלונג איז אַ שטורמישע. עס קומען מענטשן פון אַלע ריכטונגען אין ציוניזם. זיי באַקעמפן זיך קעגנזייטיק און לאָזן ניט קומען

צום וואָרט דעם קעגנערישן צד. ס'איז זייער שווער געווען צו פירן דעם פאַרזיץ.

אין מיטן פון דעם גרויסן טומל מעלדעט זיך צום וואָרט דער באַקאַנטער שרייבער ש. אַנסקי. דער טומל האָט זיך מיטאַמאָל אָפּגעשטעלט, ווי ס'וואָלט אים ווער איבערגעשניטן מיט אַ מעסער. ס'ברעכט אויס אַ גרויסע אָוואַציע. אַלע ווערן אָנגעשטרענגט: וואָס וועט זאָגן דער גרויסער שרייבער? אַנסקיס הדרת־הפנים, זיין שיין־געבויטע רעדע באַגייסטערט דעם עולם. ער רעדט מיט התלהבות. דער מחבר פון „חורבן גאַליציע" איז דעמאָלט נאַציאָנאַל געשטימט. — „אויך יידן — זאָגט דער שרייבער — פונקט ווי אַלע אַנדערע פעלקער, האָבן רעכט צו אַן אייגענער נאַציאָנאַלער היים אין ארץ־ישראל. יעדעס פאָלק דאַרף האָבן זיין אייגן לאַנד און אויך די יידן... ווען ס'וועט קומען די צייט — פאַרענדיקט אַנסקי זיין רעדע — ווען דער „בונד" וועט פירן זיין טעטיקייט אין ארץ־ישראל, ווי ער פירט זי אין די לענדער פון גלות, וועל איך באַגריסן דעם „בונד" אין ארץ־ישראל"... שטורמישע אַפּלאָדיסמענטן האָבן באַגלייט אַנסקיס רעדע. ווען כ'בין אין 1949 געקומען זיך באַזעצן אין מדינת ישראל, האָב איך זיך דערמאָנט אין אַנסקיס נביאישע ווערטער. ס'האָט מיך אויך דערמאָנט אין אַנסקיס ווערטער אַ טוער פון דער ווילנער מפא"י, וועלכן כ'האָב דאָ געטראָפן אין ישראל און וועלכער איז דאַן געווען אָנוועזנד אויף יענעם גרויסן מיטינג אין ווילנע. ווען היינט זאָל לעבן אַנסקי, וואָלט ער זיכער באַגריסט דעם „בונד" אין מדינת ישראל.

וויפל יידיש בלוט האָט געדאַרפט פאַרגאָסן ווערן? וויפל גרויסע יידישע ווערטן האָבן באַדאַרפט צעשטערט און פאַרניכטעט ווערן — אַז עס זאָל אויפקומען מדינת־ישראל.

קברים

אין יאָר 1918 האָט דער ווילנער קאָמיטעט פון „בונד" זיך פאַרנומען מיטן רעסטאַווירירן די קברים פון די געפאַלענע אין קאַמף, אָנהויבנדיק פון די צייטן פון ערב „בונד" ביז דער לעצטער צייט. די קברים זענען געווען פאַרנאַכלעסיקט, נישט קענטיק געווען די נעמען אויף די מצבות. אַנדערע זענען שוין געווען אין צושטאַנד פון צעפאַלונג. דער ווילנער

קאָמיטעט האָט אויסגעוויילט אַ סוב־קאָמיטעט פון צוויי חברים: רבקה עפשטיין און מיך, וועלכע האָבן זיך געדאַרפט פאַרנעמען מיט דער רעס־טאַווראַציע. מיר האָבן צוגעצויגן צו דער אַרבעט אונדזערן אַ חבר, חיים ראַבינאָוויטש — פאַרוואַלטער פון דער חברה קדישא. די אַרבעט האָט געדויערט צוויי יאָר. צוזאַמען מיט געלט־אַקציעס פאַר דעם צוועק, האָבן מיר איינגעאָרדנט פאַרזאַמלונגען אין די פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען, אָפּגעהאַלטן מיטינגען. דער אָפּרוף מצד דער ווילנער אַרבעטערשאַפט איז געווען אַ וואַרעמער. מיר האָבן אַרומגעצוימט יעדן קבר באַזונדער, רעס־טאַווירט די אויפשריפטן, פאַרזען מיט אַן אַלגעמיינעם טאָוול, אויף וועלכן ס'האָט זיך געפונען אַ רשימה פון די נעמען פון די העלדן — קרבנות, ערטער און דאַטעס פון די שלאַכטן, אין וועלכע די געפאַלענע האָבן זיך באַטייליקט. מיר האָבן אַרומגעצוימט זייערע קברים מיט אייזערנע צוימען.

אויפן זאַרעטשער בית־עולם געפינט זיך אַ מאַסן־קבר פון עטלעכע צענדליק געפאַלענע. איבער דעם דאָזיקן מאַסן־קבר געפינען זיך אַנדערע איינצלנע קברים, איין קבר איבערן אַנדערן. פון אונטן זעען זיך גוט אַלע קברים. ווער ווייסט אין וועלכן צושטאַנד די קברים געפינען זיך איצט, נאָכן היטלער־קאַטאַקליזם, וועלכער האָט אַלץ חרוב־געמאַכט? די איצטיקע הערשער פון ווילנע האָבן מסתמא פאַר דעם קיין אינטערעס ניט. אויפן ערשטן פּלאַן פון דעם דאָזיקן קברים־קאָמפּלעקס געפינט זיך דער קבר פון אַרקאַדי קרעמער — דער גרינדער פון אַלגעמיינעם אַרבעטער־„בונד" אין רוסלאַנד, פּוילן און ליטע.

נאָך דער רעסטאַווריר־אַרבעט האָט דער ווילנער קאָמיטעט פון „בונד" גערופן אַ גרויסע פאַרזאַמלונג אויפן בית־עלמין.ביים ברודער־קבר ווערן געהאַלטן רעדעס וועגן די געפאַלענע און פאַרוווּנדעטע, וועגן דעם גרויסן שטורעם קעגן דער צאַרישער הערשאַפט און — וועגן דער ראָל פון „בונד" אין יענע רעוואָלוציאָנערע קאַמפן אין ווילנע.

מיר האָבן אויך געזוכט דעם קבר פון הירש לעקערט, וועלכער איז אויפגעהאָנגען געוואָרן אויפן אַנטאָקאָלער מיליטערישן פעלד פאַר זיין העלדישן שאָס אין ווילנער גובערנאַטאָר, פאָן וואַל, פאַר זיין לאָזן שמייסן יידישע אַרבעטער פאַרן באַטייליקן זיך אין אַן ערשטער מאַי־דעמאָנסטראַציע. ליידער האָבן מיר זיין קבר ניט געפונען. מיר האָבן געהאַט בדעה

אים קובר צו זיין אויף איינער פון די ווילנער גאַסן און אויפצושטעלן אויף זיין קבר אַ מאָנומענט, וועלכן ער האָט זיך פאַרדינט מיט זיין העל־דישן לעבן און הייליקן טויט.

די נאָוועמבער־רעוואָלוציע אין דייטשלאַנד

די דייטשע מיליטערישע מאַכט אין פוילן, ליטע, לעטלאַנד און אין די אַנדערע געביטן פונעם אַמאָליקן רוסלאַנד, זיצט נאָך פעסט אין זאָטל, און מיטאַמאָל קומט אָן די ידיעה וועגן צוזאַמענברוך פון דייטשן גאַרניזאָן אויפן פראַנצויזישן פראָנט און וועגן דער אַבדיקאַציע פון קייזער ווילהעלם.

גלייך נאָך דער ידיעה, גייט דער דייטשער מיליטערישער גאַרניזאָן אין ווילנע אַרויס אין אַ מיליטערישן מאַרש.

איבער די גאַסן פון ווילנע מאַרשירט דאָס דייטשע מיליטער אין פולער באַוואָפענונג. עס גייט די אַרטילעריע, קאַוואַלעריע, פוסגייער מיט מאַשין־געווער, ביקסן, האַרמאַטן — מיט קאַלטער דייטשער דיסציפּלין, נאָר אָן פענער. דעם פובליקום איז פאַרבאָטן זיך צו דערנענטערן צום מאַר־שירנדיקן מיליטער.

נאָכן פאַרענדיקטן מאַרש קומען מאַסן מענטשן אין ווילנער שטאָטישן גאָרטן. איך רעד צום עולם: „די אימפּעריאַליסטישע מלחמה מיט אירע קרבנות, מיט אַלע אירע גרוילן איז געבראָכן און מיר דאַרפן זיך גרייטן צו גיין אַנטקעגן די נייע צייטן"...

אויף אַ צווייטן מיטינג האָב איך גערופן דער יידישער באַפעלקערונג צו אָרגאַניזירן אַ זעלבשוץ לויטן מוסטער פון יאָר 1905.

דער אַרבעטער־ראַט אין ווילנע

אין יענע טעג (1918) איז שוין קענטיק, אַז דער דייטשער מיליטערי־שער גאַרניזאָן גרייט זיך צו פאַרלאָזן ווילנע. וואָסערע וועט זיין די מאַכט אין שטאָט? ווער וועט איינהאַלטן די אָרדענונג?

די אַריינגעשיקטע פון רוסלאַנד באַלשעוויסטישע פאַרטיי־פונקציאָנערן שאַפן אין ווילנע אַ קאָמוניסטישע אָרגאַניזאַציע. נאָך אַ דיסקוסיע אין

אונדזער בונדישער אָרגאַניזאַציע, ווערט באַשלאָסן צו שאַפן בשותפות מיט אַלע אַנדערע אַרבעטער־גרופּירונגען, אויך מיט די קאָמוניסטן, אַן אַרבעטער־ראַט. מיר טרעטן צו צו די וואַלן. אַנטיילנעמען אין די וואַלן האָבן געקענט נאָר די פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען. פאַר יעדן פּראָפעסיאָנעלן פאַראיין ווערט באַשטימט אַ געוויסע צאָל דעלעגאַטן. אין יעדן פּראָפעסיאָנעלן פאַראיין ווערט געפירט אַ וואַל־אַגיטאַציע. דער הויפּט־קאַמף פירט זיך צווישן אונדז בונדיסטן און די שוואַכע קאָמוניסטישע גרופּן. כמעט אין אַלע פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען ווערן געוויילט בונדיסטן. מיר האָבן אָנגעצויגן 70 דעלעגאַטן. די קאָמוניסטן האָבן ניט געהאַט קיין מערהייט אין אַרבעטער־ראַט.

אָנהויב דעצעמבער ווערט גערופן די ערשטע זיצונג פון די דעלע־גאַטן. זי קומט פאָר אין גרויסן שטאָט־זאַל. נאָך לאַנגע רעדעס פון די דעלעגאַטן און באַגריסונגען — עס באַגריסט אויך צווישן אַנדערע אַ פאַר־שטייער פון די דייטשע אומאָפּהענגיקע סאָציאַליסטן — ווערט איינשטימיק אָנגענומען דער באַשלוס: די מאַכט גייט איבער צום אַרבעטער־ראַט.

אַ פייערלעכער מאָמענט. מען קלייבט אויס אַן „איספּאָלקאָם" — אַן אויספיר־קאָמיטעט פון די ראַטן. פון „בונד" ווערן אויסגעקליבן די פיר חברים: איסאַק קראַל, שלמה קלייט, ניסן פּופּס און דער סטודענט יעקב ווײַנשטיין. דער אַרבעטער־ראַט פאַרנעמט דעם בנין פון קלוב פון די אײַזנבאַנער אויף וואָרניע־גאַס 5.

אין דער זעלבער צייט אַרבעט אין אונטערגרונט דער פאַרבאַנד פון די פּוילישע לעגיאָנערן, וועלכער גרייט זיך צו פאַרכאַפּן די מאַכט, אין מאָמענט, ווען דאָס דייטשע מיליטער וועט פאַרלאָזן די שטאָט. אַזוי איז טאַקע געשען: גלייך נאָכן פאַרלאָזן די שטאָט דורך די דייטשן, באַווייזן זיך אויף די גאַסן פּוילישע באַוואָפנטע לעגיאָנערן, וועלכע פאַרנעמען די וויכטיקסטע סטראַטעגישע פּונקטן פון שטאָט און רינגלען אַרום צווישן אַנדערע אויך דעם בנין פון אַרבעטער־ראַט.

אינעווייניק, אינעם בנין געפינען זיך אַרום פופציק מענטשן: דער גאַנצער אויספיר־קאָמיטעט און אַנדערע מיטגלידער פון אַרבעטער־ראַט. עס הייבט זיך אָן אַ קעגנזייטיקע שיסעריי. די לעגיאָנערן שיסן פון מאַ־שינגעווער און פון אינעווייניק, פון אַרבעטער־ראַט ענטפערט מען מיט אַ שיסעריי פון ביקסן און מיט האַנט־גראַנאַטן. די שיסעריי און באַלאַגערונג

דויערט דריי טעג. ווען ביים אַרבעטער־ראַט גייט אויס דאָס געווער, די שפּייז, באַשליסט ער זיך אונטערצוגעבן.

פאַר דער קאַפּיטולאַציע האָבן פיר מיטגלידער פון אַרבעטער־ראַט זיך אַליין דערשאָסן. איינער פון די פיר איז געווען דער שליח פון רוס־לאַנד שימעלעוויטש. אונטער אַ שטרענגער וואַך ווערט דער גאַנצער אַרבעטער־ראַט אָפּגעפירט אין צענטראַל־אַרעסט.

מיר גרייטן זיך באַפרייען די אַרעסטירטע

בעת דער באַלאַגערונג פונעם בנין פון אַרבעטער־ראַט דורך די פּוי־לישע לעגיאָנערן, רעדט זיך צונויף אונדזער בונדישער אָטריאַד מיט די פירער פון די באָלשעוויקעס וועגן אַטאַקירן די פּאָליאַקן מיטן ציל צו באַפרייען די אַרעסטירטע. די באָלשעוויקעס האָבן געהאַט אַ קאַמפּס־אָטריאַד פון געוועזענע מלחמה־סאָלדאַטן און פון געשולטע מענטשן, אַריינגעשיקטע פון רוסלאַנד. עס ווערט געשאַפן אַ בשותפותדיקער „שטאַב צו באַפרייען דעם אַרבעטער־ראַט". דער חבר ליפשיץ און איך זיינען אַריין אין שטאַב מצד דעם „בונד". ווי דער קאָמענדאַנט פון שטאַב איז אויסגעשטעלט געוואָרן דער פּאָליאַק סאַוויצקי — אַ פּוילישער אָפיציר — קאָמענדאַנט פונעם אָטריאַד פון די באָלשעוויקעס. זייער אָטריאַד איז געווען פאַרקאָנספּירירט אין פאָרובאַנעק — אַ פאָרשטאָט פון ווילנע.

דער „בונד" האָט געהאַט צוויי גוט־אויסגעשולטע אָטריאַדן, פאַרקאָנס־פּירירטע אין דריי באַזונדערע דירות — אַנטקעגן בנין פון אַרבעטער־ראַט. געווען שוין אָפּגערעדט אַ באַשטימטע שעה, ווען סאַוויצקי מיט זיין אָטריאַד דאַרפן אָנהייבן די אַטאַקע קעגן די פּוילישע לעגיאָנערן.

אין דער באַשטימטע שעה, מיר וואַרטן קאַמפּס־גרייטע אויפן אָנ־הייב פון דער אַטאַקע, זי קומט אָבער נישט.

וואָס קאָן עס זיין? פאַרוואָס הייבן זיי נישט אָן?...

צום גליק האָט די רויטע אַרמיי, אין איר אָפענסיווע קעגן די לע־גיאָנערן, זיך דערנענטערט צו ווילנע. אָנהויב יאַנואַר 1919 האָט זי די שטאָט פאַרנומען, באַפרייענדיק דעם אַרבעטער־ראַט, וועלכן די פּאָליאַקן האָבן שוין געהאַט באַשטימט צו צעשיסן. ווי מען האָט שפּעטער גערעדט,

זאָל דער קאָמענדאַנט סאַוויצקי האָבן געוועז אַ פּאַרעטער. די פּאָליאַקן זיינען אַנטלאָפן און נישט באַוויזן אויסצופירן דעם אורטייל איבער די אַרעסטירטע פון אַרבעטער־ראַט.

* * *

באַלד נאָכן באַפרייען ווילנע, גלייך נאָכן פאַרטרייבן די פּוילישע לעגיאָנערן דורך דער רויטער אַרמיי, ווערט דורכגעפירט די פייערלעכע לוויה פון די פיר געפאַלענע אינעם בנין פון אַרבעטער־ראַט אין קאַמף מיט די לעגיאָנערן. דער טרויער־צוג איז אַן אימפּאָזאַנטער, מיט פענער און רירנדיקע רעדעס. ס׳זענען מספּיד די געפאַלענע — פאַרשטייער פונעם אַרבעטער־ראַט, קאָמאַנדירן פון דער רויטער אַרמיי און אַ פאַרשטייער פון „בונד״.

זיי ווערן געברענגט צו קבורה אין צענטער שטאָט, אויפן פּלאַץ, ווו ס׳איז געשטאַנען דער יעקאַטערינאַ־דענקמאָל (דעם דענקמאָל האָט מען אַראָפּגעוואָרפן).

דעם זעלבן טאָג אין אָוונט קומט פאָר אַ גרויסער קבלת־פּנים לכבוד די באַפרייער פון ווילנע — די זעלנער און קאָמאַנדירן פון דער רויטער אַרמיי — אָרגאַניזירט דורכן אַרבעטער־ראַט. דער זאַל טוקט זיך אין רויטע פענער. עס באַגריסן: דער פאָרזיצער פון אַרבעטער־ראַט ד״ר איי־דוקעוויטש, די קאָמאַנדירן פון דער אַרמיי. אין נאָמען פון „בונד״ באַגריסט ד״ר מאַקס ווײַנרייך. ער באַגריסט די רויטע אַרמיי — די באַפרייערין פון ווילנע. ער גרענעצט זיך אָבער אָפּ פון דער פּאָליטיק פון דער ראַטן־מאַכט, פאָדערנדיק מער דעמאָקראַטישע פאָרמען פון מלוכה־לעבן.

מאסן־מיטינג אויפן קאטעדראל־פלאץ

גלייך נאָכן קבלת־פּנים הייבט זיך אָן אויפן קאַטעדראַל־פּלאַץ אַ גרויסער מאַסן־מיטינג אין שייכות מיט דעם סוף פון דער ערשטער און, ווי מ׳האָט געגלויבט, אויך פון דער לעצטער וועלט־מלחמה.

פון פיר באַזונדערע טריבונעס האָט אָפּגעהילכט די פרייד פון דער

באפרייאונג. ס׳איז געווען אַ פרייד געמישט מיט טרערן צוליב דער אומ־געהויערער צאָל קרבנות, וואָס די מלחמה האָט פאַרשלונגען. דער עכאָ פון דער רעוואָלוציע האָט געשאַלט איבער אונדזערע קעפּ מיט פּרעכטיקע צוקונפטס־מוזיק. עס האָבן גערעדט באַלשעוויסטישע טוער פון רוסלאַנד און אַרטיקע רעדנער.

איך בין געשטאַנען נעבן אַ טריבונע און איינגעזאַפּט אין זיך די האָפענונגספולע רייד, די הערלעכע וויזיע און טרייסט פון אַ באַפרייטער וועלט, פון אַ וועלט אָן קנעכט און אָן האַרן, אַ וועלט פון שטאָלצע מענטשן.

מיטאַמאָל באַמערק איך ווי אונדזער חבר, דער בונדיסט ליפשיץ — דער אַקטיוויסט פון אַרבעטער־ראַט, געהילפס־קאָמענדאַנט פון דער סאָ־וויעטישער מיליץ — רופט מיך אויף דער טריבונע פונעם פּרעזידיום. ער באַקענט מיך מיטן פאָרזיצער — דעם ליטווישן קאָמוניסט מיצקע־וויטש־קאַפּסוקאַס — פאָרזיצער פונעם ראַט פון די פאָלקס־קאָמיסאַרן, ד. ה., פּרעמיער־מיניסטער פון דער ליטווישער רעגירונג. דער פאָרזיצער גיט מיר דאָס וואָרט. כ׳בלייב אַ מינוט צעטומלט. אומגעריכט. ניט צו־געגרייט. כ׳באַהערש זיך אָבער גלייך און רעד אַ צוואַנציק מינוט בערך. איך רעד וועגן די גרוילן פון דער מלחמה, מיט אירע מיליאָנען קרבנות, וועגן דעם הונגער, נויט און אומגעהויערע ליידן פון דער פרידלעכער באַפעלקערונג. וועגן דעם, אַז די מענטשהייט טאָר מער נישט דערלאָזן צו ענלעכע מלחמות. כ׳דריק אויס די האָפענונג, אַז די רעוואָלוציעס אין רוסלאַנד און אין דייטשלאַנד וועלן זיין בכוח נישט צו דערלאָזן, אַז עס זאָלן זיך ווידער איבערחזרן די מלחמה־גרוילן.

ווער האָט געקאָנט אָנען, אַז ס׳וועט קומען אַ צווייטע וועלט־מלחמה, און אַז זי וועט מיט איר אכזריות איבערשטייגן הונדערט־פאַכיק די רע־זולטאַטן פון דער ערשטער?... אַז זי וועט פאַרניכטן פעלקער, ווי זי האָט עס געטאָן מיט אונדזער יידיש פאָלק? — —

אין אייניקע וואָכן אַרום קומט ווידער פאָר אַ גרויסער מאַסן־מיטינג אויפן קאַטעדראַל־פּלאַץ, דאָס מאָל איז עס אַ פּראָטעסט־מיטינג קעגן דעם מאָרד פון ראָזאַ לוקסעמבורג און קאַרל ליבקנעכט אין דייטשלאַנד. פון איינער פון די טריבונעס האָט גערעדט ש. אַנסקי. זיין רעדע באַגייסטערט און לאָזט איבער אַ שטאַרקן רושם.

מיין טאָכטער אסתר נאָוויקאָוו

פיר חדשים ראַטן־מאַכט

פיר חדשים דויערט די ראַטן־מאַכט אין ווילנע. דורך דעם קורצן דויער לעבט ווילנע איבער שווערע צייטן. דער יומטוב פון דער רעוואָ־לוציע איז שנעל אַדורך און עס הויבט זיך אָן די וואָך, און געווען איז זי, די וואָך, אַ ביטערע. פונעם מאַרק פאַרשווינדן די פּראָדוקטן. די סאַמע נויטיקסטע זאַכן — זאַכן פון ערשטן געברויך — האָט מען געמוזט קויפן אויפן שוואַרצן מאַרק צו ספּעקולאַציע־פּרייזן. כדי צו באַקומען אַ ברויט, האָט מען געמוזט אָפּשטיין אין דער ריי אַ גאַנצע נאַכט. איך אַליין, מיט מיין פרוי און קינד האָבן געליטן הונגער, הגם כ׳בין געווען אַ הויכער מלוכה־באַאַמטער. איך און דער בונדיסט בונע גאַבריעלאָוו זענען גע־שיקט געוואָרן אין קאָלעגיע פון „סאָוונאַרכאָז" — אין ראַט פון פאָלקס־ווירטשאַפט — צו אָרגאַניזירן און אויפשטעלן פאַבריקן פון האָלץ־אינדוסטריע. אויף דעם געביט האָבן מיר פיל געאַרבעט און טאַקע אויך פיל אויפגעטאָן, נאָר קיין שכירות ניט באַקומען. געווען אַפילו אויסגע־שריבן אָן אָרדער אין באַנק אויף אונדזער שכירות, נאָר די באַנק האָט זיך ניט געאיילט אויסצוצאָלן. די באַנק האָט סאַבאָטירט. זיי האָבן געוווסט, אַז די סאָוויעטן וועלן לויפן... פון ווילנע. צו וואָס נאָך צאָלן?

אין יענער צייט, אין די ערשטע רעוואָלוציע־יאָרן האָט מען נאָך טאָ־לערירט אַנדערע פּאָליטישע פּאַרטייען. דערצו האָט מען צווישן דער יידישער אַרבעטערשאַפט נישט געקאָנט אויסקומען אָן „בונד". מען האָט געמוזט טאָלערירן די עקזיסטענץ זיינע, ווייל דער פּוילישער אַרבעטער איז געווען נאַציאָנאַליסטיש געשטימט, פאַר פּוילן. די הויפּט־ראָל אין דער סאָוויעטישער בויאונג האָט געשפּילט דער יידישער אַרבעטער, האָט מען באַדאַרפט האָבן דעם „בונד".

נישט געקוקט דערויף ווערן שוין אין די ערשטע וואָכן ראַטנמאַכט געמאַכט פּרוּוון צו פאַרמינערן די וויכטיקייט פון „בונד". אזוי, למשל, האָט זיך די סאָוויעטנמאַכט באַלד פון אָנהויב גענומען צום איבערבויען די פּראָפ.־פאַראיינען אויף פּראָדוקציר־פּראָפ.־פאַראיינען. צוליב וואָס דער נייער נאָמען? מיט דעם האָבן זיי געוואָלט פאַרקלענערן דעם בונדישן איינפלוס אין די פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען. ווען דאָס האָט זיך זיי נישט איינגעגעבן, ווען אין אַלע פאַראיינען זיינען ווידער אויסגעוויילט

געוואָרן בונדיסטן, האָבן זיי געמאַכט נייע וואַלן צום אַרבעטער־ראַט. נאָך אַלע שוועריקייטן, אַדאַנק וועלכע זיי האָבן געמיינט צו באַגרענעצן אונ־דזער ווירקונג אויפן אַרבעטער, האָבן מיר אינעם ניי־געוויילטן אַרבעטער־ראַט נאָך אַלץ באַקומען 45 מאַנדאַטן. נאָך דער באַלשעוויסטישער — איז די בונדישע פראַקציע געווען די שטאַרקסטע.

אויפן צוזאַמענפאָר פון די אַרבעטער־ראַטן פון ווייסרוסלאַנד און ליטע, ווערט געשאַפן אַ פעדעראַציע פון די צוויי סאָציאַליסטישע רע־פובליקן. איך ווער דאַן אויסגעוויילט פון „בונד" אַלס מיטגליד אין וו.צ.י.ק. — אַ ליטווישער און ווייסרוסישער אויספיר־קאָמיטעט פון די אַרבעטער־ראַטן.

אַ טעגלעכע בונדישע צייטונג

אין יאָר 1918 הייבט אָן דערשיינען די טעגלעכע בונדישע צייטונג „אונדזער שטימע" אונטער דער רעדאַקציע פון דר. מאַקס ווײַנרייך. די צייטונג איז אַן ערנסטע. עס אַרבעטן מיט ברוך כהן־ווירגילי, שפּעטער — אויך פּסח נאָוויק *).

די ווילנער אָרגאַניזאַציע פון „בונד" איז אין איר מערהייט קעגן דער ליניע פון דער צייטונג. אין ווילנער „בונד" האָט דעמאָלט געהערשט דער גייסט פון דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע, פון דער ראַטן־מאַכט. די צייטונג פאַרטיידיקט די ליניע פון דער מינדערהייט, די ליניע פון פּאַרלאַמענ־טאַריזם. זי איז פאַר דעמאָקראַטישע פאָרמען פון מלוכה־לעבן. דער קאָנ־פליקט — זייער אַן ערנסטער.

אָנהייב 1919 קומט קיין ווילנע וויקטאָר אַלטער. (מיר דוכט זיך, אַז ער איז דעמאָלט געקומען פון רוסלאַנד קיין פּוילן, פאַרבייפאָרנדיק ווילנע). אַלטער פאַרנעמט זיך צו ליקווידירן דעם קאָנפליקט. מאַקס ווײַנרייך, דער

*) אין יענער צייט איז פּ. נאָוויק אין „בונד" אַ רעכטער שבֿרעכטער. גע־קומען פון רוסלאַנד, אָנערקענט ער נישט די ראַטן־מאַכט. אויף אַ פּאַרטיי־פאַר־זאַמלונג אין ווילנער „בונד" וועגן דער פראַגע: „צווייטער" אָדער „דריטער" אינטערנאַציאָנאַל, טרעט נאָוויק אַרויס אויך קעגן „צווייטן". לויט נאָוויקן, איז דער צווייטער אינטערנאַציאָנאַל אַפילו צו לינק. אָפּגערעדט פונעם „דריטן". איצט איז נאָוויק דער רעדאַקטאָר פון ניו־יאָרקער „מאָרגן־פרייהייט".

רעדאַקטאָר, טענהט, אַז די צייטונג איז נישט אונטערגעוואָרפן דער שטע־לונג פון ווילנער „בונד“. „די צייטונג — האָט ער געזאָגט — איז דער אָרגאַן פון געגנט־קאָמיטעט, איז אין גייסט און אויף דער ליניע פון דער געגנט־קאָנפערענץ, אָפּגעהאַלטן אין 1918, וואָס נעמט אַרום אויך ביאַליסטאָק, גראָדנע און אַנדערע שטעט“. דער ווילנער קאָמיטעט איז נישט איינשטי־מיק מיטן ח׳ ווײַנרייך. מיר וואַרפן אָפּ די היפּאָטעזע, אַז די געגנט־אָר־גאַניזאַציעס זענען אידעאָלאָגיש און גייסטיק אַנדערש פון דער ווילנער אָרגאַניזאַציע.

וויקטאָר אַלטער מאַכט אַ פּשרה, אַז די צייטונג טיילט אויס אַ באַזונ־דער ווינקל פאַר אַרטיקלען, געשריבן אין גייסט פון די ווילנער.

זומער 1920, ווען דער ווילנער „בונד“ שפּאַלט זיך אויף ס.ד.־„בונד“ און לינקער „בונד“, גייט די צייטונג אַריבער צום לינקן „בונד“. איך ווער דער פאַראַנטוואָרטלעכער פאַר דער סאָוויעטישער מאַכט רעדאַקטאָר און דער לערער גאָלדשמידט — דער פאַקטישער רעדאַקטאָר אירער. אונטער דער נייער אַפּוטראָפּסות פון לינקן „בונד“, דערשיינט די צייטונג נאָר איין מאָל. אין דעם איינציקן נומער איז געדרוקט מיינער אַן אַרטיקל א.ב. אַ ווענד־פּונקט אין דער געשיכטע פון „בונד“. דאָס איז געווען נאָך דער שפּאַלטונג פון „בונד“ אין ווילנע.

11־טע קאָנפערענץ פון „בונד“

די עלפטע קאָנפערענץ פון „בונד“ קומט פאָר אין מערץ 1919 אין מינסק.

ס׳איז די צייט, ווען די באָלשעוויסטישע טויער שטעלן פאַר דער רו־סישער און אינטערנאַציאָנאַלער אַרבעטער־באַוועגונג אַ ריי פראַגן, אויף וועלכע זיי פאָדערן אַ קלאָרע תשובה. צווישן אַנדערע — די פּרינציפּיעלע פראַגע וועגן דער דיקטאַטור פון פּראָלעטאַריאַט.

אינערהאַלב דער אַרבעטער־באַוועגונג בכלל און אין „בונד“, באַזונ־דערס אין רוסלענדישן „בונד“ פירן זיך שאַרפע וויכוחים. די חילוקי־דעות מיידן אויך ניט אויס דעם ווילנער „בונד“. אין ווילנע הערשט דעמאָלט די סאָוויעטן־מאַכט און דאָס ווירקט אויך אויפן גאַנג פון די דעבאַטן.

פינף דעלעגאַטן האָט ווילנע רעכט צו שיקן צו דער קאָנפערענץ. עס ווערן אויסגעוויילט דריי פון לינקס: נחום נחומזאָן, יעקב וויינשטיין און יואל נאָוויקאָוו. פון רעכטס: ניסן פופס און שלמה קלייט. פאַר אונדז, ווילנער בונדיסטן, איז די קאָנפערענץ אַ וויכטיק געשעעניש. דורך פינף מלחמה־יאָרן געווען אָפּגעריסן פון רוסלענדישן „בונד", פון נאָענטע חברים. די רעוואָלוציע האָט געוועקט האָפענונגען אויף בעסערע צייטן, דאָס טרעפן זיך אויף דער קאָנפערענץ מיט אַלטע חברים... צו דער קאָנפערענץ פאָרן פון ווילנע אויך סתם געסט.

אויף דער קאָנפערענץ בילדן זיך אויס פראַקציעס: רעכטע פראַקציע מיט איסאַי אייזנשטאַדט־יודין אין שפּיץ; רעכטער צענטער — אַ פראַקציע פון א. ליטוואַק; לינקער צענטער, געפירט פון ירחמיאל וויינשטיין און אסתר פרומקין און די לינקע פראַקציע פון יאַנקל לעווין און אַלטער רומאַנאָוו.

אַרום די פּרינציפּן: דיקטאַטור פון פּראָלעטאַריאַט, רעוואָלוציאָנערער סאָציאַליזם אָדער דעמאָקראַטישער פּאַרלאַמענטאַריזם א"א פירן זיך שאַרפע דעבאַטן. די חילוקי־דעות שפּרייטן זיך אויס אויך אויף דער פראַגע: צווייטער, צי דריטער אינטערנאַציאָנאַל. אין מיין רעדע גרייף איך שאַרף אָן דעם סאָציאַליסטישן אינטערנאַציאָנאַל. דער פאָרזיצער, וויינשטיין, נעמט ביי מיר צו דאָס וואָרט. נחומזאָן האָט אין זיין וואָרט אָנגערופן דעם סאָציאַליסטישן אינטערנאַציאָנאַל — „שוואַרצער אינטערנאַציאָנאַל". אויף דעם האָט אים א. ליטוואַק געענטפערט:

— „אַ רעטאָנדע * — זאָגט ליטוואַק — קען זיין שוואַרץ, אָדער ווייס, אָבער נישט קיין אינטערנאַציאָנאַל". ליטוואַקס ווערטער רופן אַרויס הייטערקייט אויף דער קאָנפערענץ... נחומזאָן האָט אויף דעם מיט קיין וואָרט נישט רעאַגירט. עס ווערט אויסגעוויילט אַ צענטראַל־קאָמיטעט, צונויפגעשטעלט לויט די פראַקציעס. איך האָב געהערט צו דער לינקער פראַק־

* „אַ רעטאָנדע" — אַזאַ מאַנטל. אין יאָר 1904 קומט פאָר אין מינסקער וואַלד אַ געהיימע בונדישע פאַרזאַמלונג. פּאָליציי באַפאַלט די פאַרזאַמלונג. נחומזאָנען גיט זיך איין צו אַנטלויפן. אין שטאָט איז ער אַריין צו אַ חברטע, געכאַפּט איר רעטאָנדע און אַנטלאָפן אַהיים. דערפון זיין צונאָמען נחום „רעטאָנדע".

ציע. פון אונדזער פראַקציע קומען אַריין אין צענטראַל־קאָמיטעט יאַנקל לעווין און אַלטער רומאַנאָוו. יואל נאָוויקאָוו — אַלס קאַנדידאַט. אין אַלגעמיין שטייען די דעבאַטן אויף אַ געהעריקער הויך. אַלע זיצונגען זענען דורך אין אַ זייער ערנסטער שטימונג.

צום סוף פון דער קאָנפערענץ איז מען זיך אויך אַ ביסל משמח. ס'ווערן צוגעגרייט באַזונדערע פייערונגען לכבוד די דעלעגאַטן און געסט. ס'ווערן אַראַנזשירט ספּעציעלע טעאַטער־פאָרשטעלונגען, בונדישע ליאַמעס. איבער דער קאָנפערענץ שוועבט דער בונדישער גייסט... די פרייד איז אָבער נישט קיין פולע צוליב דעם, וואָס דער רוסישער „בונד" איז נאָך אַלץ אָפּגעשניטן פונעם פוילישן...

ערשטע געוויילטע קהילה אין ווילנע

אַ פּאָר חדשים איידער די דייטשן פאַרלאָזן ווילנע, קומט אויף ביי דער יידישער געזעלשאַפטלעכקייט דער געדאַנק פון וואַלן צו דער קהילה.

אין ווילנער „בונד" אַנטשטייען ספקות וועגן אונדזער אָנטייל אין דער קהילה. אין „בונד" רייפט שוין לאַנג דער געדאַנק וועגן באָיקאָט לגבי בירגערלעך־דעמאָקראַטישע אינסטיטוציעס, ווי למשל, דער פּוילישער סיים, די שטאָט־ראַטן, אַ פשיטא שוין, די קהילה, וועלכע איז לחלוטין נישט דע־מאָקראַטיש, אָן וואַל־רעכט פאַר פרויען אד"גל. דאָס איז געווען די מיינונג פון לינקס. די רעכטע האָבן געהאַלטן, אַז מיר דאַרפן יאָ גיין אין דער קהילה און אויסנוצן אונדזער מאַנדאַט אין די אינטערעסן פון דער אָרעמקייט, הגם די קהילה האָט ניט קיין געזעצלעכן סטאַטוט און אָבליגאַטאָרישן שטייער, ווערט פונדעסטוועגן באַשלאָסן אָנטיילצונעמען אין די וואַלן.

עס ווערט אויסגעקליבן אַ וואַל־קאָמיטעט. אַלע — סיי די רעכטע, סיי לינקע בונדיסטן — זענען אַקטיוו אין דער פאַרוואַל־קאַמפּאַניע. איך טרעט אַרויס אויף מיטינגען צווישן אַרבעטער, אין די שילן. אין שטאָט שאַפט זיך אָן אַטמאָספער פאַר אונדזער קאַנדידאַטן־רשימה. אין דער רשימה קאַנדידיר איך צווישן די ערשטע קאַנדידאַטן.

די לעצטע וואָכן פאַר די וואַלן ווערט אונדזער וואַל־אַגיטאַציע אָפּ־

געשוואַכט. די געשפּאַנטע פּאָליטישע סיטואַציע פון יענע טעג שוואַכט אָפּ אונדזער אַקטיוויטעט. ס'איז די צייט, ווען די דייטשן קלויבן זיך צו פאַרלאָזן ווילנע, ס'איז סוף אָקופּאַציע. דאָס פּראָבלעם פון אונדזער באַציאונג צו דער נייער מאַכט, וועלכע דאַרף ערשט קומען און מיר ווייסן נאָך נישט איר פּנים, ווי וועט זי אויסזען — דאָס אַלץ רופט אַרויס שאַרפע מיינונגס־פאַרשידנהייטן אין דער אָרגאַניזאַציע און איז גורם אַ פאַרנאַכ־לעסיקונג אין דער וואַל־אַגיטאַציע.

צום גליק גייט אָן די אַגיטאַציע פאַר אונדזערע קאַנדידאַטן אָן אונדז. עס פירן זי אונדזערע סימפּאַטיקער — מוטיקע, אומפּאַרטייאישע יידן. אונדזער רשימה טראָגט דעם נומער 4. אין טאָג פון די וואַלן שטייט קיין איינער ניט פון אונדזערע חברים ביי די אורנעס. עס טוען דאָס פאַר אונדז די דערמאָנטע סימפּאַטיקער. די ציוניסטן האָבן געפירט אַ שטאַרקע וואַל־קאַמפּאַניע — בעיקר קעגן „בונד".

דער רעזולטאַט פון די וואַלן איז אַן אומדערוואַרטער: אונדזער ליסטע באַקומט 24 ראַטמענער. פּונקט אַזויפיל — אויך 24, נאָך אַ גרויסן אָנשטרענג און אַקטיווער וואַל־קאַמפּאַניע, ציט די ליסטע פון די ציוניסטן.

אין דער קהילה הייבן זיך אָן שטורמישע זיצונגען, אונדזערע חברים פירן הייסע דעבאַטן וועגן דער קאָמפּעטענץ אירער.

מיר פאָדערן צו עלימינירן די רעליגיעזע באַדערפענישן פונעם קהילה־לעבן. די קהילה דאַרף טראָגן אַ וועלטלעכן כאַראַקטער. די ציו־ניסטן, צוזאַמען מיט די האַנטווערקער און רעליגיעזע זענען פאַר אַ רע־ליגיעזער קהילה. עס פירט זיך אַ קאַמף. אונדזערע חברים מאַקס וויינ־רייך (פונעם סעקרעטאַריאַט פון דער קהילה), שלמה קלייט (וויצע־פּאַרזי־צער) און ניסן פּופּס — אַלע דריי פעאיקע אָראַטאָרן, צייכענען זיך אויס אין זייער פּאָלעמיק מיט די בירגערלעכע ראַטמענער און רופן אַרויס אַל־געמיינעם אינטערעס צו די דעבאַטן און צו דעם קהילה־לעבן בכלל.

מיטן אַריינקומען פון דער סאָוויעטישער מאַכט קיין ווילנע, ווערט די קהילה־אַרבעט אָפּגעשוואַכט. די לינקע בונדיסטן טרעטן אַרויס פון איר און די קהילה ווערט אַזוי אַרום דעקאָמפּלעטירט.

די סאָוויעטן־מאכט פאַרלאָזט ווילנע

אין אַפּריל 1919, נאָך אַ הפסקה פון 4 חדשים קומען די פּוילישע לעגיאָנערן ווידער קיין ווילנע. די זעלבע אייזנבאַנער, וואָס די באָלשע־וויקעס האָבן זיי געשיקט אין די אַרבעטער־ראַטן, ברענגען די לעגיאָנערן פון וואַרשע. אויף די גאַסן פון שטאָט הייבט זיך אָן אַ שלאַכט, וועלכע דויערט דריי טעג. די סאָוויעטן טרעטן אָפּ. ווילנע ווערט פאַרנומען דורך די פּאָליאַקן. אַריינגייענדיק אין שטאָט, שיסן די לעגיאָנערן צו פרידלעכע, אומשולדיקע יידן. טויזנטער יידישע יוגנטלעכע ווערן אַרעסטירט, צע־שלאָגן און אַרויסגעפירט אין די קאָנצענטראַציע־לאַגערן אין פּוילן. צענט־ליקער יידן ווערן פאַרשיקט קיין לידע, ווו זיי דאַרפן דערשאָסן ווערן. צווישן אַנדערע ווערט אויך פאַרשיקט קיין לידע דער ליטעראַטור־קריטי־קער שמואל ניגער, דער שרייבער לייב יפה און אונדזער חבר — מיטגליד פונעם ווילנער קאָמיטעט פון „בונד" — לייבל וויינשטיין. אַדאַנק די באַמי־אונגען פון די ווילנער עסקנים ד"ר צמח שאַבאַד און הרב רובינשטיין, וועל־כע זיינען ספּעציעל אַרויסגעפאָרן קיין לידע וועגן דעם ענין ווערן די דערמאָנטע: ניגער, יאָפע און וויינשטיין אָפּגעראַטעוועט פון אַ זיכערן טויט.

די צייט ברענגט פונדעסטוועגן אַ געוויסע סטאַביליזאַציע. דער „בונד", צופּאַסנדיק זיך צו די נייע באַדינגונגען פירט ווייטער זיין טעטיקייט.

מיר הייבן אָן מיט אָרגאַניזאַציאָנעלער אַרבעט. מיר אָרגאַניזירן פּראָדוציר־קאָאָפּעראַטיוון פון סטאָליערעס, שוסטערעס, פון איינבינדערעס, דרוקער, שניידער א"א. דער אינזשיניער חבר אָקון איז הויפּט־דירעקטאָר פון די קאָאָפּעראַטיוון. איך — דער פאַרוואַלטער פונעם סטאָליער־קאָאָפּעראַטיוו.

די קאָאָפּעראַטיוון אַנטוויקלען זיך ניט שלעכט. די ערשטע צייטן העלפן אונדז פינאַנסיעל: דער „דזשאָינט" און די קרעדיט־צענטראַלע אין וואַרשע. די קהילה העלפט אונדז מיט אַרבעט. מיר פלעגן רעמאָנ־טירן די געזעלשאַפטלעכע געביידעס, וואָס זענען אונטער איר רשות. די קאָאָפּעראַטיוון זענען געווען אַ קוואַל פון פּרנסה פאַר עטלעכע הונדערט יידישע אַרבעטער מיט זייערע משפחות. זיי האָבן עקזיסטירט אַ לענגערע צייט.

12־טע קאָנפערענץ פון „בונד“ אין מאָסקווע

אין אַפּריל 1920, אין יאָר פון דער פויליש־רוסישער מלחמה, באַקום איך אַן איינלאַדונגס־בריוו פון ירחמיאל וויינשטיין צו דער 12־טער קאָנ־פערענץ פון „בונד“. די קאָנפערענץ קומט פאָר אין חודש מאַי אין מאָס־קווע. ער שרייבט מיר, אַז גענויע אינפאָרמאַציעס וועלן מיר געבן די חברים אין מינסק. די ווילנער אָרגאַניזאַציע האָט צוגעשטימט. גלייכ־צייטיק ווערט באַשטימט, אַז ח' שלמה קלייט פאָרט צו דער קאָנפערענץ פון פוילישן „בונד“, וואָס קומט פאָר אין קראָקע. ווילנע און מינסק זענען דאַן געווען אונטער פוילן. איך באַקום די דערלויבעניש פון דער פוילישער פּאָליציי צו פאָרן קיין מינסק.

אין מינסק אינפאָרמירט מיך ח' ד״ר קאַמינסקי, אַז איך מוז פאָרן ביז נאָך באָריסאָוו (עטלעכע קילאָמעטער פון באָריסאָוו איז געשטאַנען דער פויליש־רוסישער פראָנט). פון דאָרטן וועט מען מיך אַריבערפירן אויף דער רוסישער זייט. ד״ר קאַמינסקי גיט מיר אַ בריוו פון „אָזע“, אַז איך פאָר קיין באָריסאָוו אין די אינטערעסן פון דער געזעלשאַפט „אָזע“.

אין דער באָריסאָווער אכסניה באַקום איך די געהעריקע פאָרבינ־דונג. — אַ יונג מיידל דאַרף מיך צופירן צו דער בריק, דורך וועלכער איך דאַרף אַריבערגיין אויף דער רוסישער זייט. אויף דער בריק שטייט אַ פויליש־מיליטערישער פּאַטרול. איך ווייז מיינע פּאַפּירן. מען פירט מיך אין דער קאָמענדאַנטור (מיינע אומלעגאַלע פּאַפּירן, נייטיקע פאַר דער רוסישער זייט, האָב איך באַוויזן אָפּצושטעקן דעם מיידל, וועלכע האָט מיך באַדאַרפט אַריבערפירן). דאָס מיידל האָט מען נישט פאַרהאַלטן און זי איז אַוועק. אין קאָמענדאַנטור הייבט זיך אָן די אויספאָרשונג. כ'האָב געהאַט אַ ווילנער פוילישן פּאַספּאָרט און אַ בריוו פון „אָזע“. די אויספאָרשונג פאַרציט זיך. מען פאָרשט מיך טאָג און נאַכט: מען פייניקט מיך. מען דראָט מיך. מען שטעלט מיך צום „וועגטל“. ניט אַנ־דערש, נאָר איך בין אַ סאָוויעטישער שפּיאָן... איך האַלט זיך ביי ס'מיי־ניקע: איך בין געשיקט צום באָריסאָווער „אָזע“ אויף אַרבעט. נאָך לאַנגע וואָכן מאַטערנישן, שיקט מען מיך לסוף צוריק קיין ווילנע. אַדאַנק אָנגע־שטרענגטע באַמיאונגען פון ווילנער חברים, ווער איך באַפרייט, נאָך פינף חדשים אָפּזיצן אין לוקישקער תפיסה.

דער מיטגליד פון צ. ק. פון „בונד" אַלטער רומאַנאָוו ווערט אַרעס־טירט אויף זיין צוריקוועג פון דער קאָנפערענץ. נאָך שרעקלעכע עינויים באַפרייט מען אים אין מינסק.

די 12־טע קאָנפערענץ גייט דורך אונטערן צייכן פון דער היסטאָרי־שער שפּאַלטונג. דער „בונד" שפּאַלט זיך אויף „קאָמבונד" (קאָמוניסטישן „בונד) און „ס. ד.־„בונד". דער „קאָמבונד" נעמט אָן דעם פּראָגראַם און טאַקטיק פון דער רוסלענדישער קאָמוניסטישער פּאַרטיי, פּאַרהאַלטנדיק זיין זעלבשטענדיקייט אין ענינים פון אָרגאַניזאַציע, אַגיטאַציע און פּראָ־פּאַגאַנדע. די פירער פון „קאָמבונד" זענען: ירחמיאל וויינשטיין, אסתר פרומקין און משה ליטוואַקאָוו (דער געוועזענער פירער פון די „פּאַראיי־ניקטע", מיט וועלכע דער „בונד" האָט זיך פּאַראייניקט). מיט דער גרופּע ס.ד.־„בונד" פירן אָן: ר. אַבראַמאָוויטש, איסאַי אייזענשטאַדט־יודין און א. ליטוואַק.

וו. מעדעם אין ווילנע

אַ געשעעניש פון גרעסטן אינטערעס איז געווען דאָס קומען פון וולאַדימיר מעדעם קיין ווילנע. ער קומט האַלטן אַ רעפעראַט פאַר זיין אָפּפאָרן קיין אַמעריקע. ער קומט זיך געזעגענען מיט זיינע חברים און פריינד — מיט זיינע אָנצאָליקע פאַרערער נאָך פון די יאָרן 1905—1906. זינט יענער צייט איז ער נאָך ניט געווען אין ווילנע — אין יענער ווילנע, מיט וועלכער ס'איז פאַרבונדן זיין רומרייכע טעטיקייט אין „בונד" — דער גלאַנץ־פּעריאָד פון זיין לעבן.

דער גרויסער ווילנער שטאָט־זאַל איז איבערפולט. פיל מענטשן שטייען. אַנדערע גייען אַוועק אַנטוישטע, נישט קענענדיק געפינען קיין פּלאַץ אפילו צום שטיין. ווילנע איז געקומען הערן און זען וולאַדימיר מעדעם: די אַרבעטערשאַפט; די בלום פון דער ווילנער אינטעליגענץ: לערער; שרייבער; רעדאַקטאָרן. מיר איז אויסגעפאַלן דער כבוד צו עפע־נען דעם מעדעם־אָוונט. ווען מעדעם באַווייזט זיך אויף דער בינע, ברעכט אויס אין זאַל אַ שטורעם פון אַפּלאָדיסמענטן. די אַפּלאָדיסמענטן חזרן זיך איבער נאָך מיין באַגריסן דעם גאַסט אין נאָמען פון „בונד", פון דער

אַרבעטערשאַפט און פון דער גאַנצער יידישער באַפעלקערונג אין ווילנע. ווען איך גיב איבער דאָס וואָרט מעדעמען — ווידער דאָס אייגענע: אַפּלאָדיסמענטן. די טעמע פון זיין רעפעראַט: „די יידישע אַרבעטער און די יידישע אינטעליגענץ". סיי דער אינהאַלט, סיי די פאָרם — פון העכסטן אינטערעס, ממש אַ סימפאָניע פון אָראַטאָרישער קונסט. ער פאַרענדיקט דעם רעפעראַט מיט פערזן פון י. ל. פּרצס „די גאָלדענע קייט":

„מיר יידן שבת־יומטובדיקע,
מיר יידן שטאָלצע,
מיר בעטן נישט, מיר בעטלען נישט,
מיר נשמה־יתרהדיקע יידן.
זינגענדיק און טאַנצנדיק גייען מיר צו אונדזער ציל".

„נישט שיר־השירים זינגען מיר,
נאָר די בונדישע שבועה..."

אַפּלאָדיסמענטן. גרויס באַגייסטערונג.

צומאָרגנס האָבן מיר געהאַט אַ געזעגענונגס־באַנקעט. דער בונדישער אַקטיוו געזעגנט זיין פירער. דער באַנקעט קומט פאָר אין הויז פון ד"ר אימאַניטאָוואַ — די שוועסטער פון פאַטי קרעמער. רעדעס. באַגריסונגען פון טיפן האַרצן פאַר דעם באַליבטן פירער. מעדעם איז גערירט. אין זיין געזעגענונגס־וואָרט דריקט מעדעם אויס אויף אַן אינטימען אופן זיינע געפילן — אין אָנבליק פון די שטאַרקע מיינונגס־פאַרשידנהייטן, וועלכע עקזיסטירן צו יענער צייט אין „בונד". ער רופט אויפצוהאַלטן די אייני־קייט פון „בונד" און פאַרענדיקט מיט די ווערטער: „זאָל זיין אַ לינקער „בונד", זאָל זיין אַ רעכטער „בונד", אַ „בונד" זאָל זיין! היט די גרויסע ירושה פון „בונד"!"

די דאָזיקע ווערטער רירן אַלעמען ביז טרערן, ביז די טיפסטע טי־פענישן פון דער נשמה. מ'האָט געפילט בחוש, אַז דאָס רעדט צו אונדז די לעבעדיקע לעגענדע פון „בונד". ס'איז געווען אַ האַרציקע געזעגענונג.

איצט קאָן מען שוין זאָגן, אַז מעדעם איז געווען פון די איינציקע אין „בונד", וועלכע האָבן באַנומען און געקאָנט דעם כאַראַקטער פון באָל־שעוויזם, וועלכע פיל פון „בונד" האָבן ניט באַנומען און ניט פאַרשטאַנען,

בתוכם אויך דער שרייבער פון די שורות. איך אָנערקען דאָס נאָך לאַנגע יאָרן פון איבערלעבונגען און פון שטודירן דעם באָלשעוויזם.

שפּאַלטונג אין ווילנער „בונד"

פרילינג 1920 הייבן אָן די באָלשעוויקעס אַן אָפענסיווע אויף פּוילן. אין יולי דעם זעלבן יאָר פאַרנעמט די רויטע אַרמיי ווילנע. קיין אַר־בעטער־ראַט קלייבט מען מער ניט. עס הערשט דער רעווקאָם (רעוואָלו־ציאָנערער קאָמיטעט) און דער צ. ק. פון לינקן „בונד". אין רוסלאַנד, ווי שוין אויבן באריכות דערציילט, איז דער „בונד" געווען שוין גע־שפּאָלטן אויף „קאָמבונד" און ס. ד.־„בונד".

אין די פאַרנומענע דורך דער רויטער אַרמיי שטעט, שיקט דער צ. ק. פון לינקן „בונד" אַריין זיינע שליחים, וועלכע פירן דורך דעם א. ג. „אָנשלוס" ד. ה., די ליקווידאַציע פון די אַנדערע טיילן פון „בונד" לטובת דעם „קאָמבונד". געוויינלעך ווערט עס געמאַכט אויף אַ דעמאָ־קראַטישן אופן, דורך אַ פאַרזאַמלונג פון אַלע טיילן „בונד", אויף וועלכער אַלע זאָגן זיך „פרייוויליק" אַרויס פאַרן לינקן „בונד". מצד דעם צ.ק. פון „קאָמבונד" ווערט קיין ווילנע געשיקט ירחמיאל וויינשטיין און פון דעם ס. ד. „בונד" — עליע כייקינד. דער ווילנער קאָמיטעט פון „בונד" רופט אַ פאַרזאַמלונג פון זיינע מיטגלידער צו באַשליסן וועגן דער פראַגע „אָנשלוס".

ירחמיאל וויינשטיין פאַרטיידיקט אין זיין רעפעראַט די באַשלוסן פון דער 12־טער קאָנפערענץ אין מאָסקווע, רופט צו אָנערקענען די רעזאָלוציעס אירע, אין וועלכע ס'איז געזאָגט, אַז דער „בונד" נעמט אָן דעם פּראָגראַם פון דער רוסלענדישער קאָמוניסטישער פּאַרטיי. איך ווער אויסגעקליבן אַלס פאָרזיצער פון דער פאַרזאַמלונג. וויינשטיינס רע־פעראַט רופט אַרויס שטורמישע דעבאַטעס. ער האָט אָנגעטראָפן אויף שאַרפע קעגנער, ווי יצחק כאַרלאַש, אינזש. ישראל אַקון א"א. עליע כיי־קינד פאַרטיידיקט די רעזאָלוציע פון ס.ד.־„בונד". די דעבאַטן דויערן אַ גאַנצע נאַכט. 5 אַזייגער אינדערפרי טרעט מען צו צו דער אָפּשטימונג. די רעזאָלוציע פון „קאָמבונד" באַקומט צוויי דריטל שטימען פון דער אַלגעמיינער פאַרזאַמלונג. און די איבעריקע — דער ס.ד.־„בונד". די

שפּאַלטונג פון ווילנער „בונד“ איז אַ געשעענער פאַקט. איך האָב זיך אָנגעשלאָסן אינעם לינקן „בונד“. דער לינקער „בונד“ קלייבט אויס אַ קאָמיטעט, וועלכער פירט אָן ווייטער מיט דער אַרבעט. דער לאָקאַל פון ווילנער „בונד“ בלייבט ביי אונדז.

אין דער זעלבער צייט רופט דער קאָמיטעט פון לינקן „בונד“ אַ מי־טינג, אויף וועלכן ירחמיאל ווײַנשטיין און איך קלערן אויף די שטעלונג און די באַשלוסן פון לינקן „בונד“. מיר נעמען אויך איבער די פּאַרטיי־צייטונג „אונדזער שטימע“. ווי שוין פריער דערמאָנט, דערשיינט די צייטונג בלויז נאָך איין מאָל און אין דעם דאָזיקן לעצטן נומער איז געווען אָפּגעדרוקט מיינס אַן אַרטיקל. כ׳בין אויך געווען דער פּאַר דער מאַכט פאַראַנטוואָרטלעכער רעדאַקטאָר פון דעם ערשטן און לעצטן נומער — אונטער דער אפּוטרופּסות פון „קאָמבונד“.

ליטווישע מאכט אין ווילנע – איך ווער ארעסטירט

די סאָוויעטן־מאַכט בלייבט אין ווילנע זייער קורץ. די אָפּענסיווע פון פּוילישן גענעראַל זשעליגאָווסקי מיט זיין אַרמיי פאַרטרייבט זיי ביז מינסק. נאָר קיין ווילנע קומען די פּאָליאַקן ניט אַריין. לויט אַ ליטוויש־סאָוויעטישן אָפּמאַך, ווערט ווילנע אָפּגעגעבן צו ליטע. די קאָוונער ליט־ווישע אַרמיי פאַרנעמט ווילנע. נאָך דעם זעלבן טאָג באַפאַלט די ליט־ווישע פּאָליציי דעם בונדישן קלוב און אַרעסטירט דאָרט אַלע אָנוועזנ־דיקע (בערך דרייסיק מאַן). כ׳בין אויך צווישן די אַרעסטירטע. איך באַוויז נאָך אָפּצושטעקן מיין רעוואָלווער ביי דער פאַרוואַלטערין פון קלוב. מען פירט מיך אין לוקישקער טורמע, וווּ איך בלייב אַ לאַנגע צייט אָן אויספאַרשונג.

אין איינעם אַ טאָג פאַרטרייבט דעם פּוילישן גענעראַל זשעליגאָווסקיס אַרמיי די ליטווינער און באַזעצט ווילנע. זשעליגאָווסקי קומט כלומרשט ניט אָנשליסן ווילנע צו פּוילן, נאָר שאַפן אַ „מיטלליטע“.

נאָך געציילטע חדשים שליסט ווילנע זיך אָן צו פּוילן. איך פאַר־בלייב אין תפיסה אַזוי לאַנג, ביז די ליטווינער פאַרלאָזן די שטאָט. ערשט מיטן אַנטלויפן פון די ליטווינער, ווער איך באַפרייט. איך באַשליס צו פאַרלאָזן ווילנע און גיין קיין קאָוונע. יידן האָבן זיך געשראָקן פאַר

די פּאָליאַקן. זיי האָבן גוט פּאַרגעדענקט די פּוילישע רציחות נאָך פון יאָר 1919, ווען די פּאָליאַקן האָבן צום ערשטן מאָל פאַרנומען ווילנע. כ׳באַוויז נאָך צו קומען אַ היים זיך געזעגענען מיט דער משפחה און לאָז זיך אין וועג אַריין.

אַרויסגייענדיק צופוס פון ווילנע, טרעף איך שוין טויזנטער יידן פּליטים. אַלץ ציט קיין קאָוונע. בונדיסטן האַלטן זיך צוזאַמען. מיר שניידן דורך מיישעגאלע, שירווינט. הינטער ווילקאָמיר קומען אונדז אַנטקעגן פורן, ארויסגעשיקטע פאַר אונדז דורך דער ווילקאָמירער קולטור־ליגע. מיר קומען אָן קיין ווילקאָמיר מידע, פאַרמאַטערט פון שווערן וועג. די אָרטיקע חברים נעמען אונדז אויף זייער שיין. מיר רוען זיך דאָרט גוט אויס.

אין עטלעכע טעג אַרום קומען מיר קיין קאָוונע. אין בונדישן קלוב האָט מען אונדז שוין אָפּגעוואַרט, צוגעגרייט פאַר אונדז טיי און איבער־צובייסן. בכלל נעמט מען אונדז אין קאָוונע אויף ווי חברים. מיר ווערן אויסגעהאַלטן אויפן חשבון פון קאָוונער אַרבעטער־קאָמיטעט. מען באַ־זאָרגט אונדז מיט עסן, מיט נאַכטלעגער. אַ טייל ווערט איינגעאָרדנט פּריוואַט, אַנדערע — אין קלוב.

צוקאָאָפּטירט צום הויפּט־קאָמיטעט פון „בונד" אין ליטע

קאָוונע איז געוואָרן אַ פּליטים־צענטער, באַזונדערס פאַר פּליטים בונדיסטן. איך טרעף דאָרט אַקטיווע בונדישע טוער פון ביאַליסטאָק, פון גראָדנע און אַנדערע שטעט. געווען אויך אַקטיוויסטן פון ווילנע: שלמה קלייט, יוסף ציפּקין, לייוויק האַדעס. איך און האַדעס ווערן גלייך צוקאָאָפּטירט צום הויפּט־קאָמיטעט פון „בונד" אין ליטע. דער ליטווי־שער „בונד" האָט זיך געהאַלטן אידעאיש פאַר אַ טייל פון רוסלענדישן „בונד". נישט געקוקט אויף דעם, וואָס ליטע מיט רוסלאַנד זענען צע־טיילט געווען דורך באַזונדערע מלוכה־רעזשימען, האַלט זיך דער „בונד" אין ליטע אידעאיש און פּאָליטיש פאַר אַ באַשטאַנדטייל פון רוסישן „בונד". די בונדישע אָרגאַניזאַציעס אין ליטע זיינען געווען דורכגעדרונגען מיט „לינקיזם".

דער הויפּט־קאָמיטעט טיילט צו אַרבעט פּאָר די פּליטים אַקטיוויסטן. אייניקע צו דער קולטור־ליגע אין קאָוונע און אויף דער פּראָווינץ. אַנ־דערע — אין אַרבעטער־הילפס־קאָמיטעט. עס ווערן געעפנט קיכן פאַר די פּליטים. מיך — באַשטימט דער הויפּט־קאָמיטעט ווי זיין סעקרעטאַר־פונקציאָנאַר. מיין אויפגאַבע באַשטייט צווישן אַנדערע צו באַזוכן די פּאַר־טיי־אָרגאַניזאַציעס אויף דער פּראָווינץ. כ'האָב טאַקע באַזוכט די בונדישע אָרגאַניזאַציעס אין פּאָנעוועזש, שאַוול, ווילקאָמיר, טעלזש, וואָלקאָוויסק א"א. די בונדישע אָרגאַניזאַציעס אין ליטע זענען שטאַרק אַקטיוו. פאַר־פונדעוועט, מיט מוסטערהאַפטע קלובן, מיט דראַמאַטישע סעקציעס, ליב־האָבער־טרופּעס, כאָרן, ליטעראַרישע פאַראַנשטאַלטונגען, מיט קולטור־ליגעס און ביבליאָטעקן. דער הויפּט־קאָמיטעט העלפט־מיט דער אָנפי־רונג פון די יידישע פאָלקס־שולן אין ליטע. עס דערשיינט ביים הויפּט־קאָמיטעט אַ חודש־זשורנאַל, אין וועלכן ס'ווערן אָפּגעשפּיגלט יענע אַלע פראַגן און פּראָבלעמען, וואָס נורטעווען די באַוועגונג.

אויפן פּלענום פון צ. ק. אין מאָסקווע

אין נאָוועמבער 1920 ווער איך דעלעגירט צום פּלענום פון רוס־לענדישן צענטראַל־קאָמיטעט פון „בונד" אין מאָסקווע ווי דער שליח פון הויפּט־קאָמיטעט פון „בונד" אין ליטע. איך דאַרף אינפאָרמירן דעם פּלענום וועגן דער אידעאיש־פּאָליטישער איינשטעלונג פון „בונד" אין ליטע. איך דאַרף אויך אינפאָרמירט ווערן וועגן מצב פון „בונד" אין רוסלאַנד, זיין שטעלונג צו פאַרשיידענע פראַגן פון דער אַרבעטער־באַוועגונג, וועלכע שטייען אויפן סדר־היום פון יענער צייט.

דורכגעמאַכט אַ שווערן וועג, שלעפּנדיק זיך אין נישט־באַהייצטע וואַגאָנעס. ס'איז געווען אין נאָוועמבער און ס'זענען שוין געשטאַנען שטאַרקע פרעסט. מיט אונדז פאָרן אויך געוועזענע סאָלדאַטן, וואָס קערן זיך אום פון געפאַנגענשאַפט קיין רוסלאַנד, יידישע און רוסישע פּליטים פון דער מלחמה־צייט, אויך פּאָליטישע עמיגראַנטן פון די יאָרן 1905—6, וועלכע קערן זיך אום פון אייראָפּע און אַמעריקע אין באַפרייטן היימלאַנד. מיר זענען געפאָרן דורך לאַטוויע. אויף די רוסישע הויפּט־וואָקזאַלן באַגעגנט מען אונדז מיט רעדעס, באַגריסונגען. מיר זענען מיד, אויסגע־

שעפּט פון דער לאַנגער רייזע, אָבער — ביי זיך. רוסלאַנד. זכרונות. אי־בערלעבונגען פון אַמאָל. און מ׳איז דאָך דורכגעדרונגען מיטן נייעם גייסט, מיט די פרישע ווינטן, וואָס בלאָזן פון דאַנען איבער דער גאַנצער וועלט. ערשט אין מאָסקווע: כ׳בין דאָך דער גאַסט פון צענטראַל־קאָמיטעט. מען נעמט מיך אויף וואַרעם, מיט פרייד.

אין סעקרעטאַריאַט פון צ. ק. געפין איך, ווי דעם טעכנישן סעקרע־טאַר זיינעם, דעם ח׳ שאַפּיש — אַ ביאַליסטאָקער אַקטיוויסט פון „בונד״. איך ווער אַרומגענומען מיט אַ פריינדשאַפטלעכער, וואַרעמער אַטמאָס־פער. אין עטלעכע טעג אַרום אויפן פּלענום — אַלץ אַלטע באַקאַנטע. מען באַגריסט זיך. מען פרעגט זיך נאָך אויף חברים, אויף פריינד.

עס הייבט זיך אָן דער פּלענום. ירחמיאל וויינשטיין עפנט די ערשטע זיצונג. ער רעדט וועגן דער פּאָליטישער לאַגע אין דער וועלט און אין לאַנד, אין דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי אין רוסלאַנד, פאַרבונדן מיטן „קאָמבונד״. דער גענעראַל־סעקרעטאַר, ראַשקעס (פון די געוועזענע „פאַר־אייניקטע״) גיט אָפּ אַ באַריכט פון דער פּראַקטישער און אָרגאַניזאַציאָ־נעלער אַרבעט פון דער פּאַרטיי. אינגיכן קומט מיין ריי.

איך באַקום דאָס וואָרט ווי דער פאַרשטייער פון ליטע. איך באַגריס דעם פּלענום אין נאָמען פון הויפּט־קאָמיטעט אין קאָוונע. כ׳גיב אָפּ אַ באַריכט פון די בונדישע אָרגאַניזאַציעס אין ליטע. „דער ליטווישער „בונד״ — זאָג איך — האַלט זיך סיי אידעאיש, סיי פּאָליטיש פאַר אַ טייל פון רוסלענדישן „בונד״. די באַשלוסן פונעם רוסלענדישן „בונד״ זענען גילטיק אויך פאַרן „בונד״ אין ליטע און ווערן טאַקע פרייוויליק אויס־געפירט דורך אַלע בונדישע אָרגאַניזאַציעס. אויך אָרגאַניזאַציאָנעל האַלטן מיר זיך פאַר אַ באַשטאַנדטייל פון רוסלענדישן „בונד״.

מיין באַריכט ווערט אויסגעהערט פון אַלעמען מיט גרויס אינטערעס. מיטן שטעלן מיר אַ ריי פראַגן און מיט מיינע ענטפערס איז דער טייל פונעם פּלענום פאַרענדיקט.

מען טרעט צו צום וויכטיקן פּונקט פון דער טאָג־אָרדענונג: „פאַראייניקונג מיט דער רוסלענדישער קאָמוניסטישער פּאַרטיי״. וויינ־שטיין גיט אָפּ אַ באַריכט וועגן די אונטערהאַנדלונגען מיט דער קאָמוניס־טישער פּאַרטיי פון רוסלאַנד וועגן אַריינגעמען דעם „בונד״ ווי אַ זעלבסט־שטענדיקע אָרגאַניזאַציע, וועלכע איז טעטיק אויפן געביט פון אַגיטאַציע

און פראָפּאַגאַנדע צווישן די יידישע אַרבעטער. „די קאָמפּאַרטיי — זאָגט ווייטער ווײַנשטיין — זאָגט זיך אָפּ אָנצונעמען דעם בונדישן פאָרשלאָג". ער, ווײַנשטיין און אסתר פרומקין לייגן דעריבער פאָר צו רופן אויף מערץ אַ קאָנפערענץ אין מינסק, וועלכע וועט דאַרפן באַשליסן די פראַגע וועגן דער פולער פאַראייניקונג (דאָס הייסט: „אַנשלוס"... די פאַקטישע ליקווי־דאַציע פון „בונד" — י. נ.) מיט דער רוסלענדישער קאָמפּאַרטיי.

עס הייבן זיך אָן שאַרפע וויכוחים. עס בילדעט זיך אויס אַ מינ־דערהייט, וועלכע וואַרפט קאַטעגאָריש אָפּ דעם פאָרשלאָג פון פאַראייניקן זיך מיט דער קאָמפּאַרטיי. עס ווערט באַשלאָסן איבערצוגעבן דעם ענין צום אויספיר־קאָמיטעט פון „קאָמינטערן", ד. ה.: דער אויספיר־קאָמיטעט דאַרף באַשליסן, צי דער „בונד" בלייבט אַ זעלבשטענדיקע פּאַרטיי. מיט דעם שליסט זיך דער פּלענום פון צענטראַל־קאָמיטעט פון „בונד".

אויף אַ צוזאַמענפאָר פון די ארבעטער־ראַטן אין מאָסקווע

אין מאָסקווע האָב איך נאָך פאַר דעם פּלענום אַ נאַש־געטאָן פון די דאָרטיקע רייכע קולטור־פאַראַנשטאַלטונגען, קונסט־מערקווירדיקייטן. באַזוכט טעאַטערס, מוזעאומס, לעקציעס, רעפעראַטן אדג"ל. אין יענער צייט קומט פאָר אין זאַל פונעם גרויסן מאָסקווער קונסט־טעאַטער („באָל־שאָי") אַן אַלרוסלענדישער צוזאַמענפאָר פון די אַרבעטער־ראַטן.

ירחמיאל ווײַנשטיין באַזאָרגט מיך מיט אַן אריינטריטס־קאַרטע, ווי דער קאָרעספּאָנדענט פון מינסקער „וועקער". אין צוזאַמענפאָר נעמען אָנטייל עטלעכע טויזנט דעלעגאַטן פון גאַנץ רוסלאַנד. אין דער קאָרעס־פּאָנדענטן־לאָזשע זיצן זעכציק מאַן בערך. מ'האָט געזען און געהערט אַלעמען. אונדזער לאָזשע שטייט נאָענט צו דער טריבונע. כ'האָב זיי גוט אָבסערווירט די פירער פון דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע. לענין רעפע־ר'רט וועגן דער אינערן־ און אויסערן־פּאָליטיק פון דער ראַטן־מלוכה. ס'איז די צייט, ווען ס'איז נאָך דערלויבט אָפּאָזיציע. געוועזן אין זאַל אַ קליינע פראַקציע מענשעוויקעס. אין איר נאָמען טרעט אַרויס פיאָדאָר דאַן־גורעוויטש. ער ווייזט אָן, אַז מיט דער פּאָליטיק פון סאָוויעטן־פאַר־באַנד פירט אָן נישט דער צענטראַל־קאָמיטעט פון דער פּאַרטיי, נאָר

די „טשעקאַ" ד. ה. אַן אויסערגעוויינלעכע קאָמיסיע אין קאַמף קעגן קאָנטער־רעוואָלוציע און ספּעקולאַציע. נאָך איינער — פון דער אָפּאָזיציע פון די רעכטע „עסערן" — רעדט וועגן טעראָר פון דער „טשעקאַ", וואָס ווערט פּראַקטיצירט אין גאַנץ רוסלאַנד. די גרויסע מאַסע דעלעגאַטן הערט זיך גוט איין צו די רעדעס פון דער אָפּאָזיציע. לויטן רעגולאַמין האָט פּיאַדאָר דאַן געהאַט צייט צו רעדן 15 מינוט. דער פאָרזיצער — קאַלינין — גיט אים פון זיין זייט נאָך 15 מינוט. דאַן קאָן אָבער אַלץ נישט ענדיקן. קאַלינין בעט דעריבער ביי די פאַרזאַמלטע אין זאַל די הסכמה צו געבן אים נאָך 15 מינוט. אַ וואָרט צו אַן ענטפער נעמט לענין. מיט דעם כאַראַקטעריסטישן פאַר לענינען מרוזשען אַן אייגל רעדט ער קאַלט, אַן באַזונדערן אָראַטאָרישן גלאַנץ, אָבער גלייך צום אינסטינקט פון דער מאַסע. מיט דינער איראָניע און געשייט־דיסקרעטן חוזק אַפילו...

— „פּיאַדאָר דאַן — זאָגט לענין צווישן אַנדערן — רעדט ניט פאַרן צוזאַמענפאַר, נאָר פאַר דער קאַפּיטאַליסטישער פּרעסע אין אויסלאַנד. ער זאָגט, אַז די „טשעקאַ" הערשט איבער דער סאָוויעטנמאַכט. ווי קען עס זיין — פרעגט לענין אַ קלאָץ־קשיא — די „טשעקאַ" באַשטייט פון געציילטע מענטשן און דער צ. ק. פון פיל צענדליקער חברים"...

טראָצקי גיט אָפּ אַ באַריכט פון בירגער־קריג. ער רעדט וועגן קאַמף פון דער רויטער אַרמיי קעגן די ווייסע אַרמייען פון די פאַרשידענע צאַרישע גענעראַלן. עס רעדן נאָך טשיטשערין, לונאַטשאַרסקי א"א. יעדער רעדט פון זיין רעסאָרט. ס'איז די צייט נאָך פון פאַר דעם סטאַלין־טעראָר, ווען ס'האָבן נאָך עקזיסטירט געוויסע פרייהייטן.

* * *

אין דער צייט פון דער דאָזיקער מאָסקווער קאָנפערענץ פון רוסלענדישן „בונד", האָב איך זיך פאַרבענקט נאָך מיין מוטער, וועלכע איך האָב שוין נישט געהאַט געזען אַ לענגערע צייט. כ'האָב גענומען אַ דערלויבעניש אין מאָסקווער „טשעקאַ" צו פאָרן אין האָרקי אויף צען טעג. עס זאָגט זיך בלויז אַזוי „גענומען אַ דערלויבעניש", כ'בין אָפּגעשטאַנען אַ גאַנצן טאָג אין ריי נאָך איר. די נסיעה און די צען טעג אין האָרקי זיינען געווען פאַר מיר אַ גרויסע איבערלעבונג: פאַר דער צייט פון דער מלחמה, פון דער רוסישער רעוואָלוציע און פון בירגער־קריג —

פאַר דער גאַנצער צייט פון דער דייטשער אָקופּאַציע פון ווילנע — בין איך אָפּגעריסן פון דער משפחה, פון קרובים, פון חברים...

מיין מוטער טרעף איך אין דער זעלבער דירה פון דעמזעלבן קליי־נעם הויז. דער סטאָליער־וואַרשטאַט איז שוין ניט געווען. מיר האָבן זיך זייער דערפרייט: טרערן, פרייד און איבערלעבונגען. פאַרביי אַזעל־כע שווערע יאָרן... דער טאַטע האָט שוין ניט געלעבט, ער איז גע־שטאָרבן מיט אַ יאָר פריער אין עלטער פון עטלעכע־און־פופציק יאָר קוים — נאָך אַ שווערער קראַנקייט און יסורים. די מאַמע — שטאַרק פאַר־עלטערט. דער מצב אין דער היים — לייכטער: זי איז צוזאַמען מיט די קינדער; די עלטערע האָבן געאַרבעט, פאַרדינט; די יינגערע — גע־לערנט. איין זון און טאָכטער האָבן געלעבט אין מאָסקווע. צו מיין וויזיט זענען אַלע שוועסטער און ברידער מיינע זיך צונויפגעפאָרן, צו זיין אַלע צוזאַמען מיט דער מאַמען.

אויף מיין ליאַדער באָבע — די באָבע פון דער מוטערס צד — איז דעמאָלט געווען ביי מיין מוטער אין האַרקי. אַן אלמנה פון אַ יאָר אַכציק, נאָך מיין טייערן זיידן און רבין ניסן בן יואל. האָב איך דאָך ביי אים, ביים זיידן אין ליאַדי באַקומען מיין דערציאונג...

אין ליאַדי פלעגן צו איר קומען פרויען זיך האַלטן עצות. זי איז געווען זייער אַ קלוגע, שטרענג צו זיך און צו אַלעמען. אַצינד גייט זי אַרום אין שטוב ווי אַ שאָטן, שטום און אומצופרידן מיט איר עלטער, רעדט צו קיינעם קיין וואָרט ניט אויס. קוקנדיק אויף איר עלטער, האָט מיך אַרומגענומען אַ גרויס געפיל, פאַר וועלכן כ׳האָב ניט קיין נאָמען... זאָל עס האָבן געווען דאָס געפיל פון ליבע? דאַנקבאַרקייט? רחמנות?...

באַלד נאָך מיין קומען אין האַרקי, האָט זיך מיין מאַמעס הויז אָנ־געפילט מיט מענטשן: עס הייבן אָן קומען חברים, פריינד, אַלטע באַ־קאַנטע נאָך פון 1904—5. ווידער איבערלעבונגען. מען קושט זיך, מען האַלדזט זיך, מען גריסט זיך. אַ קלייניקייט, נאָך אַזעלכע יאָרן פון ביי־טערער דערפאַרונג און איבערלעבונגען... מען טיילט זיך מיט זכרונות פון אַמאָל: צוזאַמען געלעבט; געקעמפט; מיט אַנדערע — אין טורמע געזעסן.

איך גיי אַרויס אין שטאָט, באַקוקן די גאַסן און געסלעך. עס באַ־הערשן מיך שטראָמען געפילן... יעדעס ווינקל דערמאָנט אין עפּעס:

דעמאָנסטראַציעס, מאַניפעסטאַציעס, צוזאַמענשטויסן מיט דער פּאָליציי.... אַט בין איך אויף סמאָלענסקער גאַס, אויף וועלכער סע גייט דורך דעם 16־טן יאַנואַר די — דעם לייענער שוין באַקאַנטע — פּראָטעסט־דעמאָנס־טראַציע קעגן פּעטערבורגער בלוט־באָד פון 9־טן יאַנואַר 1905, ווען טויזנטער אַרבעטער, געפירט פון גלח גאַפּאָן, פאַלן פאַרן פּאַלאַץ פון „ניקאָלאַי וטאָראַי".

די פּראָטעסט־דעמאָנסטראַציע אין האַרקי קומט פאָר אַ וואָך שפּע־טער, נאָך דער פּעטערבורגער בלוט־באָד — דעם 16־טן יאַנואַר. אויך אין האַרקי פאַלן טויטע און פאַרווונדעטע. אויפן אָרט פונעם צוזאַמענ־שטויס — בלייב איך שטיין. לאָז אַראָפּ דעם קאָפּ. מיינע געדאַנקען און געפילן זיינען געווענדעט צו יענעם טאָג, ווען כ'האָב מיט דער קאַמפּס־גרופּע פאַרטיידיקט די רויטע פאָן און קוילן זענען געפלויגן איבער אונ־דזערע קעפּ... איך זע נאָך די געפאַלענע. זייערע גרימאַסן און לעצטע גסיסה־אויסגעשרייען...

איך טראַכט: יענע קרבנות האָבן מיט זייער לעבן און טויט גע־פלאַסטערט דעם וועג פון דער רוסישער רעוואָלוציע; פון אָקטאָבער 1905, ווען דער בלוטיקער צאַר ניקאָלאַי איז געווען געצוווּנגען, אונ־טערן דרוק פון די רעוואָלוציאָנערע כוחות פון דער אַרבעטער־באַוועגונג, פון פאָלק, צו געבן דעם באַרימטן מאַניפעסט, ביז דער מערץ־רעוואָלוציע, ווען די זעלבע כוחות צווינגען דעם קייסער צו אַבדיקאַציע, ציט זיך איין גרויסע ליניע פון קרבנות־גרייטקייט, העראָיזם און מסירת־נפש פון רו־סישן פאָלק, פון אַרבעטער־קלאַס און זיינע אומדערשראָקענע העלדן, פאַר דער זאַך פון פרייהייט, פון סאָציאַליזם.

איז געקומען נאָכדעם די אָקטאָבער־רעוואָלוציע פון 1917 און איינ־געפירט באָלשעוויסטישן טעראָר, שפּאַלטונגען אין די אַרבעטער־רייען, דיקטאַטור און אונטערדריקונג פון מענטשלעכער פרייהייט. נאָך שווערע פופציק יאָר הייבן אָן אין רוסלאַנד זיך מערקן סימנים פון ליבעראַליזם, אמת, שוואַכע סימנים, אָבער — סימנים: די אומצופרידנקייט פון דער אינטעליגענץ; פון די שרייבער; פון די סטודענטן.

איך גלייב אין דעם העראָישן וועג פון רוסישן פאָלק. אין רוסלאַנד וועט קומען דער טאָג פון פרייהייט, פון דעמאָקראַטיע און סאָציאַ־ליזם און דאָס לעבן און טויט פון די בעסטע זין פון רוסישן פאָלק, וועלכע

האָבן געברענגט דעם נצחון איבערן פאַרשאָלטענעם צאַריזם, וועט נישט האָבן געגאַנגען לאיבוד...

איז בראָדזשע איך, הייסט עס, איבער די גאַסן פון האָרקי, די עדות פון די דעמאָנסטראַציעס און צוזאַמענשטויסן מיט דער פּאָליציי, אויף די באַזונדערע וועגן וואָס האָבן געפירט צו די אַמאָליקע פּאָליטישע פאַר־זאַמלונגען אין וואַלד, צו די אַרבעטער־ווערקשטאַטן, ווו מ׳האָט היינ־טער פאַרהאַנגענע פענצטער אָפּגעהאַלטן אומלעגאַלע פאַרזאַמלונגען. קיין

מיין ברודער: משה נאָוויקאָוו

לופט צום אָטעמען איז דאָרט ניט געווען, ווער אָבער האָט געטראַכט וועגן דעם, ווען מען איז פול מיט מוט, מיט באַגייסטערונג פאַר דער צוקונפט?...

די צען טעג אין האָרקי פאַרלויפן זייער שנעל. איך געזעגן זיך מיט מיינע חברים און פריינד, מיט מיין שוואַכער מוטער, און ס׳גיסן זיך טרערן... כ׳בין באַהערשט פונעם געפיל פון איר טרייהייט; מיין מוטער

האָט באַווײַנט און באַקלאָגט יעדן אַרעסט מײַנעם, אויף „סוווידאַניעס" אין טורמע... געזעגנט זיך פֿאַר מײַן געזונט. בעיקר שרעקט מיך דער געדאַנק: ווער ווייסט, צי וועל איך זי נאָך ווען־עס־איז זען ?... אויפֿן גאַנצן וועג ביז מאָסקווע, האָב איך זיך פֿאַרגאָסן מיט טרערן. אין יאָר 1939 איז די מאַמע געשטאָרבן אין מאָסקווע, ווו זי האָט די לעצטע יאָרן געלעבט מיט איר טאָכטער. עטלעכע יאָר האָב איך ניט געוווּסט פֿון איר טויט. מײַן פֿרוי האָט מיר מורא געהאַט אָנצוזאָגן די טרויעריקע בשורה.

קיין מאָסקווע קומען מיר צוזאַמען מיט מײַן ברודער משה און שוועס־טער חוה. איך פֿאַרברענג דאָרט נאָך אייניקע טעג און פֿאָר צוריק קיין קאָוונע צום הויפּט־קאָמיטעט פֿון „בונד" אין ליטע. כ'גיב אָפּ אַ באַריכט פֿון מײַן שליחות צום צענטראַל־קאָמיטעט פֿון „בונד" אין רוסלאַנד וועגן די פּראָבלעמען, וואָס נורטעווען דעם רוסלענדישן „בונד" און די אויפֿ־גאַבן, וואָס שטעלן זיך פֿאַר דעם הויפּט־קאָמיטעט פֿון „בונד" אין ליטע אין זײַן ווײַטערדיקער טעטיקייט.

נאָך מײַן באַריכט פֿונעם מאָסקווער פּלענום אין קאָוונע, און — לויטן אויפֿטראַג פֿונעם הויפּט־קאָמיטעט — אויך אין די גרעסערע בונ־דישע אָרגאַניזאַציעס אין לאַנד, ווו עס ווערן אויף ברייטע דיסקוסיעס באַהאַנדלט די פֿראַגן, וועלכע שטייען לויטן מאָסקווער פּלענום אויפֿן סדר־היום פֿון רוסישן „בונד", פֿאָר איך ווידער אין פֿרילינג 1921 ווי דער שליח פֿונעם הויפּט־קאָמיטעט צו דער 13־טער קאָנפֿערענץ פֿון רוסישן „בונד", וועלכע קומט פֿאָר אין מינסק. אַ חוץ מיר, פֿאָרן נאָך צוויי דעלע־גירטע: ישעיהו טיקאָטשינסקי און חיים קאַלף.

פּייערלעך — מיט אַ בונדישער ליאַמע — געזעגענען מיר זיך פֿאָרן אָפּפֿאָר צו דער אויסעראָרדנטלעכער קאָנפֿערענץ, אויף וועלכער ס'דאַרף באַשטימט ווערן דער גורל פֿון „בונד".

מיט עמנואל נאָוואָגרודזקי אין קאָוונע

האַרט פאַר מיין אָפּפאָר צו דער 13־טער קאָנפערענץ, קומט פון פוילן עמנואל נאָוואָגרודזקי. איך באַזוך אים. מיך האָט זייער געפרייט זיך צו טרעפן מיט אַ טוער פון פוילישן „בונד". דורך דער גאַנצער צייט פון דער דייטשער אָקופּאַציע פון ווילנע, זענען מיר, ווילנער, געווען אָפּ־געריסן פון פוילן, הגם אויך פוילן איז געווען אָקופּירט דורך דער זעלבער דייטשער מאַכט. מיר פלעגן בלויז באַקומען דעם בונדישן זשורנאַל „לעבנס־פראַגן", אָבער קיין פאַרבינדונגען מיטן „בונד" אין פוילן האָבן מיר נישט אָנגעהאַלטן. כ'האָב געקענט די אַלטע טוער פון „בונד" אין פוילן. פאַר דער צייט זענען אָבער צוגעקומען פיל נייע טוער, וועלכע כ'האָב נישט געקענט. עמנואל האָט געהערט צו די לעצטע, כאָטש ער איז שוין דעמאָלט אַן אָנגעזעענער טוער און אַ מיטגליד פון צ. ק. פון „בונד" אין פוילן.

מיר טוישן זיך אויס קעגנזייטיק מיט אינפאָרמאַציעס. איך דערצייל אים וועגן מאָסקווער פּלענום, פון וועלכן כ'האָב נישט לאַנג צוריק זיך אומגעקערט, און ער מיר — וועגן דער אַרבעט פון „בונד" אין פוילן.

עמנואל פאָרט קיין מאָסקווע פירן אונטערהאַנדלונגען וועגן די באַ־רוסטע „21 פונקטן פון „קאָמינטערן"", וואָס דאָס אָקצעפּטירן זיי איז געווען דער באַדינג אָנגענומען צו ווערן אין „קאָמינטערן". פונקט אין יענער צייט פאַלט אויס די 13־טע קאָנפערענץ פון רוסלענדישן „בונד" און ער, עמנואל, פאָרט אויך צו דער קאָנפערענץ קיין מינסק, ווי אַ גאַסט פון פוילן.

דעם גאַנצן וועג קיין מינסק מאַכן מיר דורך צוזאַמען אין זעלבן וואַגאָן. מיר האָבן זיך שטאַרק באַפריינדעט און ביז זיין קראַנקייט פלעג איך שטענדיק באַקומען פון אים בריוו. אויך נאָך מיין באַזעצן זיך אין מדינת־ישראל, האָבן מיר זיך דורכגעשריבן איבער פאַרשידענע פראַגן. אַ טייערער, ליבער חבר און פריינד.

אויף דער אויסערארדנטלעכער 13־טער קאָנפערענץ פון „בונד"

ירחמיאל וויינשטיין עפנט די קאָנפערענץ מיט דער בונדישער שבועה. אַ ציטער גייט דורך איבער אַלעמען. אייניקע דעלעגאַטן וויינען, פאַרפאַלגטע פונעם געפיל, אַז צום לעצטן מאָל הערט מען אין רוסלאַנד די בונדישע שבועה. עס ווערט אָפּגעשלאָסן אַ תקופה פון בונדישער פאַרגאַנגענהייט, פון בונדישער הערויק. אַזוי פיל קרבנות האָט געבראַכט דער יידישער אַרבעטער, דער „בונד" פאַר דער פרייהייט פון רוסלאַנד און איצט פאָדערט דער „מולך" אים אַליין, די באַוועגונג גופא... די זעלבע, מיט וועלכע מ'האָט צוזאַמען געקעמפט פאַר דער באַפרייאונג — די זעלבע „חברים" קומען איצט ליקווידירן דעם „בונד".

ירחמיאל וויינשטיין הויבט אָן מיטן „נוסח" פון פלענום: „עס האָבן זיך געפירט אונטערהאַנדלונגען מיט דער רקפּ. ל ע נ י ן איז פאַר דעם, אַז דער „בונד" זאָל זיך ליקווידירן און זיינע מיטגלידער קאָנען אַריינטרעטן אין דער רקפּ. דער „בונד" האָט געוואָלט בלייבן אָרגאַניזאַציאָנעל עקזיסטירן לפּחות אין דער ראַם פון אַגיטאַציע און פּראָפּאַגאַנדע צווישן דער יידישער אַרבעטערשאַפט. די רקפּ איז צו דעם נישט מסכים. דער „בונד" האָט פאָרגעשלאָגן, אַז אַ געמישטע קאָמיסיע פון קאָמינטערן זאָל דעצידירן וועגן דער פראַגע. די רקפּ איז אויף דעם איינגעגאַנגען און אויסגעטיילט אירע דריי דעלעגאַטן: פּרעאָבראַזשענסקי, קרעסטינסקי און טשעמערינסקי (דער לעצטער איז געווען פון דער יעווסעקציע). מצד דעם צ.ק. פון „בונד" זענען דעלעגירט געוואָרן: ירחמיאל וויינשטיין, אסתר פרומקין און משה ליטוואַקאָוו. דער פוסק־אחרון מצד דעם „קאָמינטערן" — סאַבלין — אַ בולגאַרישער קאָמוניסט. אין זיינע הענט האָט זיך דאָס געפונען דער גורל פון רוסישן „בונד". ער האָט געוווּסט וועגן „בונד" אַזויפיל, ווי דער „האָן אין „בני־אדם". ער האָט דאָס באַשלאָסן, אַז דער „בונד" זאָל זיך ליקווידירן און זיינע מיטגלידער קענען אַריינטרעטן אין רקפּ. אַזאַ איז געווען דער פּסק־דין פון „קאָמינטערן".

אויף דער קאָנפערענץ טיילן זיך אויס צוויי ריכטונגען: „יאָ"־ און „ניין"־זאָגער, ד. ה., יאָ אָננעמען דעם באַשלוס פון „קאָמינטערן" אָדער אָפּוואַרפן אים.

דעם רעפעראַט פון די „יאַ"־זאָגערס האָט ירחמיאל ווײנשטײן. אומ־געפּער זאָגט ער אַזוי: ...איך גײ אַרויס פון דער הנחה, אַז אין רוס־לאַנד איז פאָרגעקומען אַן אַרבעטער־רעוואָלוציע. די קאָמוניסטישע פּאַר־טײ וויל דורך די „אַרבעטער־ראַטן" פאַרווירקלעכן אין רוסלאַנד דעם סאָציאַליזם. דער „בונד" דאַרף נעמען אַן אַקטיוון אָנטײל אינעם אויפבוי פון סאָציאַליזם דורך אונדזער אַרבעט אויף דער יידישער גאַס. רקפּ דער־לאָזט נישט די מיטאַרבעט פון „בונד" אַלס אַ זעלבשטענדיקע אָרגאַני־זאַציע פון די יידישע אַרבעטער, דאַרפן מיר, זײנע מיטגלידער, אַרײנ־טרעטן אין דער רקפּ און דורך דער פּאַרטײ — אין דער יידישער סעק־ציע — אָנפירן מיט דער אַרבעט אויף דער יידישער גאַס. אויב מיר זאָלן אָפּוואַרפן דעם באַשלוס פון „קאָמינטערן" פאַרוואַנדלען מיר זיך אין אַן אָפּאָזיציע קעגן דער מאַכט פון אַרבעטער און דורכדעם — קעגן אויפבוי פון סאָציאַליזם...

די אַרגומענטן פון די „נײן"־זאָגערס זײנען מער־ווײניק: ..דער „בונד" איז דער אײנציקער כוח אין דער יידישער געזעלשאַפט, וועלכער איז באַרופן דורכצופירן דעם איבערבוי אירן אויף סאָציאַליסטישע יסודות. אָן „בונד", אָן דעם בונדישן אַקטיוו און זײן זעלבשטענדיקײט איז קײנער נישט ביכולת דערפאָלגרײך דורכצופירן די דאָזיקע אויפגאַבע. וואָס עס זאָל מיט אונדז נישט געשען, דאַרפן מיר בלײבן אויף אונדזערע בונ־דישע פּאָזיציעס...

די מינדערהײט האָט געפירט דעם קאַמף מיט בערך 40 קעגן 60 פּראָצענט פון דער מערהײט. געזיגט האָט, פאַרשטײט זיך, דער פאָרשלאָג פון דער מערהײט. די פירער אירע זענען געווען: ירחמיאל ווײנשטײן, אסתר פרומקין און משה ליטוואַקאָוו. פון דער מינדערהײט — יודל פראַנק־פורט, יודל פּערעל און בערגמאַן.

דער גײסט, די שטימונג, וועלכע האָט געהערשט אויפן צוזאַמענפאָר, קען איך ערשט איצט, נאָך 45 יאָר אָפּשאַצן מער ניכטער, אײדער דעמאָלט, ווען מען איז געווען שיכור מיט דער רעוואָלוציע... אויף דער קאָנפערענץ האָט געשוועבט דער גײסט פון בונדיזם. די מערהײט ווי די מינדערהײט איז געווען דורכגעדרונגען מיטן געפיל, אַז מען וויל פון אונדז אַ קרבן — די ליקווידאַציע. ירחמיאל ווײנשטײן האָט געזאָגט: „מיר פאַרלײקענען

גאַרניט. מיר גייען אַריין אין דער קאַמפּאַרטיי מיט אונדזער געשיכטע פון „בונד".

קיינער אויף דער קאָנפערענץ האָט זיך נישט אָפּגעזאָגט פון גייסטיקן און אידעאישן בונדיזם. ס'איז געווען אַ גוואַלט־שידוך...

בלויז אַ קלײנער טייל בונדיסטן איז אַריין אין דער רקפּ. די גרעסטע מערהייט איז געבליבן פּונוויטנס. די, וועלכע זענען יאָ אַריין אין דער רקפּ, זענען געווען אנוסים, בונדישע מאַראַנען און די פירער זייערע: ירחמיאל וויינשטיין, אסתר פרומקין, משה ליטוואַקאָוו, יאַנקל לעווין אאַ. זענען אַלע אומגעקומען אין די צייטן פון סטאַלינס טעראָר אויף קידוש־בונדיזם. זיי האָבן דעמאָלט, אויף דער קאָנפערענץ, נישט געטראַכט, אַז זיי וועלן אומקומען אין סטאַלינס קאַזעמאַטן און קיינער וועט נישט וויסן אַפילו, ווו זייער געביין געפינט זיך. דאָס איז די טראַגעדיע פון דער רעוואָלוציע, וועלכע עסט אויף אירע אייגענע קינדער. די פירער פון דער רקפּ האָבן אין דעם באַגריף דיקטאַטור פון פּראָלעטאַריאַט אַריינגעטייטשט טעראָר קעגן אַנדערש־דענקענדיקע און זיי, די אַנהענגער פון פּאַראייניקונג האָבן געגלייבט אין דער אינסטיטוציע פון „אַרבעטער־ראַט" ווי אין דער אינסטיטוציע, וועלכע וועט איבערבויען די געזעלשאַפט אויף סאָציאַליס־טישע יסודות. די סאָוויעטישע ווירקלעכקייט איז אָבער געווען אַן אַנ־דערע. אין דעם איז באַשטאַנען זייער טראַגישער טעות.

עמנואל נאָוואָגרודזקי, ווי דער גאַסט פון „בונד" אין פּוילן, האָלט אַ שיינע באַגריסונגס־רעדע, וועלכע נעמט אויס ביי די דעלעגאַטן פון דער קאָנפערענץ. ער באַדויערט וואָס די צייט — די מלחמה און נאָך דער מלחמה — די איצטיקע ווירקלעכקייט האָט אונדז צעשיידט אויף אַ פּוילישן און רוסישן „בונד". אין די דעבאַטן און באַשלוסן פון דער קאָנפערענץ נעמט ער נישט קיין אָנטייל. אויך די דעלעגאַטן פון ליטע נעמען נישט קיין אָנטייל אין די דעבאַטן. מיטן געזאַנג פון אינטערנאַציאָ־נאַל שליסט זיך די היסטאָריש־טראַגישע קאָנפערענץ. מ'האָט פאַרביטן די מעכטיקע העראָיק פון „בונד" אויפן סדום־בעטל פון דער רוסישער קאָמוניסטישער פּאַרטיי.

דער 10־טער קאָנגרעס פון דער רקפּ

באַלד נאָך דער טראַגישער קאָנפערענץ פון „בונד", הייבט זיך אָן דער 10־טער קאָנגרעס פון דער רוסישער קאָמוניסטישער פּאַרטיי. דער קאָנגרעס קומט פאָר אין קרעמל, גלייך ווי די בונדישע קאָנפערענץ האָט זיך פאַרענדיקט, אין מערץ 1921. אַלע דעלעגאַטן מיטן צ. ק. פון „בונד" פאָרן צום קאָנגרעס. מיר פאָרן אין אַ באַזונדערן וואַגאָן און ירחמיאל וויינשטיין האָט כמעט דעם גאַנצן וועג דערציילט עפּיזאָדן פון דער בונדישער פאַרגאַנגענהייט. באַזונדערס האָט ער פיל דערציילט וועגן דעם בונדישן פּראָוואָקאַטאָר קאַפּלינסקי. קאַפּלינסקי איז געווען דער טעכניקער ביים צענטראַל־קאָמיטעט אין די אומלעגאַלע צייטן. אַלע דעלעגאַטן פון דער בונדישער קאָנפערענץ האָבן זיך גערעכנט ווי דעלעגאַטן צום קאָנגרעס מיט באַראַטונגס־רעכט. ירחמיאל וויינשטיין גיט איבער פאַרן קאָנגרעס דעם באַשלוס פון דער קאָנפערענץ פון „בונד" אָנצושליסן זיינע מיטגלידער אין רקפּ. ער באַגריסט דעם קאָנגרעס און גיט איבער אַן אַנקעטע פון אונדזערע דעלעגאַטן (זי איז דורכגעפירט געוואָרן אויף דער בונדישער קאָנפערענץ). אין דער אַנקעטע איז אָנגעגעבן: דער אָנטייל אין קאַמף קעגן צאַריזם, די צאָל יאָרן פון קאַטאָרגע, תפיסה, סיביר און דער רעוואָלוציאָנערער סטאַזש פון יעדן בונדישן דעלעגאַט באַזונדער. וויינשטיינס דערקלערונג ווערט אויפגענומען מיט שוואַכע אַפּלאָדיסמענטן. מיט קורצע, לעבלעכע ווערטער באַגריסט דעם באַשלוס פון "בונד" קאַמעניעוו.

אין דער זעלבער צייט פונעם קאָנגרעס קומען פאָר אין רוסלאַנד וויכטיקע געשעענישן: דער אויפשטאַנד פון די מאַטראָסן פון קראָנשטאַטער פלאָט, שטרייקן אין פּעטערבורג און אין מאָסקווע, הונגער, נויט אין גאַנץ רוסלאַנד. טראָצקי, דער קריגס־קאָמיסאַר, אינפאָרמירט דעם קאָנגרעס ווי געווינלעך... ס'איז אַן אויפשטאַנד פון דער קאָנטררעוואָלוציע: פון עסעראָווצעס, אַנאַרכיסטן, ווייסגוואַרדיסטן. און אַז מען האָט אָנגענומען שטרענגע מיטלען צו דערשטיקן אים... און מ'האָט אים טאַקע דערשטיקט אין אַ ים פון בלוט.

אויפן דאָזיקן 10־טן קאָנגרעס פון דער רקפּ איז געווען אַן אָפּאָזי־

קאָוונער און ווילנער בונדישע טוער אין יאָר 1920.

עס זיצן (פון רעכטס): ערשטער, לייוויק האַדעס. פערטער, יואל נאָוויקאָוו

ציע. לעניִן באַקעמפּט שטאַרק די אָפּאָזיציע, אָבער אָן רעפּרעסיווע מיט־לען. די אָפּאָזיציע איז געווען אַ קליינע. זי האָט געפֿאָדערט דעמאָקראַטישע רעפאָרמען אין דער פּאַרטיי. קיין פּרטים געדענק איך ניט. ווידער איז מיר אויסגעקומען צו זען און צו הערן די גרויסע באָלשעוויסטישע פירער אויפֿן קאָנגרעס פון זייער פּאַרטיי.

די דעלעגאציע פון „בונד" אין ליטע צוריק אין קאָוונע

נאָכן באַריכט פון די דעלעגאַטן צו דער מינסקער קאָנפערענץ פון „בונד", באַשליסט דער הויפּט־קאָמיטעט איך זאָל באַזוכן די אָרגאַניזאַ־ציעס אין לאַנד, אָפּגעבן באַריכטן פון דער קאָנפערענץ און צוגרייטן דעם באָדן פאַר אַ לאַנד־קאָנפערענץ, וועלכע וועט דאַרפן באַהאַנדלען די רעזאָלוציעס פון דער מינסקער קאָנפערענץ פון „בונד" און אַקצעפּ־טירן זיי.

אויף מיינע באַריכטן אויף די ערטער האָבן זיך געלאָזט הערן פאַר־שיידענע שטימען און שטימונגען, אין אַלגעמיין איז מען געווען געניגט לטובת די מינסקער באַשלוסן פון רוסלענדישן „בונד" וועגן פאַראייניקונג.

אין אַפּריל 1921, אויף דער לאַנד־קאָנפערענץ פון די בונדישע אָר־גאַניזאַציעס אין ליטע, וועלכע קומט פאָר אין קאָוונע און וועלכע דויערט נישט מער ווי איין טאָג, ווערט טאַקע באַשלאָסן צו אַקצעפּטירן די רעזאָלוציעס פון דער מינסקער קאָנפערענץ פון רוסלענדישן „בונד", ד.ה., אויפגעבן די זעלבשטענדיקייט פון „בונד" אין ליטע און אָנשליסן זיך אין דער ליטווישער קאָמפּאַרטיי.

אַ וואָסערע זענען דאַן די באַדינגונגען און פּערספּעקטיוון פון ליט־ווישן „בונד"? צוליב די לינקע שטימונגען אין „בונד" זענען אַוועק אָדער אָפּגעשטאַנען פון דער אָרגאַניזאַציע די עלטערע חברים און טוער זיינע. די עלטערע טוער פון קאָוונער „בונד" זענען זיך צעפאָרן. פאַר־בליבן איז בלויז אַ קליינע צאָל יונגע טוער ווי חיים קאָלפּ, טיקאָטשינסקי א״א. איך האָב מיט לייב און לעבן, אידעיש און אָרגאַניזאַציאָנעל געפילט זיך פאַרבונדן מיטן רוסישן „בונד" און מיט דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע. זיינע באַשלוסן זענען געווען פאַר מיר הייליקע געבאָטן. ניט געווען אין

קאָונע קיין איינער פון די אַלטע טוער מיט וועמען צו באַראַטן זיך. לייוויק האָדעס איז אַוועק קיין ווילנע. שלמה קלייט האָט אינגאַנצן פאַרלאָזט ליטע. ניט געווען קיין אָנגעזעענער בונדישער טוער. דאָס אייגענע אין דער ליטווישער קאָמוניסטישער פּאַרטיי, אין וועלכער מיר האָבן באַדאַרפט אַריינטרעטן. די קאָמפּאַרטיי אין ליטע האָט געהאַט אַ ניט־באַדייטנדיקן איינפלוס אויף די מאַסן. די געציילטע אָנפירער אירע זענען געווען אין מאָסקווע. צווישן די ליטווישע אַרבעטער האָט געאַרבעט און אַקטיוו געווען די ליטווישע סאָציאַל־דעמאָקראַטיע. צווישן די פּויערים — די פאָלקס־סאָציאַליסטן, ענלעך צו דער רוסישער ס.ר. צווישן די יידישע קאָמוניסטן זענען געווען איינצלנע יוגנטלעכע, וועלכע האָבן נישט געהאַט קיין ווירקונג אפילו אין זייער אייגענער יידישער סביבה. עס זענען געווען בלויז עטלעכע אַריינגעשיקטע פון מאָסקווע יידן — אויך אָן אַ באַזונדערן איינפלוס. ניט געווען מיט וועמען צו „גיין צום טיש", מיט וועמען דורכצופירן די א.ג. „פאַראייניקונג". מיר האָבן זיך ערשט אַרומגעזען, וואָס דאָ איז אָפּגעטאָן געוואָרן... מען איז אַריין, לויטן יידישן פאָלקס־ווערטל „מיט אַ געזונטן קאָפּ אין אַ קראַנקן בעט"...

אין דער זעלבער צייט קומען פאַר וואַלן צו דער קאָוונער קהילה. צוליב דער געבראָכענער שטימונג אין שייכות מיט דער „פאַראייניקונג", פירן מיר ניט קיין וואַל־קאַמפּאַניע. מיר האָבן אָפּגעהאַלטן איין מיטינג אינגאַנצן, דאָך זענען מיר אַרויס מיט אַ באַדייטנדיקן נצחון. מיר האָבן אַריינגעפירט זעקס דעפּוטאַטן אין דער קאָוונער קהילה. כ'האָב זיך אַרומגעזען, אַז לא זו הדרך. מיט אַ געפיל פון טיפער אַנטוישונג און אינערלעכער צעריסנקייט פאַרלאָז איך קאָוונע און פאָר צוריק קיין ווילנע.

צוריק אין ווילנער „בונד"

אין ווילנע טרעף איך ווידער די בונדישע אָרגאַניזאַציעס ביי זייער אַקטיווער אַרבעט.ביידע — סיי דער לינקער און סיי דער רעכטער „בונד" זענען טעטיק צווישן די יידישע אַרבעטער. דער לינקער „בונד" האָט אַ באַדייטנדיקן איינפלוס אין די פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען, ביי דער קולטור־ און שול־אַרבעט. די אַקטיוויסטן זיינען: לייוויק האָדעס, מרדכי יאָפע, שאול יעדידאָוויטש, בענצל ווײַנער און פון רעכטן „בונד" — די

אַלטע טוער פּאַוועל און אַננאַ ראָזענטאַל, ליטוואַק, זשעלעזניקאָוו, רבקה עפּשטיין, יצחק כאַרלאַש א״א.

נאָך לאַנגע שמועסן מיט לייוויק האָדעסן טרעט איך ווידער אַריין אין לינקן „בונד״. מיטאַמאָל — אויס דעפּרעסיע! עס עפנט זיך פאַר מיר אַ נייע וועלט...

אין 1922 קומט קיין ווילנע יוסף כמורנער (לעשטשינסקי) פון צענ־טראַל־קאָמיטעט פון „בונד״ אין פּוילן. כמורנער פּרוווט ווירקן אויפן לינקן „בונד״ אין ווילנע זיך אָנצושליסן אין פּוילישן „בונד״. נאָך לאַנגע אונטערהאַנדלונגען פאַרענדיקט ער זיין מיסיע מיט הצלחה. דער לינקער „בונד״ שליסט זיך אָן אין פּוילישן „בונד״ און די אַרבעט גייט אַוועק מיט מער שוווּנג און פאַרנעם.

אין יאָר 1923 קומען פאָר אין ווילנע וואַלן צום ראַט פון די פאַר־זיכערטע אין די קראַנקן־קאַסעס. דער לינקער „בונד״ פירט דורך אַ וואַל־קאַמפּאַניע. אויך דער רעכטער „בונד״ פירט אַ וואַל־קאַמפּאַניע. כ׳דערמאָן זיך: אויף איינעם אַ מיטינג פון רעכטן „בונד״ טרעט איך אַרויס נאָך ליטוואַקן. איך ווייז אָן אין מיין רעדע, אַז דער חבר ליטוואַק גייט ניט מיט דער צייט. די נייע צייט רוקט ארויס פאָדערונגען פון ראַדיקאַלן איבערבוי פון דער געזעלשאַפט אויף סאָציאַליסטישע יסודות. „דער חבר ליטוואַק — זאָג איך — האַלט זיך נאָך אינעם פּראָגראַם־מינימום פון דער ס.ד....״ נאָך מיין אַרויסטרעטונג נעמט דער חבר ליטוואַק אַ וואָרט מיר צו ענטפערן. ליטוואַק איז זייער אַ שאַרפער פּאָלעמיסט, טראַכט איך מיר, נו, ער וועט מיר שוין דערלאַנגען... ליטוואַק רעדט זייער איידל. גרייפט מיך ניט אָן צו שטאַרק. ער פאַרענדיקט מיט די ווערטער: — „דו, יואל, — זאָגט ער, — דיר איז גוט, דו האָסט געזונטע פיס, גייסטו גיך, לויפסטו. איך האָב קראַנקע פיס, קען ניט לויפן אַזוי ווי דו, יואל״ (ליט־וואַק איז געווען אַ קאַליקע אויף איין פוס)... איבערן זאַל איז דורך אַ שמייכל פון ליטוואַקס געלונגענער איראָניע. ער האָט גוט געקענט די מלאָכה פון בייסיקער פּאָלעמיק.

קולטור־ליגע

אָנהייב יאַנואַר 1923 האָבןביידע פליגל פון „בונד" צוזאַמען מיט די יידישע קאָמוניסטישע־ און אומפּאַרטייאישע קולטור־טוער זיך צונויפ־געערדט צו שאַפן אַ בשותפותע קולטור־ליגע, וועלכע זאָל געמיינזאַם פירן אַ קולטור־ און אויפקלערונגס־אַרבעט צווישן די יידישע מאַסן. יעדע גרופּע רעגיסטרירט אירע מיטגלידער און עס ווערט געגרופן אַ פאַרזאַמ־לונג פון אַלע מיטגלידער אויסצוקלייבן אַ פאַרוואַלטונג, וועלכע זאָל אָנ־פירן מיט דער אַרבעט. די פאַרזאַמלונג קומט פאָר אין זאַל אויף פאַד־הוליאַנקע. דער ציטווייליקער קאָמיטעט באַשטימט מיך צו פירן דעם פאַרזיץ. די פאַרזאַמלונג איז אַ גרויסע, עס באַטייליקן זיך אין איר עטלעכע הונדערט מיטגלידער. דעם זעלבן אָוונט קומט אָן די ידיעה, אַז לעניין איז געשטאָרבן. דער קאָמיטעט באַשטימט, אַז איך, ווי דער פאַר־זיצער, זאָל ביים דערעפענען די פאַרזאַמלונג פאַרלייגן צו באַערן דעם אָנדענק פון פאַרשטאָרבענעם. איך עפן די פאַרזאַמלונג מיט דער מעלדונג, אַז ס'איז אָנגעקומען אַ ידיעה וועגן טויט פון וולאַדימיר לעניין, און כ'לייג פאָר די פאַרזאַמלטע צו באַערן זיין אָנדענק דורך אויפשטיין. גלייך קומט צו מיר צו אַ געהיים־אַגענט און פאַרשרייבט מיין נאָמען און אַדרעס. די פאַרזאַמלונג פירט זיך ווייטער. קיין פאַרוואַלטונג ווערט שוין נישט אויסגעקליבן. ס'איז אַוועק אַ סדרה פון אויספאַרשונגען. מען רופט מיך אין דער געהיים־פּאָליציי, מען וויל וויסן: ווער בין איך, ווער — די קולטור־ליגע, וואָס זענען אירע אויפגאַבן? דער אָרגאַניזיר־קאָמיטעט איז באַקאַנט דער מאַכט, ווייל די געזעלשאַפט האָט געדאַרפט לעגאַליזירט ווערן, האָט מען אויך געפאַרשט די מיטגלידער פון ציטווייליקן קאָמי־טעט. מען רופט מיך אויף אָן אויספאַרשונג צום וואָיעוואָדע. נאָך עטלעכע חדשים באַקום איך אַ שריפטלעכע מעלדונג פון ווילנער וואָיעוואָדע, אַז פאַר באַערן לענינען ווער איך באַשטראָפט אַדמיניסטראַטיוו מיט 30 טעג אַרעסט און 1000 זלאָטעס אין געלט. די טויזנט זלאָטעס וועלן — אין פאַל פון נישט קענען באַצאָלן — פאַרביטן ווערן אויף 10 טעג אַרעסט.

אַזוי בין איך אָפּגעקומען מיט 40 טעג אַרעסט פאַר באַערן לענינען.

פאַראייניקונג פוןביידע „בונדן" אין ווילנע

זינט דער שפּאַלטונג אין „בונד" ווערן געמאַכט פּרוּוון ווידער צו פאַראייניקן ביידע טיילן זיינע, אָבער אָן דערפאָלג. פאַר דער צייט קומט אויס קעגנזייטיק זיך שאַרף צו באַקעמפן. עס שאַפט זיך אַ שטימונג פון אומצוטרוי. אין קאָמיטעט פון לינקן „בונד" זענען פאַראַן שאַרפע קעגנער פון פאַראייניקונג. איך בין פאַר דער פאַראייניקונג.

אין 1924 קומט וויקטאָר אַלטער, ווי דער שליח פון צענטראַל־קאָמיטעט פון „בונד" אין פּוילן, קיין ווילנע און הייבט אָן אונטערהאַנד־לונגען וועגן פאַראייניקונג. עס ווערט געררופן אַ געמיינזאַמע באַראַטונג פון ביידע קאָמיטעטן. ביידע צדדים גיבן אָפּ דערקלערונגען. די באַראַ־טונג באַשליסט צו דערקלערן זיך אַלס צייטווייליקער געמיינזאַמער קאָ־מיטעט און אין די נאָענטסטע טעג ווערט גערופן אַן אַלגעמיינע פאַר־זאַמלונג צו וויילן אַ סטאַבילן קאָמיטעט. איך ווער באַשטימט אַלס פאַרזיצער פון צייטווייליקן קאָמיטעט. איך בין אויך שפּעטער אינעם סטאַבילן קאָמיטעט אַ לאַנגע צייט דער פאָזיצער זיינער. ענדלעך האָט זיך געענדיקט די אינערלעכע צעשפּליטערונג פון דער בונדישער באַ־וועגונג אין ווילנע. די מיספאַרשטייענישן האָבן זיך ביסלעכווייז אויס־געלעבט. דאָס הייסט ניט, אַז ס'זענען מיטאַמאָל פאַרשוווּנדן אַלע מיי־נונגס־פאַרשידנהייטן. חלוקי־דעות האָבן שטענדיק עקזיסטירט אין „בונד". אָבער אַלע פראַגן ווערן איצט באַהאַנדלט אויף אַ פריינדלעכן חברישן אופן.

נאָך דער פאַראייניקונג באַקומט דער „בונד" אין ווילנע גרויס אָנזען. ס'וואַקסט זיין איינפלוס אין די פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען, אין דער קאָאָפּע־ראַטיווער באַוועגונג און צווישן די יידישע האַרעפּאַשנע מאַסן אין שטאָט. דאָס זעלבע — אין דער קולטור־ און שול־באַוועגונג. די פאַראייניקטע אָרגאַניזאַציע קלייבט מיך אויס צום צווייטן מאָל אינעם אַקטיוו פון ראַט פון די פאַרזיכערטע אין דער קראַנקן־קאַסע און אין דעם קולטור־אַמט פון די פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען. כ'בין אַ לאַנגע צייט דער פאַרזיצער פונעם קולטור־אַמט, מיטגליד פונעם צענטראַלן בילדונגס־קאָמיטעט אין ווילנע (צ.ב.ק), פּרעזידיום־מיטגליד פון צ.ב.ק.

שילער פון דער פאַך־שול פאַר סטאָליערײַ, ביי דער געז. „אָרט", ווילנע 1928 יאָר.
עס זיצן די אינסטרוקטאָרן:
יואל נאָוויקאָוו (צווייטער פון לינקס); יצחק נאַדעל און אינזשיניער ואקנער.

קאָנפערענץ פון אינסטרוקטאָרן פון די פאַך־שולן

אין יאָר 1922, בעת איך ווער אינסטרוקטאָר פון דער ווילנער האַנטווערקער־שול „אָרט״, אָרגאַניזירן זיך די אינסטרוקטאָרן אַלס סעקציע ביים יידישן לערער־פאַראיין. אויף מיין איניציאַטיוו ווערט גערופן אַ קאָנפערענץ פון אינסטרוקטאָרן פון די פאַך־שולן אין פוילן מיטן ציל צו אָרגאַניזירן די אינסטרוקטאָרן פון גאַנצן לאַנד אין אַ געמיינזאַמער אָרגאַניזאַציע, וועלכע זאָל באַשיצן די פּראָפעסיאָנעלע עקאָנאָמישע אינטערעסן פון אירע מיטגלידער.

איך פאַרשטענדיק זיך מיטן חבר לייבעטשקע בערמאַן, וועלכער איז דעמאָלט אינסטרוקטאָר פון דער מעבל־מוסטער־שול ביים „אָרט״ אין וואַרשע. לייבעטשקע גיט זיין הסכמה צום פּראָיעקט פון שאַפן פאַך־סעקציעס איבערן גאַנצן לאַנד. די פאַרוואַלטונג פון לערער־פאַראיין צעשיקט בריוו צו די אינסטרוקטאָרן פון די פאַך־שולן וועגן אָרגאַניזירן סעקציעס און שיקן דעלעגאַטן צו דער קאָנפערענץ, וועלכע דאַרף פאַרקומען דעם נאָענטסטן זומער אין ווילנע.

זומער, וואַקאַציע־צייט קומט טאַקע פאָר די געפּלאַנטע קאָנפערענץ. צו דער קאָנפערענץ קומען פאַרשטייער פון די פאַך־שולן אין גאַנצן לאַנד, עס קומט אויך דער חבר לייבעטשקע פון וואַרשע. די קאָנפערענץ דיסקוטירט די פראַגע פון אַרבעטס־טאָג און אַנדערע פראַגן פון פּראָפעסיאָנעלן כאַראַקטער. עס ווערט אויסגעקליבן אַ פאַרוואַלטונג אין באַשטאַנד פון די חברים לייבעטשקע בערמאַן, לייזער גאַלאַנד, איך און נאָך אייניקע. איך ווער אויך אויסגעוויילט אַלס פאָרזיצער פון דער פאַרוואַלטונג. דאָס זיץ־אָרט פון דער אָנפירונג איז ווילנע. עס ווערט געפירט אַן אַרבעט צווישן די אינסטרוקטאָרן. אַלס טעכנישן סעקרעטאַר נעמען מיר דעם חבר לובעלסקי. מיר שטעלן איין אַן איינהייטלעכע שכירות, פירן דורך עטלעכע שטרייקן, דערליידיקן קאָנפליקטן אין פאַרשיידענע שטעט. עס ווערט אויך גערופן אַ באַראַטונג אין וואַרשע.

אין יענע שטעט, ווו עס זענען פאַראַן לערער־פאַראיינען, ווערן די פאַך־אינסטרוקטאָרן זייערע מיטגלידער. ביז מיין אָפּפאָר פון פוילן (1930)

בין איך אַ מיטגליד פון ווילנער לערער־פּאַראיין און פּאַרטרעטער פון די אינסטרוקטאָרן פון די ווילנער האַנטווערקער־שולן אין דער פּאַרוואַל־טונג פון יידישן לערער־פּאַראיין.

איך ווער ארעסטירט

שפּעט ביינאַכט דעם 1־טן מאַי 1924 רייסן זיך אַריין אין מיין היים פּאָליציי און געהיים־אַגענטן, פירן דורך אַ שטרענגע רעוויזיע, נאָך דער רעוויזיע ווער איך אָפּגעפירט אין דער לוקישקער טורמע. אין דרויסן איז שוין ליכטיק און ביי דער שיין פון טאָג זע איך פירן נאָך אַרעסטאַנטן. מען פירט מיך אַריין אין דער תפיסה־קאַנצעלאַריע, ערשט דאָרט דערזע איך אַ סך אַרעסטירטע בונדיסטן. צווישן זיי — די באַקאַנטע בונדישע טוערין רבקה עפּשטיין — די שוועסטער פון לאַזאַר עפּשטיין. אין אָוונט פירט מען מיך אַריין אין מיין צעלע, ווו כ׳בין געהאַט אַמאָל געזעסן מיטן חבר סימאָן עפּשטיין — לאַזאַר און רבקהס ברודער.

סימאָן עפּשטיין איז געווען אַ טייערער, ליבער חבר. כ׳דערמאָן זיך די שפּייז־פּעקלעך, וועלכע ער פלעגט באַקומען פון דער היים און פון וועלכע איך האָב זיך דערנערט.

נאָכן אָפּזיצן עטלעכע וואָכן, ווערן רבקה און סימאָן עפּשטיין באַפרייט. איך, דאַקעגן, ווער געפּאַרשט לאַנגע חדשים, איך ווער באַשולדיק אין געהערן צום לינקן „בונד", וועלכער איז אומלעגאַל. עס ווערן מיר צוגעשריבן די באַקאַנטע פּאַראַגראַפן פאַר אָנפירן מיט דער אַגי־טאַציע און פּראָפּאַגאַנדע. די אויספאָרשונג דויערט 4 חדשים און לסוף ווער איך באַפרייט ביז אַ משפּט. איך דאַרף זיך אָבער צוויי מאָל אַ וואָך מעלדן אין דער פּאָליציי. אייניקע חדשים פאַרן משפּט דערהאַלט איך דעם באַשולדיקונגס־אַקט, עס רעדט זיך אין אים, אַז כ׳בין דער אָנפירער פון לינקן „בונד". עס ווערט אויך דערמאָנט, אַז ס׳איז פאַראַן אַן עדות, וועלכער באַשטעטיקט די דאָזיקע באַשולדיקונג.

שפּעטער האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז דער עדות איז געווען דער שילער פון טעכניקום גערציק — אַ טוער פון דער קאָמוניסטישער יוגנט. פון זיין „שחיטה" האָט מען דעמאָלט אַרעסטירט 93 מענטשן, באַשולדיק־טע אין געהערן צו דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי פון מערב ווייס־רוסלאַנד.

די פאַרוואַלטונג פון ווילנער יידישן לערער־פאַראיין אין יאָר 1927—1928.
דער צווייטער פון לינקס (שטייענדיק): יואל נאָוויקאָוו
(פון אַרכיוו פון „ייוואָ")

מיך האָט גערציק געקענט און אָנגעוויזן אויף מיר ווי אויף אַ פירער פון לינקן „בונד”. איך בין געפאָרן קיין וואַרשע האַלטן אַן עצה מיטן חבר הענריק ערליך. נאָכן באַקענען זיך מיטן באַשולדיקונגס־אַקט האָט ער מיר געראָטן איבערצוגעבן מיין פאַרטיידיקונג דעם אַדוואָקאַט סמילג פון ווילנע. צוויי יאָר האָט געדויערט ביזן משפט. פון די 93 באַשולדיקטע זיינען געזעסן אין תפיסה בלויז 33 פערזאָן. מען פלעגט זיי פירן אין געריכט אונטער אַ גרויסער פּאָליצייאישער שמירה. דער משפט האָט געדויערט צוויי וואָכן. די גרעסטע פאַרטיידיקער פון לאַנד זענען אַרויסגעטראָטן אין דעם פּראָצעס פון די 93. מיך האָט פאַרטיידיקט דער אויבנדערמאָנטער אַדוואָקאַט סמילג. צו מיין גונסטן האָבן עדות געזאָגט ד״ר שאַבאַד, ד״ר גאָלדבורט, חיים וואַלט. זיי האָבן אַלע עדות געזאָגט, אַז זיי קענען מיך ווי אַ געזעלשאַפטלעכן קולטור־טוער אין ווילנע. מיך האָט דאָס געריכט באַפרייט. צו פאַרשיידענע תפיסה־טערמינען זיינען פאַראורטיילט געוואָרן עטלעכע און דרייסיק מאַן. דאָס איז געווען דער גרעסטער פּאָליטישער פּראָצעס אין ווילנע — דער פּראָצעס פון 93.

4־טער צוזאַמענפאָר אין וואַרשע

אין יאַנואַר 1929 קומט פאָר אין וואַרשע דער 4־טער צוזאַמענפאָר פון „בונד” אין פוילן. די ווילנער אָרגאַניזאַציע שיקט צום צוזאַמענפאָר צוויי דעלעגאַטן: אַננאַ ראָזענטאַל — פון די אָנהענגער פון די טעזן נומער „איינס” און מיך — ווי דעם דעלעגאַט פון די אָנהענגער פון די טעזן נומער „צוויי”. פאַר מיר איז געווען פון גרויס אינטערעס זיך צו באַקענען מיט די טוער פון „בונד” אין פוילן. איך האָב גוט געקענט די טוער פון רוסלענדישן „בונד”, כ׳האָב אויך געקענט די פירער פון פוילישן „בונד”, אָבער די אָרטיקע טוער פון פיל שטעט אין פוילן האָב איך ניט געקענט. עס קומען צום צוזאַמענפאָר דעלעגאַטן פון צוויי הונדערט בונדישע אָרגאַניזאַציעס — פון צוויי הונדערט שטעט.

די הויפּט־פראַגע, וועלכע שטייט פאַרן צוזאַמענפאָר איז: סאָציאַליסטישער אינטערנאַציאָנאַל. צען יאָר גייען אַן אין פוילישן „בונד” וויכוחים, שאַרפע אידעאישע שטרייטן אַרום דער פראַגע: סאָציאַליסטישער אינטערנאַציאָנאַל. — פונעם ערשטן צוזאַמענפאָר פון „בונד” אין

קראָקע ביזן פינפטן צוזאַמענפאָר פון „בונד" אין לאָדזש. די אָקטאָבער־רעוואָלוציע שטעלט אַוועק פאַרן גרעסטן טייל פון דער אַרבעטערשאַפט אין אייראָפּע נייע פראַגן, נייע פּראָבלעמען. די רוסישע רעוואָלוציע, וועלכע האָט אָפּגעשאַפט דעם קאַפּיטאַליסטישן סיסטעם, האָט מען געמיינט, וועט אויך איינפירן סאָציאַליזם, וועט פאַרווירקלעכן דעם חלום פון דורות סאָציאַליסטן, די האָפענונג און טרוים פון דער מענטשהייט. דער דאָזיקער געדאַנק פאַרכאַפּט און באַגייסטערט אויך גרויסע טיילן פון דער בונדישער מאַסע. שוין ביזן קראָקעווער צוזאַמענפאָר גייען אָן אין די רייען פון „בונד" העפטיקע דיסקוסיעס אַרום דער פראַגע: מאַכט פון אַרבעטער־קלאַס אין דער פאָרם פון אַרבעטער־ראַטן אָדער דעמאָקראַטישע מלוכה־פאָרם (פּאַרלאַמענטאַריזם). דער ערשטער צוזאַמענפאָר אין קראָקע (1920) באַשליסט מיט אַ מערהייט שטימען אָנצושליסן זיך אין דריטן אינטערנאַציאָנאַל (קאָמינטערן), וועלכער אַנטשטייט מיט אַ יאָר פריער (1919) אין מאָסקווע.

די באַרימטע „21 פּונקטן" פון קאָמינטערן, ווי אַ באַדינג צו ווערן אָנגענומען אַלס מיטגליד זיינער, האָבן אין זייער ענד־ציל באַדייט די פּאָקטישע ליקווידאַציע פון די סאָציאַליסטישע פּאַרטייען, קאַנדידאַטן אויף „אָנשלוס", אָבער אויך פון באַלד, פון סאַמע אָנהייב, האָט עס געהייסן שפּאַלטונג; ווי דען אַנדערש אָגרופן דאָס אויסשליסן פון „בונד" די רעכטע און צענטריסטן, ד.ה. די פירערשאַפט זיינע — אויב נישט שפּאַלטונג? אויפן צווייטן צוזאַמענפאָר פון „בונד", וועלכער קומט פאָר אין דאַנציק, שטייט ווידער די פראַגע (קאָמינטערן) אין איר גאַנצער שאַרף. דער צוזאַמענפאָר נעמט אָן מיט אַ מערהייט שטימען פון די לינקע ניינצן מיט אַ האַלבן (19½) פּונקטן. דער פליגל פון די רעכטע מיטן צענטער באַשטייט פאַר אָננעמען בלויז זעכצן (16) פּונקטן. דער דאַנציקער צוזאַמענפאָר שטעלט זיך אָבער איין פאַר דער גאַנצקייט פון דער פּאַרטיי און וואַרפט קאַטעגאָריש אָפּ יעטווועדע שפּאַלטונג אין דער בונדישער באַוועגונג — אויסער עטלעכע דעלעגאַטן, וועלכע האָבן זיך פאָרמירט אַלס קאָמבונד און ווערן אויסגעשלאָסן פון דער פּאַרטיי. אינצווישנצייט איז דער „בונד" אין פּוילן אָנגעשלאָסן אין דער אינטערנאַציאָנאַלער פּאַריזער ביוראָ — אַ פאַראייניקונג פון לינקע פּאַרטייען, וועלכע זענען אין אָפּאָזיציע סיי צום דריטן, סיי צום סאָציאַליסטישן אינטערנאַציאָנאַל. אויפן דריטן און פערטן צוזאַ־

מענפאַר האָבן די לינקע — די אָנהענגער פון די טעזן נומער 2 שוין ניט מער קיין מערהייט, אָבער ערשט דער 5־טער צוזאַמענפאָר פון „בונד" אין לאָדזש (1930) באַשליסט מיט אַ מערהייט שטימען דעם ענדגילטיקן אָנשלוס צום צווייטן אינטערנאַציאָנאַל און דער „בונד" אין פוילן ווערט אַ טייל פון סאָציאַליסטישן אינטערנאַציאָנאַל.

איך פאַרלאָז ווילנע

אָנהייב פעברואַר 1930 פאַרלאָז איך ווילנע. איך פאָר קיין דרום־אַפריקע. מיינע חברים פון דער אָרגאַניזאַציע אָרדענען מיר איין אַ געזעגענונגס־אָוונט. עס קומט אַ גרויסע צאָל פריינד און חברים פון „בונד" און פון „יוגנט־„בונד"־צוקונפט". מיט האַרציקע רעדעס געזעגענען מיך די חברים אַרקאַדי קרעמער, אַננאַ ראָזענטאַל, זשעלעזניקאָוו, אַראָנאָוויטש, אַדוואָקאַט טייטל א"א. מיט טרערן אין די אויגן דאַנק איך די חברים פאַר דער וואַרעמקייט, פאַר דער פריינדשאַפט, פאַר דער חברישקייט, וועלכע כ'וועל קיינמאָל נישט פאַרגעסן. צו מיין אָפּפאָר קומען מיך באַגלייטן אויפן וואָקזאַל פיל פריינד און חברים. עס קומען: חבר אַרקאַדי; אַננאַ ראָזענטאַל; מיטגלידער פון קאָמיטעט און פון „יוגנט־„בונד"־צוקונפט". מיר צעקושן זיך. עס קלינגט. דער צוג גייט אָפּ. אַ טיף־גערירטער פאַרלאָז איך ווילנע, מיינע פריינד און חברים, מיט וועלכע ס'בינדן מיך לאַנגע יאָרן פון צוזאַמענאַרבעט נאָך פון די צייטן פון צאַריזם און שפּעטער — פון פּילסודסקי־פוילן, מיט וועלכע כ'האָב צוזאַמען געבליט און רייף געוואָרן. אַזויפיל איבערלעבונגען... זכרונות. אַצינד, אין די מיטעלע יאָרן שוין, אין עלטער פון עטלעכע און פערציק יאָר — די סאַמע פּרוכטבאַרסטע צייט ביים מענטשן, די צייט פון ישוב־הדעת, געזעצמעסיקייט און גייסטיקער דערהויבונג — פאַרלאָז איך ווילנע. וווהין? נאָך וואָס?... איך האָב קיינמאָל נישט געטראַכט צו פאַרלאָזן די באַוועגונג און פאָרן אין דער וועלט אַריין — און נאָך אַזוי ווייט... כ'בין נאָך לאַנג אַזוי געשטאַנען ביים וואַגאָן־פענצטער אַ פאַרטראַכטער. הייסע טרערן האָבן פאַרנעפּלט מיינע אויגן. כ'האָב מער קיינעם ניט און גאָרניט ניט געזען...

אין ביוראָ פון צענטראַל־קאָמיטעט געפין איך דעם חבר פאָרטנאָי. איך דערצייל אים, אַז כ'בין געקומען זיך געזעגענען. כ'פאָר קיין דרום־

עס זיצן פון רעכטס: לייבל וויינשטיין, יעקב זשעלעזניקאָוו, אַננאַ ראָזענטאַל, יואל באָוויקאָוו,
ד״ר יצחק ראַפּעס, יוסף אַראַנאָוויטש און נחום סאָסאַנסקי.
אונטערשטע ריי: ראַפּאַל־ריבאַ, דינה. — יאָר 1929.

אַפריקע. ער רופט מיך אָפּ אָן אַ זייט און צעקושט זיך מיט מיר. ער ווינטשט מיר אַ פּאָר געזונט. איך אָוונט בין איך געזעסן אין דער וווינונג פֿון לייוויק האַדעס. כ׳בין געקומען זיך געזעגענען מיט זיין משפּחה. חבר האַדעס איז אַ טייערער און ליבער חבר, ער דערציילט מיר, אַז חבר נח האָט אים געזאָגט, אַז ער איז שטאַרק גערירט געוועןביים געזעגענען מיך. אויך איך בין געווען צעבראָכן. אָבער ערגעץ טיף אין מיר האָט גע־כליעט די האָפענונג פון אומקערן זיך קיין פוילן, קיין ווילנע. דער היט־לער־קאַטאַקליזם האָט איבערגעשטראָכן מיין חלום...

פון לאָנדאָן פאָר איך אָפּ מיט אָן עמיגראַנטן־שיף. מיר שלעפּן זיך דרייסיק טעג. אויף דער שיף זענען געווען אַ פּופציק עמיגראַנטן בערך. די גרעסטע טייל פון קאָוונער־ליטע, אַ ביסל אויך פון ווילנער געגנט. מיר שווימען צו די ברעגעס פון קייפּטאָן. לויט די געזעצן פון לאַנד, מוז יעדער עמיגראַנט קאָנען שרייבן. צום גליק איז אויך יידיש פאַררעכנט צו די אייראָפּעישע שפּראַכן. איך האָב אין דרום־אַפריקע קיינעם ניט געקענט, דעם וואָס האָט מיר געשיקט דעם „אַפידייוויט" אויך ניט. ער האָט מיך אָבער אָפּגעוואַרט און געפירט מיך אין אַ פּריוואַטער שטוב. אויך מיינע גאַסט־געבער האָב איך ניט געקענט. זיי האָבן זיך שפּעטער אַרויסגע־וויזן פאַר גוטע מענטשן, וועלכע האָבן מיר פיל געהאָלפן.

אין קייפּטאָן

נאָך עטלעכע וואָכן אַרבעט ביי מיין פאַך — סטאָליעריי, בין איך גע־בליבן אַרבעטסלאָז. ס׳איז געווען אין דער צייט פון גרויסן קאַפּיטאַליס־טישן קריזיס פון די דרייסיקער יאָרן, וועלכער האָט אויך ניט אויסגעמיטן דרום־אַפריקע. איך בין אַוועק אַרבעטן אַלס קאָנדוקטאָר אין אַן אויטאָ־בוסן־קאָנצערן. דער באַלעבאָס, ביי וועלכן כ׳בין איינגעשטאַנען איז געווען אַ מיט־שותף פונעם קאָנצערן. דער אויטאָבוס האָט קורסירט אין שטאָט (קייפּטאָן).

קיין ענגליש האָב איך ניט געקענט, דערצו נאָך האָט מען געמוזט קענען די געאָגראַפיע פון שטאָט, וויסן די נעמען פון די גאַסן און וווּ יעדער גאַס געפינט זיך. ס׳איז מיר זייער ביטער געווען. ווען ניט דער באַלעבאָס מיינער וועלכער איז געווען זייער אַ גוטער מענטש און אַ שוואַ־גער פון יענעם ייד, וועלכער האָט מיר בשעתו אַרויסגעשיקט דעם „אַפּי־

דייוויט״ וואָלט איך זיך אויפן אויטאָבוס קיין איין שעה ניט געהאַלטן, הגם כ׳האָב געאַרבעט פאַר אַ זייער קליינעם לוין. ביסלעכוויז האָב איך זיך צוגעוווינט צו מיין נייער אַרבעט, ביי וועלכער כ׳האָב אויסגעהאַלטן אייניקע יאָר, ביז דער קריזיס איז ניט אַריבער און כ׳האָב ווידער אָנגעהויבן אַרבעטן ביי מיין פאַך.

מיט דער צייט באַגעגן איך זיך מיט נאָך אייניקע בונדיסטן. אין קייפטאָן האָט שוין דעמאָלט געוווינט דער ווילנער בונדיסט יוסף זאַוואַדסקי, אַ שניידער. כ׳האָב אויך דאָרט געטראָפן דעם בונדיסט יוסף ליפשיץ פון באַראַנאָוויטש, אַ סטאָליער, און ירוחם וואַלאַך פון האָראָדישטש. מיר האָבן זיך דערוווּסט, אַז קייפטאָן האָט נישט לאַנג צוריק געהאַט אַ יידישן קולטור־פאַראיין, מיט וועלכן ס׳האָבן אָנגעפירט עטלעכע אַלט־איינגעזעסענע, צוזאַמען מיט אייניקע יונגטלעכע קאָמוניסטן פון קאָוונער ליטע. צוליב פּאָליטישע חלוקי־דעות האָבן די יונגטלעכע קאָמוניסטן מער ניט געוואָלט מיטאַרבעטן מיט די בירגערלעכע עלעמענטן פון קולטור־פאַראיין. דער פאַראיין האָט זיך פאַרמאַכט. האָבן מיר, די גרופּע בונדיסטן, זיך אַריינגעמישט און געבראַכט צו אַן אויסגלייך. צוזאַמען מיט דער גרופּע קאָמוניסטן און אייניקע קייפטאָנער תושבים עפענען מיר פונדאַסנייַ דעם קולטור־פאַראיין. אַדאַנק דער הילף פונעם תושב צמח פוקס שאַפן מיר אַ קליינע ביבליאָטעק. מיר אָרדענען איין פאַרלעזונגען א״א אימפּרעזעס. יוסף ליפשיץ ווייזט זיך אַרויס פאַר אַן ענערגישן חבר, ער אַרבעט אַקטיוו אין דער ביבליאָטעק, קויפט איין ביכער. דעם ערשטן מאַי מערקן מיר אָפּ מיט אַ ליאַמע, וועלכע עס אָרדנט איין דער חבר ליפשיץ ביי זיך אין וווינונג. עס זענען אָנוועזנד ביי אַ פינף־און־צוואַנציק מענטשן. מ׳האָט גערעדט וועגן ערשטן מאַי, מ׳האָט זיך דערמאָנט די מאַי־פייערונגען אין פוילן. ס׳האָט אונדז באַהערשט אַ בענקשאַפט, עס האָט זיך ווידער געוואָלט זיין צוזאַמען מיט די חברים אין ווילנע, צוזאַמען פייערן דעם ערשטן מאַי, צוזאַמען קעמפן. און דאָ איז מען פאַרוואָרפן אויף טויזנטער מיילן, אָפּגעריסן פון דער באַוועגונג...

דער פאַראיין האָט קיין אַריכת־ימים ניט געהאַט. צוליב שטערונגען מצד די לינקע גיט דער פאַראיין אויף זיין עקזיסטענץ. חבר ליפשיץ איז אַוועק קיין יאָהאַנעסבורג און דאָרט געוואָרן געזעלשאַפטלעך אַקטיוו. אין יאָהאַניסבורג עקזיסטירט אַ גרעסערע גרופּע בונדיסטן. די חברים יוסף

ליפשיץ, יצחק כאַרלאַש און וויניק גרינדן די יידישע נאָכמיטאָג־שול, וועלכע עקזיסטירט ביזן היינטיקן טאָג. אין וועלכער ער, ליפשיץ, איז שטאַרק אַקטיוו. ער איז אויך אַקטיוו אין אַלע פינאַנסיעלע „קאַמפּיינס" לטובת וועלטלעכע אָנגעלעגנהייטן — נישט געקוקט דערויף, וואָס ער האָט מצליח געווען אַרויפצואַרבעטן זיך אויף אַ העכערן מאַטעריעלן מצב. דער פאַרלאַג פון „ייוואָ" אין אַרגענטינע טראָגט זיין, יוסף ליפּשיצס, נאָמען. אויך דאָ, אין מדינת־ישראל, קויפט ליפשיץ אַ בנין פאַר דער בונדישער אָרגאַניזאַציע אין באר־שבע, אין וועלכן עס געפינט זיך דער קלוב פון דער אָרגאַניזאַציע און די נאָכמיטאָג־פאָלקסשול, ווו מען לערנט די יידישע שפּראַך און ליטעראַטור. דער קלוב טראָגט טאַקע זיין נאָמען. יוסף ליפשיץ איז אַ חבר מיט טיפע געפילן פאַר געזעלשאַפט־לעכקייט, העלפט און שטיצט אונטער אַלץ, וואָס אים איז געווען טייער אין דער יוגנט מיט גרויס אידעאַליזם און איבערגעגעבנקייט.

* * *

אין אַפריקע, ווי שוין געזאָגט, העלף איך, צוזאַמען מיט אַנדערע בונ־דיסטן, די פאַרשיידענע „קאַמפּיינס" מיטן ציל צו שטאַרקן יידישע קולטור: דעם ראַוויטש־קאַמפּיין פאַר „ציש"אָ (צענטראַלע יידישע שול־אָרגאַניזאַ־ציע) אין פּוילן; דעם שטיינבערג־קאַמפּיין פאַר דער יידישער ענציקלאָ־פּעדיע; דעם קאַמפּיין פאַרן „ייוואָ" (יידישער וויסנשאַפטלעכער אינסטיטוט) און אַנדערע.

אין יאָר 1928 האָט דער ווילנער קולטור־ און שול־טוער משה שור געגרינדעט אין יאָהאַניסבורג אַ יידישע שול, וועלכע האָט ניט געהאַט קיין אריכת־ימים. מיט זיין אָפּפאָרן פון יאָהאַניסבורג שליסט זי זיך. דאַקעגן די שול, וועלכע עס גרינדעט דאָרטן דער בונדיסט און קולטור־טוער יצחק כאַרלאַש, אַנטוויקלט זיך און עקזיסטירט ביזן היינטיקן טאָג. די פּרוּוון צו גרינדן אַ יידישע שול אין קייפּטאָן האָבן זיך ניט איינגע־געבן. די יידישע קולטור־פעדעראַציע אין דרום־אַפריקע, אין וועלכער ס׳זענען פאַראייניקט אַלע יענע, וועלכע שטיצן די יידישע שפּראַך און קולטור, פירט אַ געוויסע קולטור־אַרבעט, לאָזט אַרויס דעם זשורנאַל „דרום־אַפריקע", אָבער אין דער דאָזיקער רייכער מדינה ראַנגלט זיך דער זשורנאַל מיט פינאַנסיעלע שוועריקייטן. אַ קליינע גרופּע יידישע אינ־טעליגענץ וויל מיט אַלע כוחות אויפהאַלטן יידיש־לשון, יידישן גייסט —

אַ קורס פאַר אינסטרוקטאָרן פון די פאַך־שולן פאַר סטאָליערײַ אין ווילנע — יאָר 1923.
עס זיצן (פון לינקס): יואל נאָוויקאָוו, אינזשיניער לעוו פרענקעל און אינזשיניער גאקנער.

דעם פלאַם פון יידישער קולטור און ליטעראַטור און דער רייכער יידישער יישוב אין גאָלדענעם דרום־אַפריקע באַציט זיך אינגאַנצן קאַלט צו איר גערעאַנגל. אַזוי אַרום ווערט די יידישע יוגנט פון טאָג צו טאָג אַלץ מער אָפּגעפרעמדט פון יידישן קולטור־קוואַל, פון זיינע גייסטיקע אוצרות און דער עלטערער עמיגראַנט, דער וואָס איז שוין עקאָנאָמיש אַרויפגעאַרבעט, איז אין בעסטן פאַל גלייכגילטיק צו די פּראָבלעמען, וואָס אין זייער ריכ־טיקער לעזונג איז אָפּהענגיק אונדזער ווייטערדיקער קיום ווי אַ פאָלק.

זינט דער אַנטשטייאונג פון מדינת־ישראל, דריקט זיין גאַנצע יידיש־קייט זיך אויס אין צאָלן פאַרן מגבית און אין קומען פון צייט צו צייט אַ קוק טאָן אויף מדינת ישראל, פרייען זיך מיט אירע דערגרייכונגען. אַליין אָבער בלייבט ער וווינען אין גאָלדענעם גלות. דאָס אַלץ — די דאָזיקע באַדינגונגען פון לעבן אין דרום־אַפריקע, צוזאַמען מיטן שווערן נעגער־פּראָבלעם, שאַפן אַ באַזונדערן געזעלשאַפטלעכן קלימאַט, וועלכן נישט יעדער קען סובל זיין. אויך איך האָב זיך אין יענעם לעבן נישט אַריינגעפּאַסט.

אייניקע פון מיינע באַקאַנטע פלעגן מיר זאָגן: „ביסט נאָך אַלץ אַ גרינער. — זע — פלעגן זיי טענהן — אין איין צייט געקומען אין לאַנד און וואָס פאַר אַ קאָנטראַסט ?.. מיר האָבן זיך ברוך השם צו ביסלעך אַרויפגעאַרבעט און דו — דו ביסט נאָך דער זעלבער ווילנער טרוימער"...

— יאָ; האָב איך זיי צוגעגעבן — כ'בין אַלץ נאָך דער זעלבער אַרבעטער, כ'בין נאָך אַלץ אַ גרינער...

* * *

אין יאָר 1939, ווען היטלער פאַרנעמט זיך צו באַהערשן די וועלט, אומצוברענגען דאָס אייראָפּעאישע יידנטום און דרום־אַפריקע שאַפט אַ פריי־ווילינע אַרמיי צו קעמפן אויף דער זייט פון די אַליאירטע, טרעטן פיל יידן פרייוויליק אַריין אין דער אַרמיי. נישט ווייניק יידישע יוגנט פון דרום־אַפריקע קומט אום אין די שלאַכטן מיט די היטלערישע אַר־מייען. ווען איך האָב זיך מאָביליזירט, בין איך שוין אַלט געווען העכער 50 יאָר. איך אַרבעט אין מיליטערישן לופט־פלאַט ביי עראָפּלאַנען. ביז סוף מלחמה שטיי איך אויף מיין פּאָסטן.

אין יאָר 1949, אויפן צווייטן יאָר פון דער אַנטשטייאונג פון דער מדינה קום איך קיין ישראל. דאָס ערשטע יאָר אַרבעט איך אין די „אָרט"־

פּאַד־שולן אַלס אינסטרוקטאָר פון סטאָליערײַ. שפּעטער אַרבעט איך אַלס ציווילער אַרבעטער אין ישראלדיקן לופט־פלאָט. איך אַרבעט אין פלאָט ביז כ׳גיי אַרויס אויף פּענסיע.

בונדישער אינטערנאַציאָנאַליזם

צווישן די הויפּט־פּראָבלעמען, וועלכע נורטעווען די אַרבעטער־באַוועגונג סוף 19־טן יאָרהונדערט און שפּעטער, פאַרנעמט אין דער אידעאָלאָגיע פון „בונד" דעם סאַמע אויבנאָן דאָס פּראָבלעם פון קאַמף פאַר נישט־געפעלשטער אינטערנאַציאָנאַלער ברודערשאַפט פון אַרבעטער־קלאַס.

דער „בונד" אין אַמאָליקן צאַרישן רוסלאַנד און פּוילן האָט פאַרשטאַנען, אַז די באַפרייאונג פון יידישן אַרבעטער־קלאַס קאָן ניט קומען אָן דער באַפרייאונג פון אַרבעטער־קלאַס פונעם לאַנד אין וועלכן עס לעבן די יידן. פון דאַנען די שטרעבונג, דער קאַמף זיינער צו ווערן אַ גלייכבאַרעכטיקטער טייל פונעם לאַנד־פּראָלעטאַריאַט אינעם קאַמף פאַר באַפרייאונג און — זיין, דעם „בונד"ס, קאַטעגאָרישע קעגנערשאַפט צו דער איינשטעלונג פון דער אַמאָליקער רוסישער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע: די צונויפשמעלצונג, צונויפגיסונג אין איין פאַרטיי.

גלייך נאָכן ערשטן צוזאַמענפאָר פון „בונד", שטעלט ער זיך די שווערע אויפגאַבע צו העלפן אָרגאַניזירן דעם גרינדונגס־צוזאַמענפאָר פון די רוסישע סאָציאַליסטן. ס׳איז באַקאַנט די פּיאָנערישע ראָל פון אַרקאַדי קרעמער ערב דער גרינדונגס־קאָנפערענץ פון דער רוסישער אַרבעטער־באַוועגונג. ווי אַ משולח פאָרט ח׳ אַרקאַדי אַרום איבער רוסישע שטעט און פאָדערט און מאָנט און וועקט צו טאָט די באַזונדערע אינטעלעקטועלע יחידים און קרייזן פון רוסישן סאָציאַליסטישן געדאַנק. די גרינדונגס־קאָנפערענץ פון דער רוסישער ס. ד. קומט פאָר אין מינסק ביי אַ זייער קליינער צאָל דעלעגאַטן און דער ערשטער צענטראַל־קאָמיטעט באַשטייט פון דריי מענטשן. ווי איינער פון די דריי ווערט אויסגעוויילט אַרקאַדי קרעמער פון „בונד". דער „בונד" איז פאַרטראָטן אַלס אויטאָנאָמע זעלבשטענדיקע פאַרטיי. ער העלפט דער רוסישער באַוועגונג מיט זיינע דערפאַרונגען אויפן געביט פון אַגיטאַציע און פּראָפּאַגאַנדע, ביים איינ־

יידישע קאָנדוקטאָרן אין קייפּטאָן, דרום־אַפריקע, אין יאָר 1935.
צווייטער פון לינקס (זיצנדיק): יואל באָוויקאָוו.

שטעלן אומלעגאַלע דרוקערייען — און אויף אַלע אַנדערע געביטן פון אומלעגאַלן קאַמף.

באַלד אויפן צווייטן צוזאַמענפאָר פון דער רסדאַפּ. טרעט דער „בונד" אַרויס פון דער פּאַרטיי צוליב די אויבן שוין דערמאָנטע טענדענצן פון צונויפגיסונג (אַסימילאַציע) ביי די רוסישע חברים. אָבער דער „בונד" קעמפט ווייטער פון דרויסן פאַר זיין אויטאָנאָמער זעלבשטענדיקייט אי־נערהאַלב דער רסדאַפּ. אין די שטורמישע יאָרן פון 6—5—1904, ווייזט דער „בונד" זיך אַרויס מיט זיין העראָישן מוט אין קאַמף מיט דער צאַ־רישער זעלבסטהערשאַפט, פאַרנעמט פאָדערשטע פּאָזיציעס אין די קאַמפן פון רעוואָלוציאָנערן טייל פון אַרבעטער־קלאַס אין רוסלאַנד און צווינגט אַרויף אויף דער אָנפירונג פון דער רסדאַפּ. ווידער אַריינצונעמען דעם „בונד" אַלס אויטאָנאָמען טייל פון דער אַלגעמיינער רוסישער אַרבעטער־באַוועגונג.

אויפן לאָנדאָנער פאַראייניקונגס־צוזאַמענפאָר (1907), איז דער „בונד" ווידער פאַרטראָטן מיט אַ געהעריקער דעלעגאַציע און פאַרנעמט אַ וויכ־טיק אָרט אויפן צוזאַמענפאָר. דאָס באַווייזט דעם כאַראַקטער, די פעסט־קייט זיינע, ווי אַ טייל פון דער גאַנצער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג פון רוסלאַנד און פוילן. דערפון דרינגט קאָנסעקווענט אַרויס זיין שפּעטער־דיקער אָנשלוס אינעם סאָציאַליסטישן אינטערנאַציאָנאַל, ווי אַ טייל פון דער גרויסער מחנה פון אינטערנאַציאָנאַלן פּראָלעטאַריאַט אין זיין קאַמף פאַר סאָציאַליזם. העכער צען יאָר גייט אָן אין די רייען פון „בונד" אין פוילן דער געפּעכט פאַר אָנשלוס אין סאָציאַליסטישן אינטערנאַציאָנאַל. אין יאָר 1930 ווערט דער אָנשלוס אַ פאַקט און אין 1931, טרעפן מיר שוין דעם „בונד" פאַרטראָטן מיט אַ געהעריקער דעלעגאַציע אויפן קאָנגרעס פון סאָציאַליסטישן אינטערנאַציאָנאַל.

מיר קערן זיך אום צום פערטן צוזאַמענפאָר פון „בונד" (1929) אין פוילן, אויף וועלכן איך בין דער דעלעגאַט פון די ווילנער „צווייער".

איך וועל קיינמאָל ניט פאַרגעסן דעם איינדרוק פון גרויסמייסטערישן געפּעכט צווישן הענריק ערליך, וויקטאָר אַלטער — די וואָרט־זאָגער פון די „איינסער" מיט יוסף לעשטשינסקי — כמורנער און חיים וואַסער פון די „צווייער", פאַרטיידיקנדיק זייערע קעגנגעזעצטע שטאַנדפּונקטן. מיט

מײַנע זין: אברהם און שלום, מיט זייערע פרויען און קינדער, אין דרום־אַפריקע.

וויפל מוט, ענערגיע און אָראַטאָרישן גלאַנץ עס זענען אויסגעפילט געוועזן ד׳י רעדעס פון די צדדים. אויפן באַנקעט — נאָכן צוזאַמענפאָר — ווידער רעדעס

עס גלאַנצט אויך אויפן צוזאַמענפאָר די הערלעכע געשטאַלט פון חבר נח (פּאָרטנאָי). מיט זיין קלוגער אָנפירונג מיט די זיצונגען גיט ער צו דעם צוזאַמענפאָר גרויס אינטערעס. נח פירט אַלע זיצונגען פונעם צוזאַמענפאָר.

דער פערטער צוזאַמענפאָר קלייבט צום ערשטן מאָל אויס דעם פּאַרטיי־ראַט — אַ מין ראַטגעבערישער אַנשטאַלט פאַר פראַגן, וועלכע שטייען אויפן סדר־היום פון דער פּאַרטיי. דער פּאַרטיי־ראַט נעמט ניט אָן קיין אָבליגאַטאָרישע באַשלוסן. די דאָזיקע רעכט ליגט ווייטער אין דער אויס־שליסלעכער קאָמפּעטענץ פון צענטראַל־קאָמיטעט. אַננאַ ראָזענטאַל און איך ווערן אויסגעוויילט אַלס מיטגלידער פון פּאַרטיי־ראַט. אומגעפער אין אַ האַלב יאָר אַרום קומט פאַר די ערשטע זיצונג פון פּאַרטיי־ראַט. איך בין געקומען צו די פאַרהאַנדלונגען זיינע. באַלד נאָך דער שליסונג פון די זיצונגען, הויבט זיך אָן דער צוזאַמענפאָר פון די קולטור־אַמטן פון די פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען. וויקטאָר אַלטער — דער פאָרזיצער פון לאַנד־ראַט באַגריסט דעם צוזאַמענפאָר אין נאָמען פון צענטראַל־קאָמי־טעט פון „בונד״. אַ חבר פון די וואַרשעווער חסדלעך (וועגעלעך־פירער) באַגריסט דעם צוזאַמענפאָר כהאי לישנא:

— „דער „בונד״ האָט אונדז, חסדלעך, אויפגעהויבן פון ברוק, גע־געבן אונדז אַ גלויבן, געלערנט אונדז פירן דעם קאַמף פאַר אַ בעסער מענטשלעך לעבן, פאַר פרייהייט און רעכט״. די דעלעגאַטן אַפּלאָדירן שטאַרק דעם רעדנער.

העלדן און מארטירער אין דער געשיכטע פון „בונד״

דער „בונד״ דערציט הונדערטער, טויזנטער העלדן, באַזונדערס אין דער תקופה פון פאַרשאַרפטן קאַמף קעגן דער צאַרישער זעלבסטהערשאַפט. אין זיינע רייען וואַקסן אויס טויזנטער קעמפער. דאָס זיינען מענטשן, וועלכע ווייסן ניט פון קיין שרעק. זיי קעמפן אויף די באַריקאַדן, דעמאָנס־טראַציעס און מאַניפעסטאַציעס. אָפט — אין דירעקטן קאַמף מיט דער

פּאָליציי, זשאַנדאַרמעריע און מיליטער. פאַר דרוקן אויפרופן, פאַר פאַר־שפּרייטן זיי, פאַר אומלעגאַלע פאַרזאַמלונגען אין די וועלדער, אויף די בוידעמער, — ווערן אַרעסטירט, געפּייניקט אין די פּאָליציי־אוטשאַסט־קעס, פאַרשיקט אויף קאַטאָרגע אין די ווייטע סטעפּעס פון סיביר, אין די טורמעס און אומעטום — טויזנטער, טויזנטער חברים. זיין אַ רע־וואָלוציאָנער, אַ סאָציאַליסט, הייסט אין יענער צייט גרייט זיין מקריב צו זיין דאָס אייגענע לעבן. אויף סאָוויעט־רוסלאַנד ברענגט אום די בונ־דישע פירער: מאַרק ליבער, אַננאַ ראָזענטאַל, הענריק ערליך, וויקטאָר אַלטער און אַ סך, אַ סך אַנדערע. אָפּגערעדט פון היטלערס געסטאַפּאָ... געגנוג צו דערמאָנען די פאַרטיזאַנער פון ווילנער קאַמפּס־אָטריאַד, די בונ־דיסטן אַבראַם כוואָיניק און אַסיע ביק, וועלכע ווערן געהאָנגען אויפן פּלאַץ אין ווילנע.

* * *

בונדישע העלדן... מאַרטירער פאַר גערעכטיקייט... אייביק וועט שיי־נען דאָס ליכטיקע געשטאַלט, די הויכע מאָראַל און גייסט פון דעם פּשוטן שוסטער־אַרבעטער הירשקע לעקערט, וועלכער לייגט אַוועק זיין יונג לעבן, אויף דער עקידה פון פרייהייט, שיסנדיק אין צאַרישן סאַטראַפּ, דעם ווילנער גובערנאַטאָר, פאָן־וואַל, פאַר שמייסן מיט נאַסע ריטער די באַטייליקטע אין דער ווילנער ערשטער־מאַי־דעמאָנסטראַציע פון 1902. ער טוט דאָס אויף אייגענער האַנט, אָן דעם וויסן פון ווילנער פּאַרטיי־קאָמיטעט. ער וואַרט אָפּ דעם גובערנאַטאָר, ווען יענער גייט אַרויס פון צירק און צילט אין אים אַריין די קוילן פון זיין פּיסטאָלעט. זיין הע־ראָישע טאַט קלינגט אָפּ איבער דער גאַנצער לענג און ברייט פון רוסלאַנד און — איבער דער גאַנצער וועלט. ס'איז איבעריק צו זאָגן, אַז דאָס האָט הירש לעקערט גענומען נקמה נישט בלויז פאַר די געשמיסענע יידי־שע אַרבעטער — זיינע חברים, נאָר אויך פאַר דעם גאַנצן דורך דורות אונטערדריקטן און געפּייניקטן רוסישן פאָלק. ווידער חזרט זיך איבער די געשיכטע פון דוד מיט גליתן... פאַר הונדערטער, הונדערטער יאָרן פלאַמען ווידער אויף די בלעטער פון דער יידישער געשיכטע מיטן פלאַם פון יידישער גבורה...

ווי דרייסט הירש לעקערט שפּרייזט אַרויף צו דער תליה! — זיין ענטפער דעם קאַזיאָנעם ראַבינער: „כ'בין ניט שולדיק! — שולדיק איז

דער מערדער, דער גובערנאַטאָר פאָן־וואַל!" — קלינגט ווי אַ מעכטיקער אַרויסרוף, ווי אַ גרויסער באַשולדיקונגס־אַקט קעגן דער צאַרישער סאַט־ראַפּיע און קעגן אומרעכט בכלל. מען איז הירשקען מקבר אויפן אָרט פון זיין עקזעקוציע און אַ באַטאַליאָן סאָלדאַטן צעטרעטן זיין קבר, אַז ס׳זאָל קיין שפור דערפון ניט בלייבן... געווען אַ צייט, ווען מען האָט געזוכט זיין קבר, געוואָלט ברענגען זיינע ביינער אויף אַ באַשטימט פּאַסיק אָרט און שטעלן אים אַ דענקמאָל. מ׳האָט אָבער זיין געביין ניט געפונען.

אין מיין צייט לעבט נאָך אין ווילנע דער אַלטער פאָטאָגראַף צי־נאָוויעץ. די פּאָליציי פלעגט אים נעמען אויף צו מאַכן פאָטאָגראַפיעס אין טורמע. האָט ער מיר דערציילט:

— ווען כ׳בין אַריין אין זיין צעלע, האָט מיך הירשקע געפרעגט: „וואָס מאַכט דער הונט פאָן־וואַל?" אויף דעם פאָטאָגראַפס ענטפער, אַז פאָן־וואַל איז טויט, האָט הירשקע געזאָגט: „איצט קאָן איך שוין רואיק שטאַרבן"...

אין זיין רעפעראַט אויף דעם אידעאָלאָגישן כינוס אין ירושלים (1958) האָט דער דיכטער ה. לייוויק ז"ל געזאָגט:

— „די מאָראַל און הייליקייט פון הירש לעקערט איז פיל שטאַרקער און טיפער ווי די טאַט פון דודן, וועלכער האָט געטויט מיט אַ שטיינדל גלית הפלישתי"...

* * *

1906 אין אָדעסער פּאָרט. דער מיליטערישער ים־פּלאַט א.ג. פון גראַף פּאָטיאָמקין הויבט אויף די פאָן פון מרידה קעגן צאַריזם. אין אָט דעם אויפשטאַנד שפּילט אָפּ אַ וויכטיקע ראָל די בונדיסטין אַננאַ ליפּשיץ. אַ טאַלאַנטפולע רעדנערין, טרעט זי אַרויס אויף די מיטינגען פון די מאַטראָסן. אירע רעדעס צינדן אָן די מאַטראָסן און אונטער דער ווירקונג פון איר צעגליט וואָרט ברעכט אויס דער בונט.

בעת מיין צוזאַמענטרעף מיטן חבר עמנאל נאָוואָגראָדזקי, ווען מיר פאָרן צוזאַמען, ווי שוין דערמאָנט, אין צוויי באַזונדערע שליחותן קיין מאָסקווע, ער — פון „בונד" אין פּוילן, און איך — פון „בונד" אין ליטע, פאַרנעמט זיך דער סאָוויעטישער אַמבאַסאַדאָר אין קאָוונע מיטן איינ־אָרדענען אונדזער נסיעה. אונדז קומט אויס צו זיין ביים סאָוויעטישן אַמבאַ־

סאַדאָר אויף אַ מיטאָג. דעמאָלט איז דער סאָוויעטישער פאָרשטייער נאָך טאָלעראַנט צום „בונד״. אויף יענעם מיטאָג איז געווען אַנוועזנד דאָס גאַנצע פערסאָנאַל פון דער אַמבאַסאַדע. דער אַמבאַסאַדאָר, אַקסעלראָד (אַן אָדעסער ייד), שמועסט מיט אונדז וועגן „בונד״ אין דער פאַרגאַנגענהייט. ער דערציילט אונדז, אַז ער געדענקט דעם מאַטראָסן־אויפשטאַנד אין אָדעס און די גרויסע ראָל, וואָס עס שפּילט אין דעם אויפשטאַנד די בונדיסטין אַננאַ ליפשיץ. „איר גרויסע אָראַטאָרישע קראַפט — האָט ער געזאָגט — האָט גורם געווען די וויכטיקע געשעענישן אין דעם מיליטערישן פּלאַץ״...

אינעם אַרטיקל וועגן מאַטראָסן־אויפשטאַנד, דערמאָנט די סאָוויעטישע ענציקלאָפּעדיע מיט קיין וואָרט ניט די בונדיסטין אַננאַ ליפשיץ. כ׳האָב אַמאָל אין אַ בריוו צו נאָוואָגרודזקין דערמאָנט אים אונדזער שמועס אין קאָוונע מיטן אַמבאַסאַדאָר אַקסעלראָד. ער האָט מיר געענטפערט, אַז ער געדענקט דעם שמועס זייער גוט.

* * *

1905. די כוואַליע פון דער רעוואָלוציע שטייגט אַלץ העכער און העכער, דרינגט אַריין ברייטער און טיפער, פאַרכאַפּט גאַנץ רוסלאַנד, די אַרבעטערשאַפט, די אינטעליגענץ. אויך צווישן די מיטל־שיכטן און אין די בורזשואַזע ספערן דרינגט אַריין אַ געוויסער ליבעראַליזם.

ריגע איז אַן אינדוסטריעלע שטאָט מיט אַ גרויסן פּראָלעטאַריאַט פון רוסן און לעטן. יידישע אַרבעטער זענען דאָרט פאַראַן ווייניק. דאָך איז די בונדישע אָרגאַניזאַציע דאָרט שטאַרק טעטיק. אין יענער צייט געפינט זיך אין ריגע אַ בונדיסט מיטן נאָמען „מאַקסים״ (זיין אמתער נאָמען: קלעוואַנסקי). דער דאָזיקער מאַקסים ווערט דער פירער פון גאַנצן פּראָלעטאַרישן לאַגער אין שטאָט: פון דעם רוסישן, לעטישן און יידישן. ער איז דער פירער פון די אַלגעמיינע שטרייקן פון גאַנצן אַרבעטער־קלאַס, שטייט אין שפּיץ פון אַלע מאַניפעסטאַציעס, דעמאָנסטראַציעס אין ריגע, באַזונדערס באַרימט איז מאַקסים ביי די אייזנבאַנער. די אַרבעטער פון דעפּאָ ווילן נישט צושטיין צו די אַלגעמיינע שטרייקן, וועלכע ווערן דורכגעפירט אין ריגע. זיי לאָזן ניט צו צו זיך קיין רעדנער, ניט פון רוסן, ניט פון לעטן. דער בונדיסט מאַקסים באַקומט זיך עפּעס אויף אַ געהיימען אופן אַריין אין דעפּאָ און רעדט צו זיי וועגן דער רוסישער באַ־

פּרייאונגס־באַוועגונג און אירע צילן. עס געלינגט אים אין אַ קורצער צייט אַרויסצופירן די אייזנבאַנער אויפן גאַס. זיי נעמען אַן אַקטיוון אָנטייל אין אַלע רעוואָלוציאָנערע אַרויסטרעטונגען און אַקציעס.

אין ריגע ווערט געשאַפן דער פּאַראייניקטער קאָמיטעט פון „בונד", רסדאַפּ. און פון די לעטישע ס. ד. מיט דעם קאָמיטעט פירט אָן מאַקסים. די מאַניפעסטאַציעס און דעמאָנסטראַציעס אין די יום־טוב־טעג פונעם באַרימטן צאַרישן מאַניפעסט ווערן אויך אָנגעפירט דורך אים.

נאָך די פרייהייטס־טעג, ווען אין רוסלאַנד הייבט זיך אָן אַ שווערע רעאַקציע מיטן ציל צו דערשטיקן די רעוואָלוציע, קומט אַראָפּ קיין ריגע אַ שטראָף־עקספּעדיציע. מאַקסים מוז אַנטלויפן, עס דראָט אים טויט־שטראָף. ער שווימט שפּעטער ווידער אַרויף אויף אַ קורצער צייט אין לאָדזש, איז טעטיק אין דער דאָרטיקער בונדישער אָרגאַניזאַציע, איז אַפילו דעלעגירט פון לאָדזשער קאָמיטעט פון „בונד" אויפן פאַראייניקונגס־צוזאַמענפאָר אין לאָנדאָן (1907). פון נאָכן לאָנדאָנער צוזאַמענפאָר הערט מען מער ניט פון מאַקסימען. אַראָפּ פון דער פּאָליטישער אַרענע. זיינער צייט אָבער איז ער פון די העלדן פון דער רוסישער רעוואָלוציע — דער־צויגן און אויסגעוואַקסן אין „בונד".

* * *

ווילנע. די רעוואָלוציאָנערע כוואַליע אין רוסלאַנד ווערט אין ווילנע געלענקט אויסשליסלעך דורכן „בונד". די אַנדערע פּאַרטייען, פּוילישע און רוסישע, האָבן אין ווילנע אַ שוואַכן, גישט קענטיקן איינפלוס.

אין די חדשים סעפּטעמבער־אָקטאָבער 1905 — די שטורעם־טעג פון דער רעוואָלוציע — ווערט דער ווילנער אַרבעטער־קלאַס געפירט דורכן „בונד".

איינער פון די העלדן פון יענע טעג איז דער חבר אַרן (אהרן דעוועד־נישעווסקי). חבר ארן שטאַמט פון אַ קליין שטעטל ביי ווילנע, געווען אַ תלמיד פון דער וואָלאָזשינער ישיבה און אַ גרויסער למדן. נאָך דער ישיבה טרעט ארן אַריין אין „בונד" און ווערט גלייך די נשמה פון דער רעוואָלוציע אין ווילנע.

...אַלגעמיינער שטרייק אין ווילנע. אַלץ — דאָס גאַנצע לעבן אין שטאָט איז אָפּגעשטעלט. די גאַסן — ניט באַלויכטן. אויף די הויפּט־גאַסן געאָרגיעווסקי, זאַוואַלנע א״א, גרויסע דעמאָנסטראַציעס. אויף די

גאַסן־ווינקלען שטייען רעדנער און ריידן. עס קומט אָן מיליטער אין פולער אויסשטאַטונג. עס פאַלט אַ באַפעל: שיסן! עס פאַלן צענדליקער טויטע און פאַרוואונדעטע. די דעמאָנסטראַציעס זענען אויפגעלייזט. דער ווילנער קאָמיטעט פון „בונד" באַשליסט איינצואָרדענען אַ גרויסע חברישע לוויה. די שטאָט איז פּאַטראָלירט פון מיליטער. דער ווילנער קאָמיטעט באַשליסט צו פאָדערן, אַז די מאַכט זאָל אָפּרופן דאָס מיליטער פון די גאַסן בעת דער לוויה און דער חבר ארן נעמט זיך אונטער איי־בערצוגעבן די פאָדערונג דעם גובערנאַטאָר. ער וואַרט אים אָפּ ביי זיין קאַנצעלאַריע. ווען דער גובערנאַטאָר פאָרט צו צום הויז, גייט אים אַרן אַנטקעגן און זאָגט: „נעמט צו דאָס מיליטער פון די גאַסן, מיר ווילן איינ־אָרדענען די לוויה פון די קרבנות, געפאַלענע פון די שאָסן פון מיליטער". דער גובערנאַטאָר קוקט אים אָן פאַרוואונדערט און פרעגט: „אין וועמענס נאָמען רעדסטו?"

— „אָט אימעני קאָמיטעטאַ בונדאַ!" — ענטפערט אַרן.

וויפל מוט, וויפל פיזישע און גייסטיקע כוחות האָט מען באַדאַרפט פאַרמאָגן צו קאָנען אין יענע „הייסע" טעג זאָגן צום גובערנאַטאָר: „איך רייד אין נאָמען פון „בונד"!...

די לוויה איז געווען אַ גראַנדיעזע. עס גייען נאָכן אָרון הונדערטער אַרבעטער, יידן און קריסטן. רויטע פענער. קרענץ. רעדעס...

חבר ארן וואַקסט אויס הויך, באַפליגלט פון דער רעוואָלוציע, פון „בונד"...

עס קומען אָן די פרייהייטס־טעג פון 17־טן אָקטאָבער (1905), — די רעוואָלוציאָנערע יום־טוב־טעג פון מאַניפעסט. אַלץ און אַלע גע־פינען זיך אויף די גאַסן. מען מאַרשירט. מען זינגט. רעדעס. פרייהייט. אַלע האָבן פלוצים באַקומען פליגל... עס דויערט אָבער ניט לאַנג. גאָר אין קורצן הייבן זיך אָן אַנטי־יידישע פּאָגראָמען איבערן גאַנצן לאַנד. די רעוואָלוציאָנערע כוואַליע פאַלט אָפּ. אַ געוויסע צייט איז דעוועני־שעווסקי נאָך טעטיק. געזוכט פון דער אָכראַנע, ווערט ער אויף אַ צייט נעלם, באַהאַלט זיך אויס. אַ פאַרפאָלגטער, ווערט אים נמאס צו לעבן אומ־לעגאַל, ער מעלדעט זיך אין דער מינסקער פּאָליציי, בעטנדיק אַ רעהאַ־ביליטאַציע. מען פאַרשיקט אים אין ווייטן סיביר. נאָך דער פעוורואַל־רעוואָלוציע (1917), קומט ער צוריק אַ פאַרלאָשענער. ער גייט אַוועק

פון דער באַוועגונג. עס פאַלן אַראָפּ פון אים די פליגל פון דער רעוואָלו־ציִע... ער ענדערט זיך דעם נאָמען און ווערט דער באַקאַנטער דראַמאַ־טורג א. ווייטער.

* * *

אַפּריל 1919. אין ווילנע דויערן די קאַמפן צווישן די פוילישע לעגיאָנערן און די טיילן פון דער רויטער אַרמיי. עמעצער וויזט אָן אויף ווייטערן ווי אויף אַ באָלשעוויק. פוילישע לעגיאָנערן פירן אים אַרויס פון זיין צימער אויף אַלעקסאַנדראָווסקי־גאַס און דערשיסן אים אויפן

יואל נאָוויקאָוו, פרייוויליקער אין מיליטערישן לופט־פלאָט אין דרום־אַפריקע, אין די מלחמה־יאָרן 1939—1945.

אַרט. אַזוי קומט טראַגיש אום נאָך איין העלד, וועלכער שפּילט אַ וויכ־טיקע ראָל אין די רעוואָלוציאָנערע געשעענישן אין ווילנע אין די שטור־מישע טעג פון דער רוסישער רעוואָלוציע.

די דאָזיקע אַלע העלדן, מאַרטירער פון דער רעוואָלוציע הייליקן מיט זייער לעבן און טויט דעם אייגענעם אָנדענק, שטעלן אויף דורך מעשים זייערע אייגענע דענקמעלער.

אין אונדזערע געפילן און מחשבות וועלן זיי פאַרבלייבן ווי די וועג־ווייזער צו אַ שענערער וועלט — צו אַ וועלט פון פרידן און גערעכטיקייט.

דעם אָנדענק פון מיין חבר און פריינד בענצל צאַלעוויטש

מיטן טויט פון בענצל צאַלעוויטש (1962), איז אַוועק איינער פון די לעצטע פונעם דור יידישע אַרבעטער־אינטעליגענץ, וואָס האָט פאַר־נומען אַ באַדייטנדיק אָרט אין דעם קאַמף מיטן צאַריזם אין רוסלאַנד.

צאַלעוויטש, ווי פיל אַנדערע פון זיין דור אַרבעטער, קומט פון אַן אָרעמער אַרבעטער־משפּחה. אָנהייבנדיק פון די גאָר יונגע יאָרן, ווערט ער אַריינגעצויגן אין „בונד״ פון סאַמע אָנהייב פון דער גרינדונג זיינער. העכער 60 יאָר פון זיין לעבן דינט צאַלעוויטש דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג — דעם „בונד״. אין צאַלעוויטשן, אין אַלע זיינע טואונגען שפּיגלט זיך אָפּ דער רעוואָלוציאָנערער אידעאַליזם און העראָיזם פון דער עפּאָכע פון 1905־טן יאָר.

אין די יאָרן 6—5—1904 — די יאָרן פון דירעקטן קאַמף מיט דער צאַרישער פּאָליציי און זשאַנדאַרמעריע — געהערט בענצל צום אַוואַנ־גאַרד. ער איז אַקטיוו ביים פאַרטיילן אומלעגאַלע ליטעראַטור, איז טעטיק אין זעלבשוץ („סאַמאָ־אָבאָראָנא״), וועלכע קעמפט מיט די כוליגאַנעס, פּאָגראָמשטשיקעס. ניט ווינציק גיבן אָפּ זייער לעבן אין דאָזיקן דירעקטן קאַמף.

צום ערשטן מאָל באַגעגן איך צאַלעוויטשן אויף דער בונדישער קאָנפערענץ, אָרגאַניזירט פון ווילנער „בונד״ (זומער 1918). אין דער קאָנפערענץ באַטייליקן זיך דעלעגאַציעס פון ווילנע, ביאַליסטאָק, גראָדנע און אַנדערע שטעט. בענצל צאַלעוויטש קומט מיט דער דעלעגאַציע פון

בי׳אַליסטאָק. ווי דעלעגאַטן פון ווילנע, באַטייליקן זיך אין יענער קאָנ־פערענץ די ווילנער טוער: מאַקס ווייגרייך, שלמה קלייט, ניסן פופס און אַנדערע. ס׳איז די צייט פון דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע. די באָלשע־וויסטישע לאָזונגען: פרייהייט, סאָציאַליזם שניידן דורך ווי אַ בליץ די הימלען פון אייראָפּע, אַמעריקע און פון דער גאַנצער וועלט. דער מעכ־טיקער שטראָם רייסט־מיט גרויסע טיילן פון דער אייראָפּעאישער אַר־בעטערשאַפט און פאַרכאַפּט אויך באַדייטנדיקע טיילן פון „בונד״. די דאָזיקע שטימונגען... קומען צום אויסדרוק אויף דער קאָנפערענץ.

צאַלעוויטש איז ניט באַאיינפלוסט פון אַט די שטימונגען. ער איז פאַר אויסנוצן די געשאַפענע סיטואַציע, אין רעזולטאַט פון פאַרלאָזן דורכן דייטשן אָקופּאַציע־מיליטער די באַזעצטע דורך זיי געביטן, פאַר שאַפן אַרבעטער־ראַטן, איינפירן אַ דעמאָקראַטישע מלוכה־פאָרם — דורך אַ פאַר־לאַמענט, דאָרפישע און שטאָטישע ראַטן אדג״ל.

בענצלס טעטיקייט איז מיר באַקאַנט נאָך פון פריער, פון 1910. אין יענעם יאָר קומט פאַר אין לעמבערג די 8־טע קאָנפערענץ פון „בונד״. ס׳איז די צייט פון ווידער־אויפלעבונג פון די בונדישע אָרגאַני־זאַציעס. דער בונדישער ראַיאָן בויט זיך אויף, נאָך דער אכזריותדיק־בלוטיקער רעאַקציע פון נאָך דער רעוואָלוציע פון 1905־טן יאָר. אין אַט דער אויפלעבונג פון „בונד״ נעמט צאַלעוויטש אַן אַקטיוון און באַ־דייטנדיקן אָנטייל.

אַ העלפט פון זיין לעבן לעבט חבר צאַלעוויטש אויס אין ארץ־ישראל, אין מדינת־ישראל. ווען ער קומט אין 1923 אַהער, טרעפט ער דאָ די בעקער־אַרבעטער אין אַ קלאָגעדיקן מצב. מען האָט באַדאַרפט ווי אַמאָל אין צאַרישן רוסלאַנד אָנהייבן אַלץ פון דאָס ניי. אַליין אַ בעקער־אַרבעטער, נעמט ער זיך אָרגאַניזירן די בעקער פון תל־אביבער קרייז. ער שאַפט דעם פראָפעסיאָנעלן פאַראיין פון די בעקער־אַרבעטער, שליסט אים אָן אין דער הסתדרות, פירט דורך שטרייק־אַקציעס. די בעקער־אַרבעטער הייבן אָן באַקומען בעסערע לוינען, אַ נאָרמאַלן אַרבעטס־טאָג. עס הויבט זיך אויף זייער עקאָנאָמישער סטאַנדאַרט.

יידיש איז דעמאָלט דיסקרימינירט, אָבער צאַלעוויטש רעדט צו די בעקער־אַרבעטער יידיש. די גאַנצע פּראָפעסיאָנעלע אַרבעט ווערט גע־פירט אין יידיש. נישט געקוקט אויפן גוואַלדיקן געזעלשאַפטלעכן דרוק

פון די א״ג העברעער, פאַרשפּרייט ער יידישע צייטונגען, זשורנאַלן, בי־כער. זיין וווינונג אויף באַזעל־גאַס 13 ווערט אַ וועלט־אַדרעס פאַר יידישע שרייבער, פאַרלעגער און קולטור־טוער פון אומעטום. אין יענע הייסע טעג פון „רק עברית״, איז ער דער פּיאָנער־אַמבאַסאַדאָר פון יידיש אין לאַנד.

נאָכן היטלער־קאַטאַקליזם, ווען יידיש רייסט זיך אַריין מיט שטורעם אין לאַנד צוזאַמען מיט די טויזנטער עולים פון מזרח־אייראָפּע און שפּעטער בעתן אויפקום פון דער מדינה, ווען די עליה גייט שוין אין די צענדליקער און הונדערטער טויזנטער, טרעפט שוין יידיש דאָ, אַ דאַנק צאַלעוויטשן, אַ צעאַקערט פעלד: יידיש פאַרקלינגט דאָס לאַנד. עס קומט אויף אַ יידי־שע פּרעסע, יידיש טעאַטער, יידישע לעקציעס און פאַרלעזונגען. היינט פאָדערט שוין יידיש רעכט פאַר זיך אין די רעגירונגס־אינסטיטוציעס, אין סוכנות, אין די געזעלשאַפטלעכע אַנשטאַלטן, לערנען יידיש אין דער גרונט־שול, אין דער מיטלשול אדג״ל.

ווען ס׳קומען אָן די ערשטע הונדערטע בונדיסטן אין לאַנד אַריין ווערט צאַלעוויטש דער מיטגרינדער פון דער בונדישער אָרגאַניזאַציע אין ישראל און דער פאָרזיצער פון לאַנד־קאָמיטעט. ער ווערט אויך דער מיטגרינדער פון דער ערשטער יידישער נאָכמיטאָג־שול, ווו עס ווערט געלערנט יידיש און יידישע ליטעראַטור. ס׳ווערט פאַרווירקלעכט אַ חלום: אין מדינת־ישראל — אַ שול אין יידיש... פיל פון זיין צייט גיט צאַלע־וויטש אַוועק פאַר דער אַנטוויקלונג פון דער שול. נישט געקוקט אויף זיין טיפן עלטער (ער שטאַרבט ביי 79 יאָר) און שוואַכן געזונט־צושטאַנד, פלעגט ער קומען יעדן טאָג אין ביוראָ פון „בונד״ באַהאַנדלען און דער־ליידיקן טאָג־טעגלעכע פּראַקטישע ענינים.

צאַלעוויטש לעבט איבער אין לאַנד אַ גרויסע טראַגעדיע. עס שטאַרבט אים אַ זון — זייער אַ פעיקער זון — און ער געפינט טרייסט אין דער בונדישער סאָציאַליסטישער אַרבעט. זיין געטרייע חברטע, זיין לעבנס־באַגלייטערין פאַרלייכטערט אים פיל אין זיין שווערן מצב.

בענצל צאַלעוויטש איז פאַרוואָרצלט אין לאַנד מיט זיין משפחה (זיינע ברידער קומען נאָך פריער פאַר אים אין לאַנד אַריין), פרוי און קינדער.

אין פרינציפיעלע פראַגן, פאַרבונדענע מיטן לאַנד ישראל אָדער אין פראָבלעמען פון אַלגעמיינעם אַלוועלטלעכן כאַראַקטער פאַרטיידיקט ער זיין שטעלונג מיטן גאַנצן ערנסט. אויף פאַרטיי־פאַרזאַמלונגען שלאָגט ער זיך פאַר זיינע אמתן מיט גרויס אייפער. ער האָט פאַרמאָגט אַ שטאַרק אַנטוויקלט געפיל פאַר גערעכטיקייט און האַרטנעקיק זיך געהאַלטן ביי דעם.

ער האָט זיך קיינמאָל פאַר קיינעם ניט געבויגן. אויף איינער אַ בונ־דישער פאַרזאַמלונג האָט ער געהאַט דעם מוט צו זאָגן צו זיינע קעגנער:

...מיך שרעקט ניט צו בלייבן מיט מיינע אידעאישע איבערצייגונגען מיט דער מינדערהייט און — אויב נויטיק — איינער אַליין...

...ביימער שטאַרבן שטייענדיק. ביז זיין לעצטן אָטעם־צוג שטייט ער פעסט אויף זיינע אידעאישע פּאָזיציעס, טריי און איבערגעגעבן זיינע יוגנט־אידעאַלן — די אידעאַלן פון דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג — פון „בונד”.

פאַר זיין טויט זאָגט צאַלעוויטש:

... מיין גאַנץ לעבן איז געווען אין „בונד”. אַזוי איז אויך אָנגעשריבן אויף זיין מצבה.

די רוסישע רעוואָלוציע פון 1917

פאַרוואָס פירט דער באָלשעוויזם איין אַזאַ שרעקלעכן טעראָר, דריקט אונטער יעדן פרייען געדאַנק, ברענגט אום אייגענע פירער, די פירער פון דער רעוואָלוציע? כדי צו ענטפערן אויף דעם, וועלן מיר פּרוּוון גרייכן צו זיין אָנהייב, צום באַגינען, ווען די רוסישע סאָציאַל־דעמאָקראַטיע שטעלט אירע ערשטע שריט.

אויפן צווייטן צוזאַמענפאָר פון דער רוסישער ס. ד. שפּאַלט זיך די פאַרטיי אויף באָלשעוויקעס און מענשעוויקעס און די שפּאַלטונגען הערן ניט אויף אויך נאָכדעם. וועלכע זענען די סיבות פון די כסדרדיקע שפּאַל־טונגען? ביז דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע זענען די פירער פון דער רוסישער ס. ד. אָפּגעריסן פון דער רוסישער אַרבעטערשאַפט, פון פאָלק. די קליינע גרופּע אינטעליגענטן: פּלעכאַנאָוו, לענין, מאַרטאָוו, טראָצקי א"א, זיצט

שטענדיק אין אויסלאַנד, זי איז נישט פאַרבונדן מיט די רוסישע מאַסן, — גענעראַלן — אָן אַן אַרמיי. אַלע אַרויסטרעטונגען, רעוואָלוציאָנערע אויס־דריקן און אַקציעס פון די רוסישע מאַסן, פון דער אַרבעטערשאַפט, פון פאָלק טראָגן אַ סטיכישן כאַראַקטער, זענען ניט פּלאַנמעסיק אָרגאַניזירט און צוגעגרייט, זענען ניט דיסציפּלינירט; עס פעלט זיי די אחריות, למשל, פון „בונד" אין רוסלאַנד, וועמענס דיסציפּלין איז אַ פעסטע, זיינע אַקציעס — געפּלאַנטע. פון דעם ערשטן צוזאַמענפאָר פון דער ס. ד. (1898) ביזן צווייטן צוזאַמענפאָר (1903), דויערט 5 יאָר. די דאָזיקע 5 יאָר האָבן געקענט זיין דער פרוכטבאַרסטער צייט־אָפּשניט פאַר רעוואָ־לוציאָנערער פּראָפּאַגאַנדע און אַגיטאַציע. און אין רוסלאַנד האָט דאָס געפעלט!

די שפּאַלטונג אויפן צווייטן צוזאַמענפאָר קומט נישט צוליב פּראַג־מאַטישע, אידעאָלאָגישע חלוקי־דעות, נאָר צוליב אָרגאַניזאַציאָנעלע מאָטיוון, צוליבן פּאַרטיי־סטאַטוט. מען קאָן צווישן זיך ניט מושווה ווערן, וויאַזוי עס זאָל אויסגעבויט ווערן די פּאַרטיי... צענטראַליסטיש, ווי לענין האָט עס געוואָלט, אָדער דעמאָקראַטיש — ווי עס האָבן געפאָדערט די מענשעוויקעס. וואָס שפּעטער, ווערן די מיינונגס־פאַרשידנהייטן אַלץ טי־פער, פאַרוואַנדלען זיך אין אידעאיש־פּאָליטישע שטרייטן. און דאָס אַלץ — ווייל די אָנפירונג זיצט נישט אין דער היים, מיטן פאָלק, עס פעלט איר שורש... עס פעלט איר לעבעדיקער קאָנטאַקט... די סטראַ־טעגיע פון דער רוסישער רעוואָלוציע איז אַ האָטעל־סטראַטעגיע, זי ווערט געגרייט און אויסגעאַרבעט אין פרעמדע, אויסלענדישע האָטעלן. פון דאַנען — די צעריסנקייט אין די רייען פון דער אָנפירונג. יעדער פירער ווערט אַ פּאַרטיי פאַר זיך, לפחות אַ פראַקציע: פּלעכאַנאָוו — רעכטער פליגל; לענין — לינקער; מאַרטאָוו — אַ פּאַרטיי. דאָס זעלבע טראָצקי — צענטער. אַלע ריכטונגען און פראַקציעס זענען איינס, אַז רוסלאַנד דאַרף ווערן אַ דעמאָקראַטישע רעפּובליק. די חלוקי־דעות וואַקסן אויס אַרום דעם מעטאָד, טאַקטיק און סטראַטעגיע. מען קען זיך ניט אייניקן אַרום דער פראַגע: וועלכע וועגן פירן צו דער דעמאָקראַטישער רעפּוב־ליק? לענין, למשל, האַלט, אַז עס דאַרף צוגעגרייט ווערן אַ באַוואָפנטער אויפשטאַנד און אַפילו באַשטימט ווערן די צייט פון זיין אויסברוך. ער האָט געהאַלטן, אַז אַ באַוואָפנטער אויפשטאַנד צו שטירצן דעם צאַריזם

דאַרף זיך אָנהייבן אין האַרבסט, ווען דער רוסישער פויער האָט צייט, ווען ער האָט שוין אַראָפּגענומען די תבואה פון די פעלדער. וואָס ווייטער — אַלץ מער וואַקסן די חלוקי־דעות, פאַרשאַרפן זיך.

קערענסקיס פּאָליטישע צעשוווּמענקייט בעת דער פעברואַל־רעוואָלוציע האָט ווי אַריינגעלייגט די מאַכט, דעם גורל פון רוסישן פאָלק אין די: הענט פון די באָלשעוויקעס: דאָס ניט וועלן פאַרענדיקן דעם קריג, וועלכער האָט שוין געדויערט 4 יאָר און האָט רואינירט דאָס רוסישע פאָלק, גורם זייענדיק אים מיליאָנען קרבנות, הונגער, נויט; דאָס אָפּשלעפּן מיט דער אַגראַר־רעפאָרם, אין וועלכער דאָס פויערטום האָט זיך אַזוי שטאַרק געניטיקט; דאָס ניט צונויפרופן די גרינדונגס־פאַרזאַמלונג — אָט דעם דאָזיקן כאַאָס האָבן אויסגענוצט די באָלשעוויקעס, געוויינענדיק אַ מערהייט סיי אין מיליטער, וואָס האָט געלעכצט זיך אומצוקערן אַ היים פון די פראָנטן, סיי ביים פאַרהונגערטן פאָלק — און פאַרכאַפּט די פּאָליטישע מאַכט. אַזוי האָט קערענסקי גופא אַריינגעשפּילט אין מזל פון די באָלשעוויקעס צום אומגליק פון רוסישן פאָלק.

שפּעטער קומען פיר יאָר פון בירגער־קריג. דער הונגער ווערט גרעסער, די גרינדונגס־פאַרזאַמלונג — פונאַנדערגעטריבן. די אייביקע פּאָליטישע שטרייטן אין דער ס. ד. טראָגן זיך איבער אין דער קאָמוניסטישער פאַרטיי. ביי לענינס לעבן איז נאָך מעגלעך געווען אַן אָפּאָזיציע, זיין אויטאָריטעט האָט נאָך געקענט איינהאַלטן די גאַנצקייט פון דער פאַרטיי. אָפּאָזיציאָנערן ווערן נאָך ניט ווי אין סטאַלינס צייטן פאַרמשפט צום טויט. נאָך לענינס טויט הייבן זיך אָן די רייסעניש אין דער קאָמוניסטישער פאַרטיי. טראָצקי ווערט פאַרטריבן קיין אויסלאַנד. ער פאַרעפנטלעכט דאָרט לענינס צוואה, אין וועלכער ס׳זאָגט זיך, אַז מען דאַרף זיין פאָרזיכטיק מיט סטאַלינען. לענין וואָרנט די פאַרטיי: „דער קוכער סטאַלין — זאָגט לענין — קען נאָך פאַרקאָכן אַ זייער ביטער געקעכטס". און ער האָט טאַקע פאַרקאָכט, סטאַלין, אַ סם...

נאָך לענינס טויט „בליט" פונסניי זיך פונאַנדער דאָס געוויקס פון ריכטונגען, פראַקציעס וכדומה: זינאָוויעוו־קאַמעניעוו — אַ פראַקציע. טראָצקי, ריקאָוו, בוכאַרין — דריי באַזונדערע ריכטונגען. סטאַלין מיט זיינע סאַטעליטן און „דוואָרניקעס" פאַרפירן פראָצעסן. אין צוויי גרויסע

פראָצעסן ווערן געמשפּט אַלע פירער פון דער פריערדיקער רוסישער סאָ־ציאַל־דעמאָקראַטיע אין סאָוויעט־רוסלאַנד, די שעפער און פירער פון דער באָלשעוויסטישער רעוואָלוציע, די פירער פון דער קאָמפּאַרטיי — אַלע ווערן זיי פאַרמשפּט צום טויט און דער אורטייל ווערט אויסגעפירט. נאָכדעם קומט דער פּראָצעס פון די גרעסטע רוסישע גענעראַלן, מיט מאַר־שאַל טוכאַטשעווסקי אין דער שפּיץ. דורך אינסינואַציעס, פאַלסיפיקאַציעס ווערן זיי געמשפּט און פאַרמשפּט צום טויט, ווי כלומרשט דייטשע שפּיאָ־נען. איצט גייט עס שוין ווי אויף רעדער. סטאַלין רייניקט אָפּ פאַר זיך דעם וועג צו פולער זעלבסטהערשאַפט. ער האַקט קעפּ פון לינקס און רעכטס. מיליאָנען אַרבעטער, אינטעליגענטן, געוועזענע רעוואָלוציאָנערן ווערן פאַרשיקט אין ווייטן סיביר, אין די טייגעס פון אַרכאַנגעלסק, אין די קאָנצענטראַציע־לאַגערן פון ווייטן קאַלטן צפון. אָט די אַלע גרויליקע מערדערייען ווערן איצט פאַרביטן מיט איין וואָרט: סטאַלין־קולט.

* * *

די געשיכטע לערנט אונדז אָבער, אַז אויך פּאָליטישע רעזשימען זענען נישט אייביק, אויך זיי אונטערליגן דעם געזעץ פון אומבייט. בלויז היטלער האָט זיך געגרייט צו אַ לאַנג־דויערנדיקן, טויזנט־יאָריקן רייך. נאָך סטאַלינס טויט, שוין אויפן צוואַנציקסטן צוזאַמענפאָר פון דער קפּ״ס. שילדערט כרושטשאָוו די אכזריותדיקע מעשים פון סטאַלינען און שטרייכט אונטער די נויטיקייט פון איבערגיין צו קאָלעקטיווער אָנפירונג. סטאַלין ווערט אַרויסגעוואָרפן פון מאַוזאָליי. אין רוסלאַנד הייבט זיך אָן אַ לאַנג־זאַמע ליבעראַלע עוואָלוציע: פון סטאַלין צו כרושטשאָוו און פון אים — צו ברעזשניעוו. מען רעדט און מען שרייבט קריטיק. מען קריטיקירט די אינדוסטריע, די לאַנדווירטשאַפט. מען רעדט וועגן בייטן דעם עקאָנאָמישן סיסטעם. אַפילו אינעם יידישן זשורנאַל „סאָוועטיש היימלאַנד” געפינט מען קריטישע אַרטיקלען וועגן דרוק אויפן שרייבער, אויף דער ליטע־ראַטור אין דער צייט פון סטאַלין־קולט. דאָס אייז אין רוסלאַנד ריירט, הייבט אָן צעגיין... אמת, דער פּראָצעס איז אַ לאַנגזאַמער, באַוועגט זיך מיט שווערע, בערישע טריט, אָבער ער קומט פאָר — דער פּראָצעס...

דייטשלאַנד

ווי אַזוי איז עס מעגלעך געוואָרן, אַז אין דייטשלאַנד פון 1933 זאָל קומען צו דער מאַכט דער שרעקלעכער נאַציזם, וועלכער איז גורם צענדליקער מיליאָנען קרבנות אין דער וועלט און אין זיין אייגן לאַנד?

ווו, אין וועלכע הייל־שפּאַלטן פון דער געשיכטע האָט זיך אויסגעהאָדעוועט אַזאַ פינצטערע רעאַקציע ווי דער היטלעריזם, אין אַ לאַנד וואָס זיין היסטאָרישער נעכטן — בליט נאָך מיט אַזאַ הויכער קולטור, אין אַ לאַנד פון פילאָזאָפן און דענקער, פון מוזיק, פּאָעזיע און פון דער העכסטער טעכניק? — ווי אַזוי — פרעגן מיר — איז עס מעגלעך געוואָרן אַזאַ גייסטיקער חורבן — אָן דעם מינדסטן ווידערשטאַנד מצד דער אַרבעטערשאַפט, מצד דער בירגערלעכער אינטעליגענץ און אינטעלעקטועלער וועלט? האָבן מיר דאָך שטענדיק שטאָלצירט מיט דער דייטשער אַרבעטער־באַוועגונג, מיט איר אָרגאַניזירטקייט און דיסציפּלין? ווי אַזוי איז דאָס מעגלעך געווען אין לאַנד — אינעם דייטשלאַנד פון אָרטאָדאָקסאַלן מאַרקסיזם, אין לאַנד פון קאַרל מאַרקס, פרידריך ענגעלס, קאַוטסקי, בערנשטיין, הילפערדינג און פיל, פיל אַנדערע? האָבן דאָך די סאָציאַל־דעמאָקראַטן צוזאַמען מיט די קאָמוניסטן געבילדעט די גרעסטע מערהייט פון דייטשן פאָלק?

ווי האָבן זיי דערלאָזט, אַז אַזאַ מטורף ווי היטלער זאָל פאַרכאַפּן די מאַכט? ווידער קומען מיר צו דער טרויעריקערווירקלעכקייט פון יענער צייט — צום קאַפּיטל: די אינערלעכע צעריסנקייט אין די אַרבעטער־רייען. די שפּאַלטערישע פּראַקטיק פון די אַמאָליקע באָלשעוויקעס אין די רייען פון דער רוסישער ס. ד. האָט זיך איצט, אין די דרייסיקער יאָרן, אויסגעשפּרייט איבער גאַנץ אייראָפּע און אין דער ערשטער ריי אין דייטשלאַנד. די קאָמוניסטן העצן כלומרשט קעגן די פירער בלויז, אָבער פאַקטיש קעגן דער אַרבעטערשאַפט, קעגן די סאָציאַל־דעמאָקראַטן, באַשולדיקן זיי אין סאָציאַל־פאַשיזם. דאָס שוואַכט אָפּ די קאַמפּס־פעאיקייט פון דער אַרבעטערשאַפט. און נאָך עפּעס: די צווייטע ווילדע טעאָריע, וואָס דרינגט קאָנסעקווענט אַרויס פון דער ערשטער — בעסער אָפענער פאַשיזם, איידער העלפן דעם אינערלעכן „שונא"... אָט די ביידע פאַרברעכערישע טעאָריעס, געבוירן אין פאַרקריפּלטע קעפּ טראָגן דאָס צו

היטלערן די מאַכט, ווי אַ מתנה, וואָס קאָסט די וועלט צענדליקער מיל־יאָנען קרבנות און אונדז יידן — אַ דריטל פון אונדזער פאָלק. אָט דער דאָזיקער פינצטערער קאָמוניסטישער גלויבן שפּילט עס צו היטלערן: די קאָמוניסטן האָבן געגלייבט, אַז היטלער וועט זיך האַלטן ביי דער מאַכט בלויז אַ קורצע צייט און מאַכן אָרט פאַר זיי — פאַר דער הער־שאַפט פון קאָמוניזם.

און נאָך איין וויכטיקער מאָמענט:

סיי די סאָציאַליסטן, סיי די קאָמוניסטן נעגירן כמעט דאָס פּראָב־לעם: דערציונג. מ׳האָט נישט געלייגט קיין אַכט אויף דער דערציונג פונעם אַרבעטער אין גייסט פון הומאַניזם, אין גייסט פון אויפהייבן און פאַרטיפערן זיין רעוואָלוציאָנערע מאָראַל. די גאַנצע פּראָפּאַגאַנדע איז געווען צוגע־שפּיצט בלויז צום עקאָנאָמיש־פּאָליטישן פּראָבלעם. מ׳האָט ניט פאַר־שטאַנען, אַז אַ סאָציאַלע רעוואָלוציע קען מען אַרויסרופן אין געציילטע שעהען, ווען די פּסיכישע צוגרייטונג פאַר דעם דאַרף דויערן לאַנגע, לאַנגע יאָרן — אויב מען וויל זי זאָל זיין דערפאָלגרייך.

דאָס דערשיינען פון היטלעריזם אויף דער פּאָליטישער אַרענע פון דייטשלאַנד און די פאָלגן און נאָכפאָלגן זיינע: די צווייטע וועלט־מלחמה און איר טראַגישער אויסגאַנג איז דער רעזולטאַט פון אָט די קאַרדינאַלע פעלערן פון סאָציאַליסטישן לאַגער פון ערב דער צווייטער וועלט־מלחמה.

דאָס פעלן פון דער אידעאַליסטיש־מאָראַלישער איינשטעלונג אין דער פּראַקטיק פון דער אַרבעטער־באַוועגונג איז איינע פון אירע גרעסטע פעלערן אויך אין דער איצטיקער שעה. דער קאַמף פאַר ברויט מיט פּוטער — זייער גוט. אָבער ווי זאָגט זיך דאָרט: לא על הלחם לבדו... דאָס איז נוגע די אַרבעטער־באַוועגונג פון אַלע לענדער. בכלל קומט פאַר אַ טיפער קריזיס אין דער אידעאָלאָגישער איינשטעלונג פון דער אַרבע־טער־באַוועגונג נאָך דעם ווי דער סאָציאַל־עקאָנאָמישער מצב פון אַרבע־טער־קלאַס הייבט זיך קענטיק אויף, נאָכן פאַרווירקלעכן דעם אַזוי גערו־פענעם פּראָגראַם־מינימום: דער פאַרקלענערטער אַרבעטס־טאָג, די פאַר־בעסערונג פון דער סאָציאַלער געזעצגעבונג, פון די לוינען. דאָס אַלץ דערגרייכט, אמת, גאָר גרויסע הויכן, באַזונדערס אין אַמעריקע און אייראָפּע, — דאָס איז דער פאַרווירקלעכטער א״ג „ערפורטער פּראָגראַם" (אָנגענומען דורך דער דייטשער ס. ד. סוף פאַריקן יאָרהונדערט אויפן צו־

זאַמענפאַר אין דער דייטשער שטאַט ערפורט). זינט דעמאָלט איז מען שטיין געבליבן אויף אַן אָרט און דער קאַמף פאַר פאַרווירקלעכן דעם סאָציאַליזם איז אַרייַן אין אַ טעמפּן ווינקל. מערער: מען האָמעוועט דעם מאַרקסיסטיש־נאַטירלעכן היסטאָרישן פּראָצעס. די קאָנגרעסן פון די דייטשע און עסטרייכישע סאָציאַל־דעמאָקראַטן פאַרוואַנדלען זייערע פּראָ־לעטאַרישע אָרגאַניזאַציעס אין א״ג „פאָלקישע״ פּאַרטייען, אין וועלכע ס׳ווערן אַנגענומען באַדייטנדיקע טיילן אויך פון אַנדערע גרופּן און קלאַסן. דערמיט ווערט פאַרוואַסערט די מאַרקסיסטישע אידעאָלאָגיע פון די־רעקטן קאַמף פאַר סאָציאַליזם.

אויך די ענגלישע אַרבעטער־באַוועגונג גליטשט זיך איינציקווייז אַראָפּ פון אירע קלאַסן־פּאָזיציעס.

אויב אין די פריערדיקע יאָרן נוצט נאָך די לייבאָר־פּאַרטיי לפּחות אין אירע וואַל־קאַמפן די לאָזונג: נאַציאָנאַליזאַציע, — פעלט שוין אָט די לאָזונג אין אירע קאַמפן פאַר דער לעצטער צייט. מען רעדט מער ניט וועגן פולשטענדיקן נאַציאָנאַליזירן די אינדוסטריע. איז אין וואָס דריקט זיך אויס די אַנדערשקייט פון דער לייבאָר־פּאַרטיי פון די קאָנסערוואַטיוון?

אַזוי איז מען אַרייַן אין דער קריזיס־תּקופה פון סאָציאַליזם.

מדינת־ישראל

דער נס מדינת־ישראל באַשטעטיקט די בונדישע אמתן וועגן כאַ־ראַקטער פון יידישן פאָלק, זיינע נאַציאָנאַלע אַספּיראַציעס, שטרעבונגען און באַדערפעניש. אין מדינת־ישראל געפינט זיך ביים היינטיקן טאָג — 18 יאָר נאָך איר אַנטשטייאונג — בערך 15 פּראָצענט פון אַלוועלטלעכן יידנטום. מעגלעך, אַז מיט דער צייט וועט די צאָל זיך הייבן מיט נאָך עטלעכע פּראָצענט, אָבער דאָס וועט ניט ענדערן דעם פאַקט, אַז דאָס יידישע פאָלק בלייבט אַ וועלט־פאָלק — אַ וועלט־פאָלק מיט זיינע אייגענע באַזונדערע גייסטיקע און פּאָליטישע אינטערעסן.

ס׳האָט ערשט באַדאַרפט קומען אַ וועלט־קאַטאַקליזם מיט אַלע זיינע שרעקלעכע פאַר אונדז פאָלגן: דער אומקום פון אייראָפּעאישן יידנטום, יציאת־אייראָפּע א״א, אַז די באַנייטע יידישע מדינה — דאָס לאַנד פון גאולה זאָל אויפזאַמלען 15 פּראָצענט פון יידישן פאָלק.

אונדזער זאָרג און אָנשטרענג דאַרף איצט גיין אין דער ריכטונג

פון העלפן געשטאַלטיקן דאָס גייסטיקע פּנים פון יידנטום אין דער וועלט. דער לעצטער ציוניסטישער קאָנגרעס איז מיט רעכט (בלויז אַ ביסל צו שפּעט — י. ג.) אַרויסגעקומען מיט דער לאָזונג: „מיטן פּנים צום גלות" ד. ה„ מיר: די יידן אין ישראל און זיינע מוסדות, די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציעס אין דער וועלט און אַלע אַנדערע קערפּערשאַפטן און נאַציאָנאַל־שעפערישע כוחות פון יידישן פאָלק דאַרפן זיך שטעלן מיטן פּנים צו די יידן אין די תפוצות און העלפן זיי גייסטיק דערהאַלטן זייער אייגענע נאַציאָנאַל־יידישע פיזיאָגנאָמיע. באַזונדערס בייטיקט זיך אין אַזאַ הילף די יידישע יוגנט, וועלכע ווערט אָפּגעריסן פון יידישקייט, פון פאָלק, פון שטאַם דורכן מעכטיקן שטראָם פון אַסימילאַציע.

דער דאָזיקער פלוצימדיקער „קער" אינעם באַנעם פון פּראָבלעם גלות, איז אַן איבערקערעניש ממש... אַלץ אינעם ביז־איצטיקן ציוניסטישן קוק אויף דעם פּראָבלעם איז געווען פאַרקערט: — דער גלות האָט באַדאַרפט שטיין מיט פּנים צו ארץ־ישראל, צו מדינת־ישראל. וואָלט כדאי געווען דעם „קער" צו באַגריסן, ווען נאָך אים זאָלן פאָלגן מעשים. העלפן גייסטיק די יידן אין גלות הייסט: העלפן אַנטוויקלען די יידישע באַזונדערקייט, וואָס טיילט אונדז אויס פון די גוים: די שפּראַך, ליטעראַטור: די פּאָעזיע און פּראָזע, דעם פאָלקלאָר, דעם גאַנצן קאָלאָסאַלן קולטור־אוצר פון אונדזער גייסטיקער ירושה — א פּראָדוקט פון אַ דורות־לאַנגן קולטור־אָנשטרענג פון אונדזער פאָלק. די פּראַקטיק פון פאַרטרייבן יידיש פון יידישן הויז, פון דער יידישער שטוב, פונעם אומגאַנג — ברענגט מיט זיך קולטור־אָפּגעפרעמדקייט, קולטור־פאַרוויסטונג, איז די גרעסטע הילף פאַר דער אַסימילאַציע, אַפילו ווען מען פּרוּווט דאָס פאַרטוישן מיט עברית.

דער עצם־פאַקט פון קולטור־עקספּאָרט האָלט נישט אויס די מינדסטע קריטיק. קולטור מוז האָבן באָדן... אַ ספּעציפישן קלימאַט. און דאָס לאָזט זיך נישט איבערטראָגן, איבערפלאַנצן. הייגט, דאָס עקספּאָרטירן עברית במקום יידיש?...

דאָס באַהאַנדלען יידיש ווי אַ בר־מינן... דאָס פאַרשווייגן אין בעסטן פאַל די שפּראַך און קולטור, וואָס האָט אונדז גרויס געמאַכט, וואָס האָט אונדז אָנגעפילט מיט חשיבות, מיט זעלבסט־אַכטונג און געגעבן אונדז כוח דורכצושפּרייזן אַלע גהינומס פון קנעכטשאַפט, פון שפלות, וואָס האָט

אונדז געגעבן המשך און אומגעקערט אונדז די אוראַלטע לעגיטימאַציע פון עם־הספר — אַט דער חטא־הקדמון פונעם ציוניזם איז זיך אומברח־מנותדיק נוקם אין אונדז ביזן היינטיקן טאָג, רייסט לעבעדיקע שטיקער פון אונדזער אָפּגעשוואַכטן צעבלוטיקטן אָרגאַניזם. דורך כנעניזם און שמד. אַפילו דאָס באַקאַנטע זיפצל: „יידיש־נעבעך", מיט וועלכן ס'ווערט באַגלייט יעדע דערמאָנונג פון אונדזער גרויסן עבר — איז אַ גיפטיקע פייל אין סאַמע האַרץ פון אונדזער קיום.

די פיאָנערן פון דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג — פון „בונד" האָבן דאָס געוווּסט שוין אַזוי פרי ווי אין לעצטן יאָרצענדליק פון פאָריקן יאָרהונדערט, אַוועקגייענדיק אין זייער אַגיטאַציע־ און פּראָפּאַגאַנדע־אַרבעט פון רוסיש, פויליש, ליטוויש — צו יידיש. די „אַסימילאַטאָרן" קאַטאָווסקי, אייזנשטאַט, קרעמער און דער „גוי" מעדעם האָבן פאַרשטאַנען, אַז אָן דעם יסוד פון אַן אייגענער קולטור אין מאַמע־לשון האָט אַפילו סאָציאַליזם קיין ווערט ניט. זייערע חברים, די גוים פון דער רוסישער ס. ד. און נאָכמער די אייגענע יידישע אַסימילאַטאָרן — די „אבות" פון דער שפּעטערדיקער יעווסעקציע האָבן זיי דערפאַר פאַרשריגן פאַר נאַציאָנאַליסטן.

ווער־ווער, נאָר די ציונים האָבן באַדאַרפט וויסן, אַז ביי דער גרעסטער פרייהייט בלייבט דער מענטש פאַרשקלאַפט אויב ער שטייט אויף פרעמדן, ניט אייגענעם באָדן — און לאָמיר צוגעבן — אויך אויף ניט־אייגענעם גייסטיקן באָדן...

ניט אומזיסט האָט דער יידישער אַרבעטער, די יידישע האָרעפּאַשנע מאַסע אַזוי צוגעזאָפּט צום „בונד". די יידישע קולטור־שעפער, ווען אַפילו נישט סאָציאַליסטיש געשטימט, האָבן דאָס אינטואיטיוו געשפּירט און ממש זיך געלאַשטשעט צום „בונד".

אונדזערע ישראל־מנהיגים מאַכן זיך ניט פאַרשטיין, אַז קלימאַט שאַפט מען נישט אין צייטונגס־אַרטיקלען, אין בראַשורן; מען לערנט עס אויך נישט אויס פון לערן־ביכער. מיט איין וואָרט: קלימאַט שאַפט מען נישט קינסטלעך און בעיקר — אַז דאָס איז ניט די זאַך פון „טראַנספער" און לאָזט זיך נישט טוישן ווי סערוועטקעס ביי אַ פעטער סעודה... און אוודאי לאָזט זיך דאָס נישט מאַכן דורך די א״ג קולטור־ און חינוך־שליחים, וועלכע זענען מזלזל, פאַרמיאוסן און מאַכן חרוב יידיש זייער

שנעל און קערן זיך אום, אויב זיי בלייבן שוין נישט דאָרט אין גלות — מיטן געפיל, אַז זיי האָבן זייערס אָפּגעטאָן בשלמות...

יאָ, אין פּרט פון אַטמאָספער, פון קולטור־קלימאַט איז בונדיזם די קאָנטינואיטעט, דער המשך פון חסידיזם. וואָס דען אַנדערש איז די בונדישע שבועה, אַ בונדישער ניגון, די בונדישע ליאַמע — אויב נישט די סעודת־מצווה און דאָס אַפּאָסטאָלישע געזאַנג פון חסידות? פון זיינע גרונט־לייגער און ערשטע שעפער? זיין פאַרבונדן מיטן פאָלק קען מען נאָר דורך זיין אינטימען ניגון און דאָס זענען קודם־כל שפּראַך, קולטור און שטייגער.

אַ וועלכער איז דער מצב פון יידיש אין ישראל?

ביז דער צווייטער וועלט־מלחמה — איז די מערכה פון יידיש אין יידישן לאַנד געווען אַ ביטערע: מען האָט ניט געלאָזט רעדן יידיש אויפן גאַס; די ציטונגס־קיאָסקן האָבן ניט געטאָרט פאַרקויפן אַ יידישן זשורנאַל. דער „גדוד מגיני השפה" איז נאָכגעגאַנגען יעדן יידן ווי אַ שאָטן... ווי שוין העכער דערמאָנט, — האָט נאָך דער מלחמה די לאַגע זיך געביטן: דער פרישער שטראָם יידן פון די לאַגערן און געטאָס — די שארית־הפליטה פון היטלערס קאַלך־אויוונס, וואָס זייער שפּראַך איז יידיש, — ברענגט מיט זיך אַ יידיש־שטראָם. אין סוכנות, הסתדרות, קופּת־חולים און אַנדערע אַנשטאַלטן און ביוראָען פרעגט מען און מע ענטפערט בעל־כורחו יידיש. פאַראַן אַ יידיש־פּרעסע, זשורנאַלן, ביכער־פאַרלאַגן, אויף די גאַסן רעדט מען יידיש פריי, אומגעשטערט. ציוניסטישע פּאַרטייען און אַנדערע קולטור־מוסדות אָרדענען איין פאַראַנשטאַלטונגען, אימפּרעזן אין יידיש, אָפּגערעדט פון יידיש טעאַטער (מיט באַוואָרעניש, פאַרשטייט זיך, וואָס שייך דעם ניוואָ זיינעם — י. ב.), וואָס פילט זיך דאָ ווי ביי זיך אין דער היים. מיט איין וואָרט: אין יידישן לאַנד — ישראל — ווערט שוין יידיש ב"ה טאָלערירט, אָבער נאָך אַלץ ניט אָנערקענט, הגם אייניקע פון די ישראל־מנהיגים האָבן אַ פּאָזיטיווע באַציאונג צו יידיש, ווערט נאָך יידיש פונדעסטוועגן ניט געלערנט ניט אין גרונט־שול און ניט אין דער מיטלשול.

פון דער אָנערקענונג פון יידיש אין ישראל ווי אַ גלייכבאַרעכטיקטער מיט העברעיש קולטור־אינסטרומענט איז אָפּהענגיק, אַז דער קאַמף

קעגן דער אַסימילאַציע אין די תפוצות זאָל געקרוינט ווערן מיט דערפאָלג און דאָס וועט ברענגען מזל־ברכה און זיין די גרעסטע הילף פאַר די יידן אין ישראל ווי אין דער גאַרער וועלט.

* * *

אַ פּאָר ווערטער וועגן חינוך: דער חינוך אין ישראל איז נאָך אַלץ אַ פאַרקריפּלטער. דער אַבסאָלווענט פון דער מלוכהשער עברית־שול ווייסט זייער ווייניק וועגן יידישן עבר אין גלות. און דאָס, וואָס ער ווייסט יאָ — איז בלויז דאָס נעגאַטיווע. קיין שום שיינס, דערהויבנס האָבן די יידן אין דער וועלט ניט געשאַפן. און קיין וווּנדער: איז דאָך יידיש לויט דער הסברה פון די ישראלדיקע לערער „לועזית" — לשון עם זר — נוצנדיק שוין דעם מאָדערנעם אויסטייטש. איז שוין ניט וויכטיק אַלץ, וואָס איז געשאַפן געוואָרן אין דעם „פרעמדן" לשון. דער רעזולטאַט פון אָט דער „דערציאונג" פילט זיך אַמשטאַרקסטן אין לאַנד צווישן דער יוגנט.

בלויז דורכן אומקערן זיך צום קוואַל פון אונדזער קולטור: שפּראַך, פאָלקלאָר און ליטעראַטור, קאָנען מיר האָפן, אַז סוף־כל־סוף וועט קומען אַ בעסערונג אויך אויפן געביט פון חינוך. לאָמיר זיך ווינטשן, אַז דאָס זאָל קומען וואָס שנעלער — איידער עס ווערט ניט צו שפּעט...

עקאָנאָמישע און זיכערקייטס־פּראָבלעמען ביי יידן

אַמאָל האָבן ציוניסטן אין זייער שטרייט מיטן „בונד" געטענהט, אַז רעאַקציאָנערע, יידן־פיינטלעכע רעזשימען קענען זיך ענדערן אויף מער ליבעראַלע — לטובת די יידן. די יידישע עקאָנאָמיק, אָבער, וועט זיך ניט בייטן, וועט ווערן וואָס אַמאָל אלץ ערגער... די יידן — האָבן געזאָגט די ציוניסטן — ווערן אַרויסגעשטויסן פון זייערע עקאָנאָמישע פּאָזיציעס און זייערע ערטער פאַרנעמען ניט־יידן. אַזוי אַרום ווערן יידן פאַרמשפט צו אָרעמקייט. ווייל איך איצטער ניט באַנייען די אַלטע דיסקוסיע וועגן דער אַמאָליקער ציוניסטישער איינשטעלונג אין דער פראַגע. היינט זעען מיר, אַז די יידן אין צפון־ און אין דרום־אַמעריקע און אין די פרייע אייראָפּעאישע לענדער לעבן אַ פאַרמעגלעך לעבן, מאַכן דורך אַן עקאָנאָמישע פּראָספּעריטי און זענען איינגעגלידערט אין דער עקאָנאָמיק פון

זייערע לענדער, אין דער אינדוסטריע, אין דער לאַנדווירטשאַפט און אויף אַלע געביטן פוןווירטשאַפטלעכן און פּאָליטישן לעבן. זיי העלפן פּאָליטיש און פינאַנסיעל אונדזער מדינה. זייער הילף איז אַ גרויסער אָנשפּאַר פאַר מדינת־ישראל אין איר קאַמף פאַר פּאָליטישער און עקאָנאָמישער זעלבשטענדיקייט.

וואָס שייך די פּאָליטישע זיכערקייט פון די יידן אין דער וועלט:

אוודאי קענען נאָך קומען אין געוויסע לענדער רעאַקציאָנערע אי־בערקערענישן, וואָס וואָלטן באַשווערט די לאַגע פון די דאָרטיקע יידן. איצט אָבער לעבן די יידן, מיט קליינע אויסנאָמען, נאַטירלעך, אין דעמאָ־קראַטישע לענדער, אין עקאָנאָמישער און פּאָליטישער פרייהייט. דער נעאָ־נאַציזם באַשטייט פון קליינע, דערווייל, נישטיקע גרופּן, וועלכע באַאייַנ־פלוסן ניט די רעגירונגס־פּאָליטיק פון זייערע לענדער. אויב עס זאָל טאַקע קומען אַ קער צום שלעכטן, און די דעמאָקראַטיע און פרייהייט פון געוויסע לענדער זאָל טאַקע ערנסט באַדראָט ווערן, וואָס ביי דעם האַלט עס נאָך ווייט ניט, וועט אויך מדינת־ישראל ניט קענען עקזיסטירן. די עקזיסטענץ פון אונדזער מדינה איז אָפּהענגיק אין דער פּאָליטישער און פינאַנסיעלער הילף פון די דאָזיקע פרייע לענדער און פון דער הילף פון אונדזערע ברידער יידן — זייערע בירגער.

די פּאָליטישע זיכערקייט און עקאָנאָמישע פרייהייט פון די יידן אין די תפוצות איז ענג פאַרבונדן מיט דער עקאָנאָמישער און פּאָליטישער פרייהייט פון זייערע לענדער. אַנדערש איז מיט די יידן אין מדינת־ישראל. מיר זענען אַרומגערינגלט מיט צענדליקער מיליאָנען אַראַבער, וועלכע דעקלאַרירן, אַז זיי זיינען מיט אונדז אין קריג. זיי באַוואָפענען זיך און וואַרטן בלויז אויפן פּאַסיקן מאָמענט צו באַפאַלן אונדז. דער גרעסטער אָנשטרענג פון דער מדינה איז איר זיכערקייט.

געוויס, פאַר די אַכצן יאָר פון איר עקזיסטענץ האָט די מדינה קענטיקע דערגרייכונגען אויף אַ סך געביטן. פאַר דער צייט זיינען אַריינגעקומען אין לאַנד איבער אַ מיליאָן עולים און אַלע האָבן זיך מער־ווייניקער איינ־געאָרדנט. ס'איז אויפגעבויט געוואָרן אַן אינדוסטריע, אַ לאַנדווירטשאַפט, אַ מעכטיקע שול־באַוועגונג. פאַראַן קענטיקע קולטור־ און וויסנשאַפטלעכע דערגרייכונגען און בעיקר — ביים אָפּזאָגן זיך פון דער אַלטער שענד־לעכער פּאָליטיק לגבי יידיש און יידישער קולטור, וואָלט ישראל באמת

געקענט ווערן אַ צוציאונגס־קראַפט פאַר די יידן אין דער וועלט פון איין זייט און וואָס נאָך וויכטיקער — דאָס וואָלט אויפגעוועקט און אויפגעהויבן די נאַציאָנאַל־שעפערישע פּאָטענץ פון די יידן אין חוץ־לארץ גופא און אַזוי אַרום פאַרזיכערט דעם קיום סיי פון מדינת־ישראל, סיי פון די יידן אין די תפוצות, אַז דער יידישקייט־פלאַם זאָל קיינמאָל ניט פאַרלאָשן ווערן. לא יכבה נירו לעולם.

„יוגנט־„בונד" „צוקונפט" אין ווילנע

קומענדיק צום ערשטן מאָל אין ווילנע אין יאָר 1912, טרעף איך דאָרט די באַרימטע אָוונט־שול פאַר דערוואַקסענע אין איר פולער טעטיקייט.

איך ווער גלייך איר תלמיד. די אָוונט־שול איז געגרינדעט און גע־פירט געוואָרן פון באַקאַנטן פעדאַגאָג, גרשון פלודערמאַכער. מען לערנט דאָרט: יידיש, יידישע און אַלגעמיינע ליטעראַטור, יידישע און אַלגעמיינע געשיכטע.

אין די באַדינגונגען פון צאַרישן גוואַלט, פון נאַציאָנאַלער אונטער־דריקונג איז פירן אַ שול אין דער יידישער שפּראַך געווען פאַרבאָטן. פונדעסטוועגן באַטייליקן זיך אין דער אַרבעט פון דער שול פעדאַגאָגן, לערער און שרייבער, ווי דער באַקאַנטער ליטעראַטור־קריטיקער שמואל ניגער, די פעדאַגאָגין העלענאַ כאַצקעלעס א״א. די אָוונט־שול דינט אויך ווי אַ זאַמל־פונקט, אַ טרעף־פונקט פאַר אונדז בונדיסטן, ווו ס׳פלעגט איבערגעגעבן ווערן וועגן אונדזער אומלעגאַלער טעטיקייט.

בעת דער דייטשער אָקופּאַציע פון ווילנע (1915), ווערט די שול געשלאָסן. קיין סאָציאַליסטישע יוגנט־באַוועגונג איז אין יענער צייט אין ווילנע ניט געווען.

ערשט בייניש מיכאַלעוויטש, נאָך זיין אָנקומען אין ווילנע, נעמט זיך פאַר דער אַרבעט פון שאַפן אַ סאָציאַליסטישן יוגנט־פאַרבאַנד. אויף זיין איניציאַטיוו און אויף דער איניציאַטיוו פון ווילנער קאָמיטעט פון „בונד" ווערן פאַררעגיסטרירט עטלעכע הונדערט יוגנטלעכע. אין יאַנואַר 1916 קומט פאָר אין זאַל פון דער האַנטווערקער־שול די ערשטע פייערלעכע דערעפענונגס־פאַרזאַמלונג פון דער יוגנט. ב. מיכאַלעוויטש האַלט אַ פיי־

ערלעכע רעדע. ס'איז מיר פאַרבליבן פריש אין זכרון זיין ווענדונג צו דער יוגנט. מיט גרויס פּאַטאָס רופט ער אויס:

... מיר ווערן גרוי און אַלט, מיר זענען אומרויק, מיר האָבן ניט ווער עס זאָל איבערנעמען פון אונדזערע הענט אָט די רומרייכע רויטע פאָן, וועלכע איז דורכגעלעכערט אין שלאַכטן. איר, יוגנטלעכע, דאַרפט דאָס זיין די, וועלכע וועלן איבערנעמען פון אונדזערע הענט די רויטע פאָן און טראָגן זי צו ווייטערדיקע שלאַכטן — פאַר פרייהייט, פאַר סאָציאַליזם...

ב. מיכאַלעוויטש, רבקה עפּשטיין א"א, פירן די אַרבעט צווישן דער יוגנט.

ביים סוף פון דער דייטשער אָקופּאַציע ווערט פאַר דער יוגנט געגרינדעט אַן אָוונט־שול, אין וועלכער ס'ווערט אויך געפירט אַ סאָציאַליסטישע אויפקלערונגס־אַרבעט. אַלע פּראָבלעמען וואָס נורטעווען די סאָציאַליסטישע באַוועגונג אין דער צייט פון דער באָלשעוויסטישער מאַכט אין ווילנע (1919—20), רייסן זיך אויך אַריין צווישן דער יוגנט. דאָס דערפירט צו דער ליקווידאַציע פון דער אומפּאַרטייאישער יוגנט־באַוועגונג. די אָוונט־שול ווערט געשלאָסן.

בעת די קאַמפן צווישן לינקן־ און רעכטן ס.ד.־„בונד", ווערן געשאַפן באַזונדערע פּאַרטייאישע יוגנט־אָרגאַניזאַציעס. מיטן ס.ד.־יוגנט־„בונד" פירן אַן אַבראַשע בלום, ליובאַ ביעליצקאַ, שלמה יונאָוויץ א"א. מיט דער יוגנט פון לינקן „בונד" — דער יוגנטלעכער פון וואַרשע — זלמן וואָילאַנד. צו דער ערשטער גרינדונגס־פאַרזאַמלונג קומט פון וואַרשע יעקב פּאַט. אין 1924, בעת דער ווידער־פאַראייניקונג פוןביידע „בונדן", פאַראייניקן זיך אויך ביידע יוגנט־אָרגאַניזאַציעס אונטער דעם נאָמען: „יוגנט־„בונד" צוקונפט". מיט דער בונדישער יוגנט פירן אַן אַזעלכע טוער ווי יאָשקע אָפּמאַן, רפאל ריבא, דינה ריבא, יענטל ווייס, דושאַצקי א"א. די דאָזיקע גלענצנדיקע יוגנט־טוער ווערן שפּעטער באַקאַנטע פּאַרטייטוער. הענעך דושאַצקי און יענטל ווייס זענען איצט טעטיק אין „בונד" אין ישראל.

אַ געוויסע צייט בין איך געווען דער פאַרשטייער פון פּאַרטיי־קאָמיטעט אין דעם קאָמיטעט פון „יוגנט־„בונד" צוקונפט". די יוגנט אין ווילנע שפּילט אַ וויכטיקע ראָל אין פּאַרטיי־לעבן, איז שטאַרק אָרגאַניזירט, איז

דינאַמיש. די פירער פון „יוגנט־„בונד" צוקונפט" פירן אויך אָן מיטן סאָציאַליסטישן קינדער־פאַרבאַנד „סקיף".

ווילנע פאַרמאָגט אַ פאַרצווייגטע שול־נעץ אונטער דער אָנפירונג פון צ. ב. ק. (צענטראַלער בילדונגס־קאָמיטעט): פאָלקס־שולן, צוויי גימנאַזיעס אין דער יידישער שפּראַך (לאַנגע יאָרן בין איך געווען אַ מיטגליד אין צ.ב.ק. ווי אויך אין פּרעזידיום זיינעם). אין אַלע פאָלקס־שולן און אין די צוויי גימנאַזיעס זענען געווען אָרגאַניזירטע גרופּן פון „סקיף".

דער פּאַרטיי־קאָמיטעט קאָנטראָלירט די סאָציאַליסטישע יוגנט־באַוועגונג און די באַציונגען צווישןביידע אָנפירנדיקע קערפּערשאַפטן (פון דער פּאַרטיי און פון דער יוגנט) באַזירן זיך אויף קעגנזייטיקער סאָלידאַרער חברישקייט.

* * *

דער „יוגנט־„בונד" צוקונפט" שאַפט אויך די ספּאָרט־אָרגאַניזאַציע: „מאָרגנשטערן", וועלכע פירט אַ גלענצנדע אַרבעט צווישן דער יוגנט אויפן געביט פון ספּאָרט. דער „יוגנט־„בונד" צוקונפט" נעמט אַן אַקטיוון אָנטייל אין אַלע פּאָליטישע אַקציעס פון דער פּאַרטיי: אין דעמאָנסטראַציעס, אין וואַלן א"א.

איך קלייב זיך דאָ ניט צו שרייבן די געשיכטע פון „בונד" אין ווילנע. די יידישע יוגנט אין פּוילן, אונטער דער אָנפירונג פון „יוגנט־„בונד" צוקונפט" האָט זיך אַריינגעשריבן מיט בלוט אין דער דראַמאַטישער געשיכטע פון יידישן חורבן און אומקום בעת דער היטלער־אָקופּאַציע. צוקונפטיסטן באַטייליקן זיך אין דער אונטערערדישער אַרבעט אין די געטאָס און לאַגערן; געהערן צום שטאַב פון דער יידישער קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע („זשאָב"); זיי קעמפן העלדיש אין ווארשעווער געטאָ־אויפשטאַנד, אין די פּאַרטיזאַנער־מחנות, אין די אומקום־לאַגערן פון טרעבלינקע, מיידאַנעק, אוישוויץ א"א.

י. ש. הערץ אין זיין בוך: „געשיכטע פון אַ יוגנט", באַשרייבט ברייט און גענויער די געשיכטע פון אונדזער גלאָררייכער קעמפנדיקער יוגנט.

מיט באַזונדערס־גרויסער ליבשאַפט און פאַרערונג באַציט זיך די יוגנט צום גרינדער פון „בונד" חבר אַרקאַדי קרעמער. די ליבע איז אַ קעגנזייטיקע: אויך פון אַרקאַדין — צו דער יוגנט.

א גרוס פון זיידן צו די אייניקלעך

די באַגריסונג, וואָס ח׳ אַרקאַדי האָט צוגעשיקט צום לאַנד־צוזאַמענ־פלי פון די צוקונפטיסטן אין יאָר 1932.

„טייערע אייניקלעך!

נעמט אָן אַ גרוס פון אַ זיידן צו אייער און אונדזער יום־טוב. דער קערפּער איז שוין צעקאַליעטשעט, שוין אין צוג פון ערשטן מאַי האָב איך ניט געקענט גיין טריט אין טריט מיט די רייען, איך האָב געקענט מער ניט ווי נאָכהינקען און אַלץ מערער און מערער אָפּשטיין פון די מאַרויס־מאַרשירנדיקע רייען. אָבער די נשמה איז נאָך יונג, פאַר פרייד פלאַטערט זי און ציטערט מיט אייך אויפן פלי־פּלאַץ. זי יובלט, זעענדיק צו׳ וואָס מיר זענען דערגאַנגען אין אונדזער קורצן לעבן פון 35 יאָר. די מלחמה האָט אונדז לעבעדיקערהייט צעשניטן אויף שטיקער, אונדזער איינהייטלעכן אָרגאַניזם צעטיילט צווישן מדינות און מדינהלעך, אָבער מיר לעבן. עס פאַלן אַלטעביימער, צעבראָכן פון ווינט און שטורעם, אָבער דער וואַלד לעבט; ווו עס זענען דאָ נייע שפּראָצונגען, דאָרטן איז דאָ לעבן.

איר זייט אונדזער אַוואַנגאַרד, אונדזער קאַוואַלעריע וואָס רוט ניט, שטייט ניט אויף אַן אָרט, לאָזט ניט רוען און זיך אָפּשטעלן די עלטערע, איר רייסט און ציט אַלץ פאָרויס צו דער זון, צום סאָציאַליזם.

צוקונפט איז אייער נאָמען און צוקונפט איז אייער ציל: אַ האַר־מאָנישע איינהייט. דער נאָמען איז מחייב, דער ציל רופט.

זייט באַגריסט פון אַן אַלטן חבר. איר זייט גליקלעכער פאַר מיר — איר זייט געבוירן געוואָרן שפּעטער; מיר האָבן געטאָן די שוואַרצע אַר־בעט — אייך שטייען פאַר שלאַכטן, ענדגילטיקע שלאַכטן. די אַלטע וועלט לעבט שוין מער ניט, זי קאָנוואָלסירט. אַלץ וואָס איז ערלעך, דערהויבן, באַגייסטערט, געהערט צום אַרבעטער־קלאַס, צו זיין קאַמף קעגן דער היינטיקער וועלט. זי אַליין האָט אַרויסגערופן די בייזע גייסטער און זי קען זיי שוין מער ניט איינצוימען, איר גורל איז געחתמעט; אפילו דער פאַשיזם מוז זיך קליידן אין די פעדערן פון סאָציאַליזם; אָן אים איז ניטאָ קיין קאַמפּסלוסט, קיין באַגייסטערונג. סאָציאַליזם איז ניט קיין

צוקונפט־מוזיק, דאָס איז די רעאַליטעט. פאַר אייך די צוקונפט, פאַר אייך די סאָציאַליסטישע געזעלשאַפט.

זייט באַגריסט אויפן וועג פון שלאַכטן, אויפן וועג פון נצחונות.

חברשאַפט!

אַ ר ק אַ ד י ק ר ע מ ע ר

מיטגעאַרבעט מיט אַרקאַדי קרעמער

אין יאָר 1965 האָט די בונדישע באַוועגונג אָפּגעצייכנט דעם הונ־דערטסטן געבוירנטאָג פון אַרקאַדי קרעמער. היסטאָריקער, ביאָגראַפן און פאָרשער פון דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג — פון „בונד" וועלן זיך מוזן פאַרטיפן אין די באַזונדערע ביאָגראַפיעס פון די פירער זיינע, די לעגענדאַרע פערזענלעכקייטן, וועלכע האָבן געשפּילט אַ דעצידירנדיקע ראָל אינעם אויפוואַכונגס־פּראָצעס פון דער יידישער מאַסע צו אַ ניי לעבן.

איינער פון די סאַמע באַדייטנדיקסטע אינעם „בונד", פון די סאַמע ערשטע, אויב נישט דער ערשטער — איז געווען אַרקאַדי קרעמער. כ'האָב אים גוט געקענט. אינעם יאָרצענדליק ביז 1930 בין איך טעטיק אין ווילנער קאָמיטעט פון „בונד" צוזאַמען מיט אַרקאַדין.

סליחות־צייט אין אַמאָליקע יידישע שטעטלעך, פלעגט דער שמש אַרומגיין אין די נעכט, אָדער פאַרטאָג, ווען ס'איז נאָך גוט פינצטער, מיט אַ לאַמטערן אין איין האַנט און אין דער צווייטער — אַ שטעקן, מיט וועלכן ער פלעגט קלאַפּן אין די פאַרמאַכטע לאָדנס, וועקנדיק דעם עולם צו סליחות... אין די אַכציקער יאָרן פון פאַרגאַנגענעם יאָרהונדערט זיינען אַרקאַדי קרעמער, וולאַדימיר קאָסאָווסקי, איסאַי אייזענשטאַט־יודין א"א פּיאָנערן געווען די וועקער... זיי האָבן געטראָגן ליכט פאַר די יידישע אַרבעטער־מאַסן, גערופן זיי צו אָרגאַניזירן זיך און צו קעמפן פאַר פריי־הייט, פאַר אַ מענטשלעך לעבן.

אין צאַרישן רוסלאַנד, ווו יידן האָבן געמוזט וווינען בלויז אין באַשטימ־טע שטעט, הייבן זיך אָן גרינדן די ערשטע פּראָפּאַגאַנדע־ און אַגיטאַציע־קרייזלעך, אויף וועלכע מ'האָט געלערנט פאַרשטיין און באַנעמען די נייע מענטשלעכע אידעאַלן, ווי אַזוי צו באַפרייען דעם אַרבעטער פון עקספּלו־אַטאַציע, ווי אַזוי צו קעמפן קעגן צאַריזם אדג"ל. דעמאָלט גרינדן זיך

אויך די ערשטע א״ג הילפס־קאַסעס פון באַזונדערע פאַכן, וועלכע פירן דורך די ערשטע שטרייקן אין ווילנע, ווי די שטרייקן פון די זאָקן־ און טאַבאַק־אַרבעטער.

אין יענער צייט (1890) קומען פון פעטערבורג קיין ווילנע, ווי די ערשטע משולחים אַרקאַדי און פּאַטי קרעמער, איסאַי אייזענשטאַט־יודין א״א. אַרקאַדי קרעמער האָט שוין הינטער זיך אַ רעוואָלוציאָנערן סטאַזש, האָט שוין דורכגעמאַכט 9 חדשים תפיסה פאַר זיינע סימפּאַטיעס מיט דער פּוילישער רעוואָלוציאָנערער פּאַרטיי „פּראָלעטאַריאַט״. די אויבנדערמאָנטע גרופּע יידישע אינטעליגענטן אונטער דער השפעה פון דער רוסישער „נאַ־ראָדנאַיאַ וואָליאַ״, טראָגן אַריבער איר אידעאַליזם, איר רעוואָלוציאָנערן גייסט און הערצאָיזם אין די רייען פון די ערשטע אָרגאַניזירטע יידישע אַר־בעטער־גרופּן. אָבער מיטן אונטערגאַנג פון דער „נאַראָדנאַיאַ וואָליאַ״, וועל־כע האָט געהאַלטן, אַז רוסלאַנד קען איבערגיין צום סאָציאַליזם אָן דער פּריערדיקער אַנטוויקלונג פון קאַפּיטאַליזם, אַז מיט דער הילף פון רוסישן פּויערטום, וואָס ציילט דעמאָלט 80 פּראָצענט פון דער באַפעלקערונג אין רוסלאַנד און מיט דער טאַקטיק פון טעראָר קעגן דער צאַרישער מאַכט, קאָן מען באַפרייען רוסלאַנד פון דער זעלבסטהערשאַפט. — צוזאַמען מיטן אונטערגאַנג פון אָט דער פּאַרטיי, קומט אויף צווישן דער רוסישער אינ־טעליגענץ אַ גרופּע פון מאַרקסיסטיש־איבערצייגטע סאָציאַליסטן ווי פּלעכאַנאָוו, מאַרטאָוו, אַקסעלראָד און די פריער דערמאָנטע אַרקאַדי קרע־מער, קאָסאָווסקי, אייזענשטאַט — די ערשטע גרופּע מאַרקסיסטן צווישן דער יידישער אינטעליגענץ. מיט לייב־און־לעבן וואַרפט זיך די דאָזיקע גרופּע אַריין אין דער אַרבעט, פירט אָן אַקטיוו מיט די קרייזן, לערנט אויף זיי נאַטור־וויסנשאַפט, פּאָליטישע עקאָנאָמיע א״א עלעמענטאַרע און סאָציאַלע וויסנשאַפטן.

ווען אַרקאַדי קרעמער וואָלט קיין זאַך מער ניט געטאָן פאַר דער באַ־וועגונג ווי נאָר דאָס אַרויסגעבן די באַרימטע בראָשור „וועגן אַגיטאַ־ציע״, וואָלט דאָס אויך געווען דער גרויסער היסטאָרישער פאַרדינסט זיינער. די בראָשור וואָס האָט געמאַכט אָן איבערקערעניש אינעם געדאַנק פון די פּראָפּאַגאַנדיסטן, איז אַ ווענדפּונקט אין דער אָרגאַניזאַציאָנעלער טעטי־קייט פון די קרייזן. אין דער בראָשור דעקט אַרקאַדי קרעמער אויף די טענדענצן פון דער קאַפּיטאַליסטישער אַנטוויקלונג, דעם כאַראַקטער און

ריכטונג פונעם קלאַסן־קאַמף פון די אַרבעטער און קומט צו דער מסקנה, אַז נאָר דורך מאַסן־אַגיטאַציע צווישן די ברייטע מאַסן קען מען דערפּאָלג־רייך קעמפן קעגן עקזיסטירנדיקן רעזשים.

די בראָשור מאַכט אַן איבערקערעניש אויך אין די קרייזן פון די רוסישע אַרבעטער־פּראָפּאַגאַנדיסטן און צווישן דער רוסישער רעוואָלוציאָנערער אינטעליגענץ. זי ווערט אַרויסגעגעבן אין גרויסע אויפלאַגעס אויך אין דער רוסישער שפּראַך. די בראָשור „וועגן אַגיטאַציע" מאַכט געשיכטע. די נייע ווענדונג האָלט אָפּ אַ נצחון, אין רעזולטאַט פון וועלכן די פּראָפּאַגאַנדע־קרייזן הייבן אָן ציילן זייערע מיטגלידער אין די הונדערטער. באַלד אין ערשטן יאָר נאָכן אַריבערגיין צו מאַסן־אַגיטאַציע אין די יידישע אַרבעטער־קרייזן הייבט זיך די צאָל מיטגלידער זייערע פון עטלעכע צענדליק אויף 500 חברים. צום ערשטן צוזאַמענפאָר פון „בונד" ציילט שוין ווילנע 1500 חברים־מיטגלידער.

אין יאָר 1893 ווערט פאַרשיקט קיין ווילנע דער טעאָרעטיקער פון דער רוסישער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע ל. מאַרטאָוו. צוזאַמען מיט אַרקאַדי קרעמער איז ער טעטיק אין די קרייזן פון דער יידישער אַרבעטערשאַפט. אויף אַ פאַרזאַמלונג פון יידישע אַגיטאַטאָרן באַגרינדעט ער די נויטווענדיקייט פון אָרגאַניזירן די יידישע אַרבעטער אין אַ זעלבסטשטענדיקער יידישער אַרבעטער־אָרגאַניזאַציע.

דער צווייטער היסטאָרישער פאַרדינסט פון אַרקאַדי קרעמער איז דאָס אָרגאַניזירן דעם ערשטן גרינדונגס־צוזאַמענפאָר פון אַלגעמיינעם יידישן אַרבעטער־בונד אין רוסלאַנד, אויף וועלכן עס קומען זיך צונויף די ערשטע 13 אַפּאָסטאָלן, וועלכע גרינדן דעם „בונד". אַרקאַדי ווערט געוויילט אַלס פאָרזיצער פון ערשטן צענטראַל־קאָמיטעט. דער צוזאַמענפאָר קומט פאָר אין 1897 אויף לוקישקער גאַס אין ווילנע, אונטער דער נאָז פון דער טרויעריק־באַרימטער לוקישקער טורמע, אין דער טורמע, אין וועלכער ס'זענען פאַרשפאַרט געווען טויזנטער בונדיסטן. אויך מיך האָט די טורמע ניט פאַרפעלט אויפצונעמען אין אירע ווענט. צוויי מאָל בין איך געווען פאַרשפאַרט אין די לוקישקעס, אין די יאָרן 1920 און 1924.

וולאַדימיר מעדעם האָט געשריבן: ... דער ערשטער צוזאַמענפאָר פון „בונד" האָט געוואָרפן אַ קערנדל אין דער ערד און דאָס קערנדל

האָט זיך אָנגענומען און ס׳איז אויסגעוואַקסן אַ מעכטיקער בוים ... געוויס האָבן מיר דעמאָלט אַליין ניט געגלויבט, אַז ס׳וועט זיך פונאַנדערוואַקסן אַזאַ מעכטיקע יידישע אַרבעטער־באַוועגונג דער „בונד״, מיט הונ־דערטער אָרגאַניזאַציעס, וואָס נעמען אַזאַ אַקטיוון אָנטייל אין דער רוסי־שער רעוואָלוציע, וואָס פאַרנעמען אַזאַ בכבודיק אָרט אין שטורעמען די באַסטיליע פון דער צאַרישער דעספאָטיע. לעניו פלעגט זאָגן צו זיינע חברים, אַז אָרגאַניזאַציע און דיסציפלין דאַרפט איר זיך לערנען ביים „בונד״...

דער וויטערדיקער היסטאָרישער פאַרדינסט פון אַרקאַדי קרעמער אין דער געשיכטע פון דער רוסישער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע איז — די גרינ־דונג אירע. דער ערשטער גרינדונגס־צוזאַמענפאָר פון דער רוסישער סאָ־ציאַל־דעמאָקראַטישער פאַרטיי (מערץ 1888) אין מינסק, קומט פאַר אַדאַנק דעם „בונד״ און לויט דער דירעקטער איניציאַטיוו פון אַרקאַדי קרעמער. דאָס פאָרט ער דאָס קיין פעטערבורג, קיין קיעוו און אין אַנדערע רוסישע שטעט זיך טרעפן מיט די רוסישע סאָציאַל־דעמאָקראַטישע קרייזן און באַוועגט זיי צו באַשליסן וועגן צונויפרופן דעם צוזאַמענפאָר. צום צו־זאַמענפאָר קומען וויניקער דעלעגאַטן ווי צום בונדישן צוזאַמענפאָר. דער צוזאַמענפאָר קלייבט אויס אַ צענטראַל־קאָמיטעט פון דריי חברים, צווישן וועלכע דער פאַרשטייער פון „בונד״, אַרקאַדי, איז איינער פון די דריי. אַרקאַדי העלפט פראַקטיש, אָרגאַניזאַציאָנעל און טעכניש די אַרבעט פון רוסלענדישן צ. ק. דעם מאַניפעסט פון ערשטן צוזאַמענפאָר פון דער ס. ד. שרייבט סטרוווע, אָבער אַרקאַדי רעדאַגירט און קאָ־רעגירט אים און דרוקט אים אין דער אומלעגאַלער בונדישער דרוקעריי אין באָברויסק. ער שטעלט צו פאַר דעם רוסישן צ. ק. פון דער ס. ד. העקטאָגראַפן און שפּעטער אויך רוסישן זאַץ פאַר אַן אייגענער דרוקעריי. אַרקאַדי העלפט טעכניש אויך די עסערן (סאָציאַליסטן־רעוואָלוציאָנערן), דער פּ.ס.. ער ווערט שטאַרק פּאָפּולער ביי אַלע רוסישע רעוואָלוציאָנערע פאַרטייען.

נאָכן ערשטן צוזאַמענפאָר פון „בונד״ הייבן זיך אָן אין בונדישן ראַיאָן גרויסע אַרעסטן. עס ווערט אַרעסטירט דער גאַנצער צ. ק. פון „בונד״, אָבער די בונדישע אַרבעט שטעלט זיך ניט אָפּ, זי ווערט ווייטער געפירט דורך אַנדערע חברים, צווישן זיי דורך די חברים ד״ר

פּאַוועל און אַננאַ ראָזענטאַל. דער אַרעסט פון צ. ק. פון „בונד" איז געווען די אַרבעט פון פּיפּיקן זשאַנדאַרן־פּאָלקאָווניק זובאַטאָוו, וועלכער שטעלט זיך פאַר אַ ציל אָפּצוציען די יידישע אַרבעטער־מאַסן פון פּאָ־ליטישן קאַמף, דורך אויפשטעלן אַ לעגאַלע יידישע אַרבעטער־אָרגאַניזאַ־ציע פאַר עקאָנאָמישן קאַמף. די גרויסע אַרעסטן צווישן די יידישע אַר־בעטער און בעיקר — דער אַרעסט פון צ. ק. פון „בונד" מיטן חבר אַרקאַדי אין דער שפּיץ האָט באַצוועקט, אַז דער בונדישער אַקטיוו מיטן צ. ק. זאָלן צושטיין צו זיין ניי־געשאַפענער לעגאַלער אָרגאַניזאַציע.

זובאַטאָוו מאַכט אָנשטרענגונגען איבערצוצייגן די טוער פון צ. ק. פון „בונד", באַזונדערס דעם ח' אַרקאַדי קרעמער פאַר זיין, זובאַטאָווס, „אידעע"... אַרקאַדי בלייבט פעלזנפעסט אין זיינע בונדישע איבערציי־גונגען. זובאַטאָוון גיט זיך איין „איבערצוצייגן" די בונדישע אַרעסטאַנטן כ'אַניע ווילבושעוויץ און סאַשע טשעמערינסקי. מאַניע ווילבושעוויץ שווימט שפּעטער אַרויף אין ארץ־ישראל, ווו אומפאַראַנטוואָרטלעכע טינטלער שרייבן וועגן איר, ווי וועגן אַ העלדין פון דער רעוואָלוציאָנערער באַווע־גונג אין רוסלאַנד... און טשעמערינסקי איז דאָס דער שפּעטערדיקער סעק־רעטאַר פון דער טרויעריק־באַרימטער יעווסעקציע. די דאָזיקע צוויי רענעגאַטן גיט זיך איין צו שאַפן אין מינסק אַ זובאַטאָוו־אָרגאַניזאַציע. זיי קומען אויך קיין ווילנע צו שאַפן אַזאַ אָרגאַניזאַציע. סאַשע טשע־מערינסקי פלעגט אַרומגיין מיט אַ רעוואָלווער אין טאַש, מורא האָבנדיק דורכצוגיין די ווילנער גאַסן.

אין ווילנע ליידט די זובאַטאָווטשינע אַ מפּלה. נישט לאַנג עקזיסטירט זי, זובאַטאָווס מאַכערייקע. זיי ציען בלויז צו די שוואַכע עלעמענטן. נאָך אַ קורצער צייט ליקווידירן זיי זיך. דער „בונד" אַנטוויקלט זיין טעטיקייט אין רוסלאַנד, פּוילן און ליטע נאָך מיט מער שווונג...

אין דער תקופה פון ערב־„בונד" און עטלעכע יאָר נאָך דער גרינדונג זיינער, ליגט די גאַנצע אַרבעט אויף די פּלייצעס פון אַרקאַדי קרעמער: אין זיינע הענט ליגט דאָס אויפשטעלן אומלעגאַלע דרוקערייען; ער באַזאָרגט די אַרטיקלען פאַר די אויפרופן, בראָשורן און פאַר דער „אַרבע־טער־שטימע"; ער זאָרגט זיך פאַר טראַנספּאָרט אויף אַריבערצופירן די צייטשריפט „דער יידישער אַרבעטער", וועלכער דרוקט זיך אין אויס־

לאַנד, קיין רוסלאַנד. אַלץ איז אויף זיין קאָפּ, אַלץ ווערט אָרגאַניזירט און אָנגעפירט דורך אַרקאַדי קרעמער.

זיין מיטקעמפּער ל. מאַרטאָוו שרייבט: ...אַרקאַדי איז געווען דער קאָפּ פון דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג אין רוסלאַנד... (פראַנץ קורסקי — זכרונות). אין זיינע זכרונות שרייבט דזשאָן מילל:

...„אויף די עלטערע יאָרן וועבן זיך לעגענדעס אַרום אַרקאַדיס נאָמען, זיין צוציאונגס־קראַפט איז שווער צו דעפינירן, ער פאַרמאָגט עפּעס אַ באַ־זונדערן צויבער, האָט אויף מענטשן אַ גוואַלדיקע ווירקונג..." קאָסאָווסקי שרייבט: ...„אַרקאַדי קרעמער איז געווען דער לעבעדיקער סימבאָל פון דער אויפגעשטאַנענער יידישער אַרבעטערשאַפט"...

ווען די כוואַליע פון דער רוסישער רעוואָלוציע (1905—6) פאַלט אָפּ, גייט אַרקאַדי אַריבער צום פּריוואַטן לעבן. שוין אין די מיטעלע יאָרן — שטודירט ער אין פראַנקרייך עלעקטריציטעט און בלייבט דאָרטן אַרבעטן אַלס אינזשיניער. נאָך דעם ערשטן וועלט־קריג קומט אַרקאַדי צוריק קיין ווילנע, ווערט לעקטאָר אין יידישן לערער־סעמינאַר א"נ פון וולאַדימיר מעדעם, און — אין יידישן טעכניקום. דאָ גיט ער אָפּ פיל צייט פאַרן איבערזעצן די טעכניש־וויסנשאַפטלעכע טערמינען אויף יידיש. זיין געזונט־צושטאַנד איז דעמאָלט שוין ניט צום בעסטן.

אין יענער צייט עקזיסטירן שוין די שפּאַלטונגען אין ווילנער „בונד" איפן רעכטן ס. ד. — און לינקן־„בונד". אין יאָר 1924, בעת דער ווידער־פאַראייניקונג פוןביידע „בונדן", טרעט אַרקאַדי אַריין אין דער ווילנער אָרגאַניזאַציע און בלייבט ביז זיין טויט אַ מיטגליד פון ווילנער קאָמי־טעט פון „בונד". כ'האָב לאַנג שוין געהאָט געהערט וועגן אַרקאַדי קרע־מער. ווי שוין דערמאָנט, האָבן זיינע חברים — די פירער פון „בונד" געשריבן וועגן אים מיט די העכסטע סופּערלאַטיוון. אָבער איצט, בעת מיין אַקטיווער אַרבעט אין ווילנער קאָמיטעט, האָב איך ערשט די גע־לעגנהייט צו אָבסערווירן אים פון דער נאָענט. ער האָט ווירקלעך פאַר־מאָגט אַ צויבער־קראַפט, געווען שטרענג צו זיך און שטרענג צו דעם אַרום. ער פאָדערט דיסציפּלין. באַשלוסן דאַרפן אויסגעפירט ווערן ביזן לעצטן „יאָט". ער האָט ניט ליב קיין הויכע באָמבאַסטישע רייד. געדאַנקען דאַרפן אַרויסגעזאָגט ווערן פּשוט, איינפאַך, קלאָר און זאַכלעך, ווי ער אַליין איז עס געווען אין לעבן. אויף די קאָמיטעט־זיצונגען פלעגט ער

קומען פינקטלעך. ער באַציט זיך גלייך צו אַלע חברים, אָן אויסנאַם. ער האָט ניט ליב קיין יחסנים. מעדעם שרייבט וועגן אים: „די שאַל איז האַרט, נאָר די יאָדרע — זיס״...

אונדזער באַוועגונג ווייסט ווי אָפּצושאַצן זיינע היסטאָרישע פאַר־דינסטן פאַרן „בונד״. צוויי מאָל קלייבט אים די ווילנער אָרגאַניזאַציע אויס אַלס איר ערן־פּאָרזיצער. ער אַנטלויפט פון כבוד, נאָר דער כבוד יאָגט אים נאָך. אַזוי ווערט ער אויף צוויי בונדישע צוזאַמענפאָרן — אויפן פערטן און פינפטן — איינגעלאַדן אַלס ערן־דעלעגאַט און זיצט אין פּרעזידיום נעבן נחן.

אַרקאַדי דערלעבט אויף זיינע עלטערע יאָרן צו זען די פּרוכט פון זיין שווערער מי: דער פונאַנדערוווּקס און פונאַנדערבליאונג פון דער בונדישער באַוועגונג אין פּוילן; די דערגרייכונגען פון דער בונדישער יוגנט־באַוועגונג, וועלכער ער האָט אַזוי ליב געהאַט...

ס׳טרעפט, אַז אַרקאַדי איז אויך געמיטלעך, אַפילו וויציק...

כ׳דערמאָן זיך: 1926. מיר פאָרן קיין וואַרשע ווי דעלעגאַטן צום צווייטן שול־צוזאַמענפאָר. עס זיצן אין וואַגאָן: אַרקאַדי קרעמער, אַננאַ ראָזענטאַל, ווירגילי כהן, יוסף אַראַנאָוויטש, זשעלעזניקאָוו און איך. די שטימונג אין וואַגאָן — אַ געהויבענע, מען וויצלט זיך. אַרקאַדי פרעגט אַ רעטעניש:

...וואָס איז עס: זיצט ער — שלאָפט ער, שטייט ער — רעדט ער, ווער איז ער? קיינער ווייסט ניט, וואָס צו ענטפערן.

רופט זיך אָן אַרקאַדי:

— דאָס איז חבר זשעלעזניקאָוו...

דערציילט ווירגילי כהן:

אַמאָליקע יאָרן פלעגט אַרקאַדי פאָרן באַזוכן דעם בונדישן ראַיאָן. די פאָרשטייער פון די קאָמיטעטן פלעגן זיך באַקלאָגן אויפן צ. ק., הלמאי מען שיקט זיי צו ווייניק ליטעראַטור, נישט גענוג רעפערענטן און רעדנער אאַ״וו.

אַרקאַדי פאַרצייכנט דאָס אַלץ אויף אַ קליין שטיקל פּאַפּיראָסן־פּאַפּיר. פאַרשיפרירט אַלץ — רופט ער זיך אָן:

... איצט קאָנט איר שוין זיין רואיק. מען וועט שוין שיקן מער ליטע־ראַטור און רעדנער.

פרעגט אים ווער: ווען וועט איר שיקן? קאָן ער כאָטש רעדן?
אַרקאַדי ענטפערט:
... רעדן קען ער נישט, נאָר ער רעדט.
מען איז צופרידן, מע לאַכט...
אויף אַ פּאַרטיי־פאַרזאַמלונג אין ווילנע. מען רעדט וועגן סאָוויעטישער פּאָליטיק, וועגן דער פּאַרטיי־ליניע. אַרקאַדי דערציילט:
— „אין מיינע סטודענטישע יאָרן האָב איך געדינט אַ יאָר צייט אין דער צאַרישער אַרמיי. מען לערנט אונדז שיסן. מען דאַרף שיסן אין אַ בהמה. גייט די בהמה לינקס — דאַרף מען שיסן לינקס. גייט זי רעכטס — דאַרף מען שיסן רעכטס... אַזאַ איז די באָלשעוויסטישע פּאַרטיי־ליניע: אָפּנויגן. רעכטס אָדער לינקס. נישטאָ קיין מיט...

* * *

ווען מיר צייכענען אָפּ דעם הונדערטסטן געבוירנטאָג פון אַרקאַדי קרעמער, ווענדן מיר אונדזערע בליקן און געפילן צום בונדישן אַמאָל — צו זיין בראשית.
אין דער פינצטערער נאַכט פון צאַרישן רוסלאַנד האָט אַרקאַדי קרעמער אָנגעצונדן דעם ליכט־פאַקל, וועלכער ווערט געטראָגן דורך זיינע מיטקעמפער — די בונדישע פירער: קאָסאָווסקי, נח, מעדעם, בייניש מיכאַלעוויטש, הענריק ערליך א״א — מיט גרויס אידעאַליזם, מיט מסירת־נפש פאַר דער באַפרייאונג פון דער מענטשהייט.
אַ גריכישע לעגענדע דערציילט:
... אויף זייערע מלחמות פלעגן די גריכן טראָגן פאַקלען צו באַלייכטן די שלאַכטן. פריער פלעגן גיין די זקנים מיט די פאַקלען, נאָך זיי — די יונגע. ווען ס׳פאַלט אין שלאַכט ווער פון די זקנים, פלעגט אַ יונגער איבערנעמען זיין פאַקל און אים ווייטער טראָגן...
נאָכדעם ווי סאָוויעט־רוסלאַנד האָט פאַרניכטעט די סאָציאַל־דעמאָקראַטישע באַוועגונג און בעת דעם היטלער־קאַטאַקליזם, באַגלייטן די די בונדיסטן אין פוילן דאָס פאָלק — די מיליאָנען אומגעקומענע אין די קרעמאַטאָריעס פון טרעבלינקע, מיידאַנעק, אָשוויענטשים. די געראַטעוועטע בונדיסטן, צעזייט און צעשפּרייט איבער דער וועלט טראָגן ווייטער דעם ליכטפאַקל, האַלטן אויף זיין פלאַם... און כל־זמן עס עקזיסטירט אויף דער וועלט רשעות, כל־זמן מיליאָנען מענטשן האָבן

ניט קיין זאַט לעבן און די וועלט קורטשעט זיך אין שרעק פאַר דער אַטאָם־געפאַר, כל־זמן ס׳איז ערנסט באַדראָט די ציוויליזאַציע — דער פּראָדוקט פון מענטשלעכער גאונות — וועט דער פאַקל לייכטן און באַלייכטן די שלאַכטן פון דער מענטשהייט פאַר אַ בעסערן מאָרגן...

נאָכן זיג פון פרייהייט, פון מענטשלעכקייט, פון סאָציאַליזם, וועלן לערער אין די שולן דערציילן זייערע שילער די לעגענדע, דאָס וווּנדער־מעשהלע פון די העלדן, פון די מאַרטירער, וואָס האָבן אויסגעקעמפט דעם נצחון פאַר דער מענטשהייט — און די קינדער וועלן לייגן קרענץ צופוסנס זייערע דענקמעלער.

אינעם פאַנטעאָן פון יענע, וועלכע האָבן אָפּגעגעבן זייער לעבן פאַר דער הייליקער זאַך פון פרייהייט, וועלן אויך גישט פעלן די נעמען פון די פירער פון „בונד״ און צווישן זיי — וועט לייכטן מיט אַ באַזונדער ליכט דער נאָמען: אַ ר ק אַ ד י ק ר עמ ע ר.

מיין אני מאמין

(פון אַ מעשהלע פון י. ל. פרץ).

. . . „זעט אויך דער שפּיץ פון באַרג דעם גרויסן הימל־שטיק פון געוועלב איבער ערגעץ־לאַנד, און דעם שענסטן זונאויפגאַנג יעדן מאָרגן פרי אין ערגעץ־לאַנד״...

אָט די ערשטע זון־שטראַלן אויפן באַרג־שפּיץ פון ערגעץ־לאַנד האָבן באַשטראַלט און געוואַרעמט מיין לעבן. — פון ערשטן זון־אויפגאַנג פון דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג — פון „בונד״ (פון יאָר 1903), בין איך אַ סאָציאַליסט, אַ בונדיסט. און איצט, ווען איך שרייב די דאָזיקע נאָטיצן פון מיין: אַמאָל געוועזן... איז דאָס פאַר מיר אַ חשבון־הנפש, אַ מין ווידוי, ווי איינער, וואָס שטעלט זיך אָפּ אַ מינוט אין מיטן אַ לאַנגן וועג צום ערגעץ־לאַנד. ער גייט און גייט... מיטאַמאָל קערט ער זיך אום און גיט אַ קוק אויפן ווייטן האָריזאָנט, אויפן ווייטן שוין דורכגעגאַנגענעם וועג, טוט אַ טראַכט, דרייט זיך אויס און גייט ווייטער צו זיין אויסגעבענקטן ציל...

די נאָטיצן מיינע זענען קורצע, קאָנדענסירטע. ווען איך שטעל זיך אָפּ צו באַטראַכטן צי איז באַרעכטיקט געווען מיין דורכגעגאַנגענער וועג

אין לעבן, קומען מיר אויפן זינען די מעמואַרן פון דער באַקאַנטער אַר־בעטער־טוערין, אנדזשעליקא באַלאַבאַנאָווא. זי איז געבוירן געוואָרן ביי אַ זייער רייכער משפחה, שטודירט אין עטלעכע אוניווערסיטעטן. עס ציט זי צו דער אַרבעטער־באַוועגונג. זי האָט געהאַט צוויי גוווערנאַנטינס פאַר ענגליש און פראַנצויזיש. זי איז ניט אַריין אין דער אַרבעטער־באַוועגונג, ביז זי האָט ניט גרינטלעך שטודירט דעם מאַרקסיזם: מאַרקסיסטישע פילאָזאָפיע, סאָציאָלאָגיע און אַלע אַנדערע טעאָרעטיש־סאָציאַלע וויסנ־שאַפטן... מיין דערציאונג, מיינע אוניווערסיטעטן האָב איך דורכגעמאַכט אין דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג, אין „בונד" — אין יענע אַרבע־טער־קרייזלעך, וווּ כ'האָב זיך אָנגעטרונקען מיט סאָציאַליסטישן וויסן, וווּ מ'האָט מיך געלערנט מאַרקסיזם: היסטאָרישן און דיאַלעקטישן מאַ־טעריאַליזם, פּאָליטישע עקאָנאָמיע. שפּעטער האָב איך אַליין אָנגעפירט מיט אַזעלכע קרייזלעך און געלערנט אַנדערע. מיין ערשטער דער־ציער אָבער איז געווען מיין היים. מיין סאָציאַלער אָפּשטאַם: אַ קייט פון דורות אַרבעטער, האַרעפּאַשניקעס, סטאָליאַרעס מיט גרויסע משפחות און ווייניק ברכות... אַלע כמעט גרויסע קבצנים, אָן אַ שטיקל ברויט צו דער זעט. אַלע האָרץ־קראַנקע, „סוכאָטניקעס". זעלטן ווער פון זיי ס'האָט אַריבערגעלעבט די פופציק יאָר. איז געקומען די יידישע אַר־בעטער־באַוועגונג און געלערנט מיך פאַרשטיין, אָנגעוויזן מיר אויף דער סיבה פון הונגער, נויט, פון אָרעמקייט און שפלות. — אָנגעוויזן אויף דער נישט־גלייכהייט אינעם געזעלשאַפטלעכן סדר — אויפן כאַראַקטער פון דער קלאַסן־געזעלשאַפט. זי האָט מיך געלערנט, אַז מען מוז ענדערן דעם דאָזיקן סדר פון קאַפּיטאַליזם אויף סאָציאַליזם, און אַז מען דאַרף פירן אַ שטאַרקן קאַמף פאַר אָט דער ענדערונג, אַז דער גרעסטער שטער צו פירן דעם קאַמף איז די צאַרישע זעלבסטהערשאַפט, מען מוז פירן אַ בלוטיקע מלחמה מיטן צאַריזם.

ווען איך באַטראַכט: ווי אַזוי וואָלט איך אויסגעזען איצט, אָן דער אַרבעטער־באַוועגונג, אָן „בונד", אָן יענע בראַשורן פון 1905־טן יאָר, פון וועלכע ס'איז לעצטנס געוואָרן אַ מאָדע אָפּצולאַכן, אויסצוחוזקן, כאָטש די אָפּלאַכער גופא זענען דאָס וואָס זיי זענען, — אַ דאַנק יענע פּראָפּאַ־גאַנדע־ און אַגיטאַציע־מאַטעריאַלן: זענען אַליין אַ פּראָדוקט פון יענע בראָשורן. מיין געטרייער זיידע ניסן בן יואל האָט געוואָלט זען אין מיר

אַ פרומען ייד. אויף איינער אַן עלטערן־פּאַרזאַמלונג פון דער יידיש־וועלטלעכער שול אין ווילנע האָט איינער אַ פּאָטער געזאָגט:

... מיך האָבן מיינע עלטערן געלערנט צו וויסן וואָס עס טוט זיך אין די הימלען, וויפל פענצטער עס האָט געהאַט דער בית־המקדש... מיר דאַרפן אונדזערע קינדער לערנען וואָס עס טוט זיך אויף דער ערד... יאָ, ווען איך פאָלג נאָך מיין זיידן ניסן, וואָלט איך היינט אין בעסטן פאַל געווען אַ פרומער סטאָליער, אַן אידעאַלער תהלים־זאָגער... איז געקומען דער „בונד" און מיך אויפגעהויבן אויף זיינע פליגל און געלערנט מיך וויאַזוי צו קעמפן פאַר מענטשלעכע אידעאַלן, צו לעבן פאַר זיי און אויך צו שטאַרבן פאַר זיי — ווען נייטיק... איך האָב מיט באַגייסטערונג אָנגענומען דעם רוף זיינעם...

איך שרייב אָט די שורות פון מיטן וועג. שוין עטלעכע און זעכציק יאָר טרעט איך מיט זיכערקייט אויפן דאָזיקן וועג. און פון דעם וועג — דעם וועג פון גלויבן אין פרידן, אין פרייהייט, אין הומאַניזם — וועל איך נישט אַראָפּ ביז מיין לעצטן אָטעמצוג.

איך האָב פון „בונד" גענומען מערער ווי איך האָב אים געגעבן. כ'האָב גענומען פון „בונד" מיין וועג אין לעבן, מיינע שטרעבונגען און אידעאַלן. דער „בונד" האָט אָנגעפילט מיין לעבן מיט זין, מיט אינהאַלט. און ווען איך באַטראַכט איצט מיין דורכגעגאַנגענעם וועג, וואָס האָט זיך געצויגן דורך די שטעט פון ווייסרוסלאַנד, רוסלאַנד, אוקראַינע און פוילן, און — אַז מיינע מיטעלע און רייפע יאָרן האָב איך אָפּגעגעבן דער בונדישער קרוין־שטאָט ווילנע, די שטאָט, וווּ עס איז געשטאַנען דאָס וויגעלע פון „בונד", די שטאָט פון אַרקאַדי קרעמער, פון נח פּאָרטנאָי, אַננאַ ראָזענטאַל, א. ליטוואַק און אַלע אַנדערע פירער פון „בונד", ווער איך פול מיט שטאָלץ. דער דאָזיקער וווּנדערלעכער שטאָט האָב איך אָפּגעגעבן די בעסטע יאָרן פון מיין לעבן. כ'האָב זיי אָוועקגעגעבן דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג, מיט איר פאַרצווייגטער און מעכטיקער שול־ און קולטור־נעץ, וועלכע איז צום גרויסן אומגליק און ווייטיק אונדזערן אומגעקומען צוזאַמען מיטן פאָלק.

* * *

מיין וויכטיקייט באַטייליקט זיך אַקטיוו אין די אַלע צווייגן פון דער בונדישער באַוועגונג. ניט איינמאָל שטעל איך זיך די פראַגע, ווו האָט

מען געגומען כוח, צייט אוןווילן ?... אַ גאַנצן טאָג געאַרבעט אַלס סטאָליער־אינסטרוקטאָר און אין אָוונט געפירט קורסן פאַר די שילער. ביז שפעט אין דער נאַכט — געפרעזידענטעוועט : געווען אַ לאַנגע צייט פאַרזיצער פון דער בונדישער אָרגאַניזאַציע אין ווילנע ; געווען פאַרזיצער פון קולטור־אַמט און פון פיל אַנדערע אַנשטאַלטן. מען האָט פאַרנאַכלעסיקט דאָס פריוואַטע לעבן, די משפחה. אָפּגעגעבן אַלע פיזישע און גייסטיקע כוחות פאַר די אידעאַלן פון דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג — פאַר דעם „בונד”. און ווען מען פרעגט מיך אַצינד, נאָך קנאַפּע זיבעציק יאָר טע־טיקייט, צי וואָלט איך גרייט געווען נאָך אַ מאָל געבוירן צו ווערן און דורכמאַכן דעם זעלבן וועג, וואָלט איך געענטפערט „יאָ!” אָבער איך וואָלט זיך באַמיט אויסצומיידן באַגאַנגענע פעלערן...

עמנואל נאָוואָגרודסקי האָט געשריבן : ...מיר האָבן אַ געוויסע צייט זיך פאַרשיכורט מיטן לינקיזם... יאָ, איך האָב אפשר מער פון אַנדערע געגלויבט אין דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע, אַז זי טראָגט מיט זיך די פאַר־ווירקלעכונג פון סאָציאַליזם. גרויסע פאַרטייען אין אייראָפּע האָבן זיך געשפּאָלטן אַרום די פּראָבלעמען פון דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע. דער „בונד” האָט די אַלע מיינונגס־פאַרשידנהייטן און שטרייטן דורכגעטראָגן דיסציפּלינירט, אין פאַרהעלטניסמעסיקער אייניקייט. מיין טיפע איבער־צייגונג און גלויבן אין די יסודות פון דער בונדישער אידעאָלאָגיע איז פאַרבליבן אומדערשיטערט. דער „בונד” האָט אויסגעהאַלטן די פייער־פּראָבע פון דער געשיכטע.

מיר קומען צוריק צום מעשהלע פון י. ל. פּרץ :

... אַ בענקשאַפט צום ערגעץ־לאַנד, צום הויכן באַרג־שפּיץ אין ער־געץ־לאַנד ; צום פרידן־לאַנד, מיט דער שטראַלנשפּראַך... אַ בענקשאַפט־פּיין ! אַ בענקשאַפט־ריין !...

* * *

רשימה פון בונדיסטן, מיט וועלכע איך האָב מיטגעאַרבעט אין אָנ־פירנדיקע אינסטאַנצן פון „בונד" אין ווילנע און אין אַנדערע ערטער אין די יאָרן 1902—1930 — ביז מײַן אָפּפאָרן אין דרום־אַפריקע.

די רשימה לויטן אלף־בית.

א.

אידלסאָן מאַרק אינזשיניער, אָפּמאַן יאַשקע, אָקון ישראל אינזשיניער, אָקון מאַריאַ, אַראָנסאָן זונדל, אַראַנאָוויץ יוסף, אַרקאַדי קרעמער (אַלעקסאַנדער).

ב.

בירזאָווסקי דוד, בעקער הירש.

ג.

גראָסמאַן יעקב, גאַבריעלאָוו בינע, גאָלאַנד לייזער, גאָלאַנד זשעני, גאָלדבורט ד"ר, גאָלדשמידט אליהו יעקב.

ד.

דובאָווסקי יעקב.

ה.

האָדעס לייוויק.

ו.

ווידמאַן בערל, ווינער בענצל, וויינרייך מאַקס ד"ר, וויינשטיין לייבל, וויינשטיין לייבל.

ז.

זשעלעזניקאָוו יעקב.

ט.

טשעזשעווסקי פייגל, טייטל יוסף.

י.

יעדידאָוויטש שאול, יאָפע מרדכי.

כ.

כאַרלאַש יצחק, כהן (ווירגילי).

ל.

לעווין וויערא, ליטוואַק א. — יעקב, לייבעטשקע בערמאַן, לאַנצמאַן לאָזער, ליפשיץ גרישאַ.

מ.

מאַזור איסאַק, מיכאַלעוויטש ביינישׂ.

נ.

נאַוואָפּלאַנט שמואל, נאַוויק מאַטל, נחומזאָן נחום (ספּעקטאַטאָר).

ס.

סאָסנאָווסקי נחום, סאַפּיר איליאַ, סעגניצקי סענדער.

ע.

עפּשטיין רבקה.

פּ.

פּלודערמאַכער גרשון, פּלודערמאַכער זינע, פּיין אפרים, פּופּס ניסן, פּעסקעס מאַרק, פּעלקעל חיים, פראַנקפורט יודל, פּערסקי משה, פּישמאַן יעקב־הערש.

צ.

ציפּקין יוסף.

ק.

קאָזשעוויקאָוו שיע, קאָלפּ חיים, קאַרעליץ חנה, קולקעס לייזער, קליט שלמה, קלעבאַנסקי רפאל.

ר.

ראָזענטאַל אננא, ראָזענטאַל פּאַוועל ד״ר (אַנמאַן), ראָזע לעוויט פרידע, רובינשטיין מאַטל, ראַפּעס יצחק ד״ר, ראַשל די שניידערקע, ריינהאַרץ מאַני.

ש.

שאַפּירא סאָניע („דינה״), שמוקלער ראובן.

* * *

די רשימה פון אַקטיווע בונדיסטן — מיינע מיטקעמפער איז זיכער ניט קיין פולע. פון אַ טייל האָב איך פאַרגעסן די נעמען. אַנדערע זיינען אינגאַנצן אַרויס פון זכרון. איך געדענק שוין ניט, מיט די יאָרן ווערט אויך דער זכרון אָפּגעשוואַכט. בלויז עטלעכע פון דער רשימה לעבן נאָך. דער רוב אָבער איז געשטאָרבן: ווער מיט אַ נאַטירלעכן טויט, ווער — אין די היטלער־גיהנומס, ווער — אין די סאָוויעטישע טורמעס און לאַגערן.

פיל פון זיי האָבן געהאַט אַ סטאַזש פון רעוואָלוציאָנערן קאַמף, פון איבערלעבונגען אין די צייטן פון צאַרישן רוסלאַנד. אייניקע פון דער רשימה זענען גרינדער און פירער פון „בונד" אין רוסלאַנד, פוילן און ליטע, וועלכע האָבן געדינט דער אַרבעטער־זאַך מיט לייב און לעבן, מיט גרויס מסירת־נפש, געטריי די אידעאַלן פון דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג. זיי וועלן זיכער אַריין אין דער געשיכטע פון „בונד". די מערהייט אָבער פון דער רשימה זענען נאָמענלאָזע, „אומבאַקאַנטע זעלנער" פון דער רעוואָלוציע. זיי ווערן ניט פאַרצייכנט אין דער געשיכטע.

זאָל דאָס פאַרצייכענען אין דעם בוך זייערע נעמען אין דער רשימה פון אַקטיווע טוער פון „בונד" דינען ווי אַ הייליקער אָנדענק פון זייער לעבן און קאַמף.

אינהאַלט:

הקדמה 7
מיין שטעטעלע האָרקי 9
מיין אָפשטאַם 11
ביי מיין זיידן אין ליאַדי 12
אין חדר 13
ווידער אין האָרקי 15
נויט און קראַנקייט 17
איך לערן סטאָליערײַ 19
מיין ערב „בונד" 21
איך ווער אַרעסטירט 22
איך פאָר אַהיים 23
אין דער אַרבעטער־באַוועגונג 24
מיר גרינדן אַ בונדישע אָרגאַניזאַציע 26
תשעה־באב אין וואַלד 28
אין שטעטל דריבין 29
16־טער יאַנואַר 1905 31
אָרשע 33
אויף דער לוויה פון אַ חבר 36
פּראָטעסט־מאַניפעסטאַציע אין יולי 1905 37
17־טער אָקטאָבער 1905 38
די זעלבשוץ אויף דער וואַך 40
דער „בונד" פאַרטרייבט שדים... 42
וואַלן צו דער 2־טער מלוכה־דומע 44
איך ווער אַרעסטירט 45
אין יולי 1907 — ווידער אַרעסטירט 46
צאַרישע רעאַקציע 47
איך פאָר קיין קיעוו 48
ווידער אין קיעוו 50
9־טער יאַנואַר 1910 54
איך ווער אינסטרוקטאָר 56
איך ווער ווידער אַרעסטירט 57
אין ווילנע 58
דער „בונד" אין ווילנע 1912 59
איך טרעף מיין מוטער אין ווילנע 60
אַרבעטער־אומרוען אין רוסלאַנד 62
אַרעסטן פון בונדיסטן 64
לאַזער לאַנצמאַן און ראָשל די שניידערקע 65
אבראַם ריעזשיק דער אָפּאָזיציאָנער 67

ביניש מיכאלעוויטש אין ווילנע 69
אין דייטשע קוילן־גרובן 70
אין ווילנע 73
קברים 74
די נאָוועמבער־רעוואָלוציע אין דייטשלאַנד 76
דער אַרבעטער־ראַט אין ווילנע 76
מיר גרייטן זיך באַפרייען די אַרעסטירטע 78
מאַסן־מיטינג אויפן קאַטעדראַל־פּלאַץ 79
פיר חדשים ראַטן־מאַכט 82
אַ טעגלעכע בונדישע צייטונג 83
11־טע קאָנפערענץ פון „בונד" 84
ערשטע געווײלטע קהילה 86
די סאָוויעטן־מאַכט פאַרלאָזט ווילנע 88
12־טע קאָנפערענץ פון בונד" אין מאָסקווע 89
וו. מעדעם אין ווילנע 90
שפּאַלטונג אין ווילנער „בונד" 92
ליטווישע מאַכט אין ווילנע — איך ווער אַרעסטירט . . 93
צוקאָאָפּטירט צום הויפּט־קאָמיטעט פון „בונד" אין ליטע . 94
פּלענום פון צ. ק. אין מאָסקווע 95
אויף אַ צוזאַמענפאָר פון די אַרבעטער־ראַטן אין מאָסקווע . 97
מיט עמנואל נאָוואָגרודזקי אין קאָוונע 103
אויף דער אויסעראָרדנטלעכער 13־טער קאָנפערענץ פון בונד" 104
דער 10־טער קאָנגרעס פון דער רקפּ 107
די דעלעגאַציע פון „בונד" אין ליטע צוריק אין קאָוונע . 109
צוריק אין ווילנער „בונד" 110
קולטור־ליגע 112
פאַראייניקונג פון ביידע „בונדן" 113
קאָנפערענץ פון אינסטרוקטאָרן פון די פאָך־שולן . . . 115
איך ווער אַרעסטירט 116
4־טער צוזאַמענפאָר אין וואַרשע 118
איך פאַרלאָז ווילנע 120
אין קייפּטאָון 122
בונדישער אינטערנאַציאָנאַליזם 127
העלדן און מאַרטירער אין דער געשיכטע פון „בונד" . 131
דעם אָנדענק פון מיין חבר און פריינד בענצל צאַלעוויטש . 138
די רוסישע רעוואָלוציע פון 1917 141
דייטשלאַנד 145
מדינת ישראל 147
עקאָנאָמישע־ און זיכערקייטס־פּראָבלעמען ביי יידן . . 151
„יוגנט־בונד־„צוקונפט" אין ווילנע 153
אַ גרוס פון זיידן צו די אייניקלעך 156
מיטגעאַרבעט מיט אַרקאַדי קרעמער 157
מיין אני מאמין 165
* * * רשימה פון בונדיסטן 169